STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04656

GESHIKHTES UN PORTRETN

Yankl Yakir

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Robert Weisberger
in honor of
his parents, Louis & Lili and his children Ben, Kate, David & Billy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַנקל יאַקיר

געשיכטעס און פּאָרטרעטן

געשיכטעס און פּאָרטרעטן וועלכע ערשיינען אין דעם בוך זענען
אויסגעקליבן דורך זיין פרוי מ אַ נ י ע, און אַרויסגעגעבן צוזאַמען
מיט איר זון שלום יאַקיר און מיט דער אָנגעזעענער מיטהילף פון
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש י ה ו ש ע ר ב י נ ו ב י ץ
און אויך פון קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל

יאַנקל יאַקיר

געשיכטעס
און
פּאָרטרעטן

אַרויסגעגעבן דורך "אייגנס", תל־אביב, 1981

Yankl Yakir
GESHICHTES UN PORTRETN

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1981

נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

יאַנקל יאַקיר

1909—1980

שלום יאַקיר

אַ קדיש נאָך מיין טאַטן

לאָמיר זאָגן אַז דאָס איז זיין לעצטער אָוונט, אַן אָוונט מיט שוואַרצע אותיות. גוט וואָס ער זעט זיי נישט, ווייל מיין טאַטע האָט שטאַרק פיינט געהאַט שוואַרצע פאַרבן.

דאָ זיצן מענטשן וואָס האָבן גוט געקענט מיין טאַטן. ווער מער און ווער ווייניקער. מיר ווייסן אַלע אַז ס'וועלן קומען שבחים; גוטע פריינד וועלן רעדן פונעם גאַנצן האַרצן, אַנדערע וועלן זאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט פאַרגינען אים צו זאָגןביים לעבן.

און אויב איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און האַרץ און שטיי דאָ פאַר אייך, איז וויל איך פרווון געבן אין אַ פאָר שטריכן מיין טאַטן — יאַנקל יאַקיר — און וואָס פאַר אַ פּלאַץ ער האָט פאַרנומען אין אונדזער משפחה. נאָר פריִער, איך זאָל נישט פאַרגעסן, וויל איך דערציילן פון צוויי גוטע פריינד זיינע.

מיין טאַטע האָט געהאַט טויזנטער מענטשן וואָס האָבן אים פשוט ליב געהאַט. דאָס זיינען געווען, מער־ווייניקער, מענטשן פונעם פשוטן פאָלק. ער האָט זיי אָבער נישט ווייניקער ליב געהאַט. געווען אויך אַ טייל וואָס האָבן שטענדיק געזוכט אַ סיבה ליב צו האָבן, און דאָרט ווו מ'זוכט — געפונט מען דווקא מערער פאַר וואָס „ליב צו האָבן" נישט אַזוי אַי־אַי־אַי...

וועלן מיר ריידן וועגן די צוויי גוטע פריינד: איינעם פון זיי האָט מיין טאַטע געהאַט אין רוסלאַנד — הערשעלע מעדניקאָוו.

אַ מענטש מיט אַ גרויס ייִדיש האַרץ, מיט אַ סך חכמה, און דער עיקר: אַ מענטש מיט אַ גוטן אויער אויסצוהערן, און דאָס איז געווען פאַר מיין טאַטן גאָרנישט אַזוי ווייניק. חוץ אַלעמען האָט מעדניקאָוו זייער גוט געלאַכט, און ווי זאָגט דאָס פאָלק: גוט לאַכן — קען נאָר אַ גוטער מענטש. אַ שלעכטער — פאַרגינט זיך נישט אַפילו צו לאַכן. אַזוי זיינען זיי געווען די בעסטע, נאָענטסטע חברים, אָנהייבנדיק פון דער גימנאַזיע „מגן־דוד" ביז צום אַוועק־פאָרן קיין ישׂראל.

אין ישׂראל האָט מיין טאַטע געפונען אַ צווייטן גוטן פריינד, און דאָס איז אברהם יָהֶל, וואָס איר, איינוווינער פון נתניה, קענט אויף זיכער. דאָס איז אַ מענטש וואָס מיר, די משפחה יאַקיר, און איך פערזענלעך, וועל נישט פאַרגעסן זיין באַציִונג צו מיין טאַטן. חוץ דעם וואָס ער איז אַ גוטער איבערזעצער פון ייִדיש אין עברית, איז ער ביז היינט אַ גוטער איבערזעצער פון אונדזערע קליינע און גרויסע פּראָבלעמען פון עברית אויף ייִדיש.

איצט צוריק צו מיין טאַטן. אַ חודש ליגט ער שוין אויפן בית־עולם. ער האָט זיכער שוין געקענט געפונען אַ פּאָר היימישע ייִדן — ווו האָט ער זיי נישט געפונען? איר ווייסט, דער גורל קומט אָן אויף דעם מענטשן דווקא נישט דעמאָלט ווען דער עולם וואָלט עס געוואָלט זען. אַ שטייגער, אָט שטיי איך איצט פאַר אייך און ס'איז מיר עפּעס נישט אַזוי שרעקלעך. אויב זאָגן דעם אמת — ס'איז צו מיר נאָך נישט שטאַרק דערגאַנגען. שפּעטער...

פיר זיינען מיר געווען און היינט זיינען מיר שוין צוויי...

ביי אונדז אין שטוב איז געווען זייער שווער אַריין אין דער ריי מיט אַ וואָרט. פיר מענטשן האָבן דערציילט — איינער נישט ערגער פונעם צווייטן. פיר מענטשן האָבן געקענט אָפּשפּילן „פאַר־שידענע סצענעס" און „פאַרבעסערן" נישט נאָר שעקספּירן. פיר מענטשן האָבן די גאַנצע וועלט באַרעדט (יאָ, באַרעדט, איך האָב נישט מורא פאַר דעם זאָג). מ'דאַרף קענען באַרעדן אין גוטן זינען פון וואָרט. פיר מענטשן האָבן געזונגען — אויסגעזונגען אַ וועלט

מיט לידער. ס'איז נישט געווען ביי אונדז אין שטוב קיין איין מענטש וואָס זאָל אַריין מיט אַ נאָמען און אַרויס אָן אַ צונאָמען. שטענדיק מיט אַ צונאָמען! פיר מענטשן מיט אַ גוטן הומאָר. קענען גוט לאַכן און קענען זיך פרייען.

מיר זענען געווען פיר. מיר זענען היינט געבליבן צוויי...

מיין טאַטע האָט זייער ליב געהאַט סענטימענטאַלע באַגריפן. אין גרונט גענומען איז ער געווען אַן אָפּטימיסט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט, נאָך מיט זעקס יאָר צוריק, צו רעדן וועגן טויט. אָבער ווער, ווער, נאָר איך בין זיכער אַז ער האָט אַפילו נישט אָנגעהויבן טראַכטן אַז דער טויט וועט טאַקע קומען אַזוי גיך.

איך טראַכט אַז ביז איצט איז ער איבערגעראַשט — ער ווייסט נישט וואָס ס'האָט געטראָפן מיט אים, און איך ווייס גענוי אַז ס'קומט אים נישט אַפילו אין קאָפּ אַז ער איז נישטאָ...

*

מיין טאַטן האָב איך דערפילט, דאָס ערשטע מאָל, נאָך זיין אומקערן זיך אַהיים, אין 55סטן יאָר, ווען איך בין שוין געווען אַ בר־מצווה פּאַרשוין. דער זכרון פירט מיך אַוועק דווקא אין באָד. אויף וויפל איך ווייס, זייט איר נישט געקומען קיין נתניה פון לאָס־אַנזשעלעס און איך מיין אַז איר געדענקט גוט וואָס הייסט אַ באָד פאַר מענער און אַ באָד פאַר פרויען. געלאָזט האָט ער מיך, מיין טאַטע, נאָך אַ קינד פון קוים זיבן יאָר, און געטראָפן שוין פון גאַנצע דרייצן. און פלוצעם גייען מיר ביידע — דאָס הייסט ביידע מאַנצבלען — אין באָד אַריין. מיין טאַטע, אין דעם שרעק־לעכן רעש און האַרמידער פון די שיסלען און אין דער געדיכטער פּאַרע, שטעלט מיר פאָר, די גאַנצע צייט, נייע ייִדן וואָס ער געפינט זיי לויט אַ פּונקטלעכן סימן, און די גאַנצע באָד רעדט שוין ייִדיש, און איך בין רויט, אָנגעצונדן פאַר בושה. די גאַנצע צייט שטורכע איך אים: — רעד שטילער! לאָמיר שוין גיין!

נאָך אַ ביסל און ס'ווערט אַ פּאָרטראַג.

הייסע וואַסער, קאַלטע וואַסער — שוין נישט וויכטיק: ער איז שוין אין זיינע וואַסערן! דאָס איז געווען מיין ערשטער אָנטייל אין זיינעם אַ „פּאָרטראַג״, וואָס שפּעטער האָב איך זיי אַזוי ליב געהאַט.

איך האַלט אַז מיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער רעדנער. איך האָב נישט איין מאָל געזען ווי אַזוי דער עולם הערט אים, און אַ פאַקט: צו די הונדערט יאָר פון שלום־עליכמס געבוירן־טאָג, האָט מיין טאַטע, דער שרייבער — יאַנקל יאַקיר — אָפּיציעל באַקומען די דערלויבעניש צו האַלטן דעם פּאָרטראַג וועגן שלום־עליכם. דעמאָלט, געדענק איך, אַז דער אָוונט וואָס איז געווען פון די גרעסטע וואָס געדענקען זיך מיר, דאָס איז געווען מיין אָוונט. איך האָב געשיינט פון נחת. איך האָב גאָרנישט געוואָלט זיצן אויף אַ פּלאַץ. איך האָב יעדן איינעם געגעבן צו פאַרשטיין, ווער ס׳האָט אַפילו נישט געטראַכט מיך צו פרעגן, אַז דער רעדנער איז מיין טאַטע. דעמאָלט בין איך געווען גליקלעך!

נאָר וואָס בין איך? איר האָט געדאַרפט זען מיין מאַמען! שיין, זער שיין! די שכינה האָט גערוט אויף איר פּנים; יונג, גליק־לעך, מיט אַן אָפן מויל. אַ גאַנץ לעבן האָט זי געהאַלטן אָפן דאָס מויל ווען דער טאַטע מיינער האָט גערעדט. מן הסתּם זיצט זי איצט פּונקט אַזוי, ווען איך רעד מיט אייך. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקער אָוונט. אַ סך יאָרן האָט ער אונדז פאַרגלעט.

יאָ! אַזוי איז דאָס אַ מאָל געווען. איך האָב זיך שטענדיק געגרויסט מיט מיין טאַטן: מיין טאַטע מיט אַ האַנטוך אויפן קאָפּ, ווי דזשעוואַכאַרלאַל־נערו, מיין טאַטע וואָס האָט פּאַראָ־דירט אַלטמאַנען, רבינזון, גויכמאַנען, און ווּעמען נישט? מיין טאַטן מיט אַזאַ וווּנדערלעכן הומאָר. מיר דוכט זיך אַז טאַלאַנטפּולע, גוטע מענטשן, האָבן געדאַרפט זיין גוטע מבינים, און פאַרביסענע האָבן נאָר געזוכט צו דערטאַפּן אַ שלעכטן זאַץ, אַ נישט געלונגענעם וויץ, אַן איבערעגטריבענעם לויב אין זיין שרייבן. נאָר ערגעץ ווו האָבן זיי אים שטענדיק מקנא געווען!

יאָ! מיינע טייערע, יאַנקל יאַקיר — דאָס איז אַ נאָמען.

אַ נאָמען נישט אין זכות פון גרויס־ליטעראַטור, ניין. נאָר אַ פערזענלעכקייט! אַ מענטש מיט אָן אַ שיעור וויסן. נישט אומזיסט האָט אים יעקב שטערנבערג אָנגערופן „אַ גייענדיקע ענציקלאָ־פעדיע". אַ קליינע טייל האָט אים נישט פאַרגונען און אָנגעטאָן צרות. נאָר אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט האָט אים ליב געהאַט, און די וועלט האָט ער איבערגעלאָזט.

אַ וואָך פאַר זיין טויט, ליגנדיק אין שפּיטאָל, ווען די מאַמע האָט געיאָגט פון איין דאָקטער צום צווייטן, האָט ער מיך צוגערופן צום בעט און געזאָגט: — „דו ווייסט שלומל, איך וועל שוין מער מיין היים נישט זען, וויל איך דיך בעטן איין זאַך (דאָ האָב איך געמיינט אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן וועגן דער מאַמען, ניין!) איך בעט דיך, האָט אין זינען וויטאַלען"... דאָס איז געווען זיין צוואה, נישט מערער, קיין איין וואָרט נישט מער. דאָס האָט אַן איבעריקס מאָל באַוויזן, ווי שטאַרק דער זיידע האָט זי ליב געהאַט, זיין עלצט אייניקל פון די פיר אייניקלעך וואָס ער האָט פאַרמאָגט, בלימאַלעס טאָכטער, וואָס איז נאָך ביז היינט אין רוסלאַנד.

*

מיין טאַטע איז געווען פון די מיליאָנערן:
מיט טויזנטער קינדער האָט ער זיך משוגע געמאַכט,
מיליאָנען אותיות האָט ער איבערגעלייענט,
מיליאָנען מעשׂיות האָט ער דערציילט!
מיליאָנען מענטשן האָט ע ר ליב געהאַט!
מיליאָנען מענטשן האָבן א י ם ליב געהאַט!

זאָל דער אייבערשטער, וואָס האָט זיך נישט געקענט באַגיין אָן מיין טאַטן, רחמנות האָבן אויף דעם בעסאַראַבער ייִדן און אים ברענגען צו זיין טאָכטער, ער האָט דאָך קיין מאָל נישט ליב געהאַט צו זיין אַליין...

אמן! כּן יהי רצון!

27.2.1980

געשיכטעס

דעם זיידנס ברונעם

(פונעם ציקל „בעסאַראַבער געשיכטעס")

א

און וועגן מיין זיידן אַהרן־יאָסל לאַפּושנער פלעגט מען אין דאָרף דערציילן אַ באַרג מיט געשיכטעס.

אַזוי פלעגט זיך דערציילן, אַז אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַזאַ איינגעפונדעוועטער רענדאַר, אַז שטעלט אייך נאָר פאָר וויפל סמעטענע, קעז און פּוטער ס'איז ביי אים אין הויף געווען, אַז אין דער מילך האָט מען זיך ממש געבאָדן און אין דער סמעטענע פלעגן לאָשיקלעך דערטרונקען ווערן...

איז יאָ, אַז אָט דער זיידע מיינער האָט זיך אומגעקערט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה, האָט ער פון דער אַדראַזע[1] באַפוילן דער באָבע ריסל, זי זאָל תיכף איינהייצן דעם אויוון און אָפּבאַקן כאָטש אַ מאה קנישעס מיט קעז, און כדי די הערצער פון זיינע אורחים זאָלן דערוויל נישט פאַרכליאָגעט ווערן, זאָל זי פאַרן פלאָם אָפּפאַרטיקן ביי אַ פופציק פּידפּאָלעקעס.

אויפן זיידן פלעגט מען שטענדיק זאָגן, אַז ער איז געווען העכער פון אַלע שטיבלעך אין געסל. זיין קאָפּ פלעגט זיך אָנשלאָגן אין די סטריכעס און זיין שאָטן פלעגט פאַרנעמען די גאַנצע ברייט פונעם געסל און נאָך אַרויפקריכן אויף די ווענט.

דאָס מאָל, אַז די באָבע האָט פאַרדערעט צו אים דעם טשיפּעק אירן, איז איר אויסגעקומען דער זיידע נאָך העכער פון דעם עוג מלך הבשן — פון איר טייטש־חומש.

---

1 אַדראַזע — לאָקאַליזם — פון סאַמע אָנהייב.

דערנאָך, אַז דער אויוון האָט שוין געפֿלאַמט, האָט זי צו איר פֿאַרגאַפֿונג דערזען אַז ער שטייט כּמעט נאַקעט, טאַקע ממש אין אונטערוועש, די פּאַנישע בגדים האָט ער אַ קידעווע געטאָן אין העלישן פֿייער אַריין און מיט אַ בייזער אַ ברומקע געטאָן:

— צו אַלדי רוחות, ס׳אָוועק פֿון זיי.

די באָבע איז געבליבן שטיין ווי פֿאַרהילצערט: — ס׳טייטש, ווי נעמט עס אַ ייִד אַ בר דעת אַזאַ מונדיר מיט גלינצערדיקע קנעפּ און אַזעלכע מלכות־דיקע הויזן מיט רויטע ליאַמפּאַסן און מאַכט פֿון זיי שורע דעפֿורע? וואָסי. מאָרגן וואַרטן שוין אויף אים בעסערע?

איז ווייל ער, דער באַשערטער אירער, האָט אָנגעוואָרפֿן אויף איר אַ שרעק, האָט זי ווי פֿאַר זיך אין דער שטיל אָפּגעזיפֿצט:

— אוי יאָסל, יאָסל, עפּעס האָט מען דיך ביי פּאַניען ווי אונטערגעביטן. ביסט מיר געקומען פֿון דאָרטן מיט אַ שיין ביסל מאַנקאָליעס.

— לאָז צורו. ער מעג זיך פֿאַרגינען כּלערליי מאַנקאָליעס און איך, אַ פּשוטער בשׂר ודם, נישט, — האָט דער זיידע מיינער אַ טייטל געטאָן מיטן פֿינגער צו דער סטעליע.

— רעדסט שוין טאַקע ייִאַ פּונעם וועג, אהרן־יאָסל, ווייסטעך אַז מיט אים טאָר מען זיך נישט געפֿינען, — האָט אים די באָבע ריסל געפּרוווט איינגעמען.

— לאָז ער שרעקן די געגנדז און נישט מיך, — האָט דער זיידע דער־ווידערט מיט אַ געבייזער. דערנאָך האָט ער אַריינגעשפּאַנט אין קעמערל, דער זיידע מיינער און איז אַרויס פֿון דאָרטן אַ „פֿאַרפֿוצטער" אין זיין וואָלעכישן פּעלצל, אין די ליינענע הויזן און מיט אַ שפּיצעכיקער קוטשמע אויפֿן קאָפּ.

און צו דער באָבען שוין, מיט אַ ניחהדיקער מינע: קוק נישט ריסל וואָס אין דרויסן שיינט די זון, מיר איז נאָך אַלץ קאַלט. איך מוז מיך דערוואַרעמען — עס רעגנט מיר אין האַרצן.

די באָבע האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך דערוואַרעמען, וועט ער שוין אָפּגיין און זיך אַריינכאַפּן אין דעם דאָרפֿישן שילעכל בענטשן גומל. ערשט ניין! יענער לאָזט זיך גאָר אַראָפּ אין קעלער און ברענגט צו טאַשטשען פֿון דאָרטן אַ פֿעסעלע וויין און אַ צוויטס, און אַ דריטס. בשעת מעשׂה

הוכקעט ער זיך אין די הענט און שמייכלט צו זיין ריסלען אַ נחתדיקער:

— נו, ווי מיינסטו, ליובע מיינע, ס׳עט סטייען?

און אַז די באָבע מייַנע מוסרט אים: אַז אַ מענטש האָט צו גרויסע אויגן, און מ׳קען אים גאָרנישט נאָסטאַרטשען, און אַז ער וואָלט זיך בפירוש גע־דאַרפט שאַנעווען די כּוחות. דערווידערט ער מיט אַ באַרימעריש קאָטאָוועסל:

— אַפילו אַ גרויסן פּאָס ווייַן, איז מיר גרינגער אויפצוהייבן ווי אַ בלעטל פון אַ סידור.

...און אַ שׂמחה איז שוין דעמאָלט געווען, אינעם זיידנס עלטסטן דאָרף — אויף דער בעסאַראַביע — לאַפּושנע, וואָס מאָלדאַוואַנעס, טיפע זקנים, קענען זי ביז היינט נישט פאַרגעסן.

מאָלט אייך — ווערט דערציילט — אַז עס זענען זיך צונויפגעקומען הן פון לאַפּושנע, הן פון די אַרומיקע ישובים, אַ שיין ביסל ייִדן און ערלים, וועלכע האָבן אָנגעבראַכט פון אַלדאָס־גוטס. אַלץ לכבוד דעם זיידן מייַנעם, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון יענער וועלט.

די טישן, וועלכע האָבן זיך ממש געבראָכן פון אַזוי פיל מאכלים, האָט מען אויסגעשטעלט אין סאַד, אונטערן פרייען הימל. דער זיידע, וועלכער איז שוין געווען אַ ביסעלע פּאַרקנאַקט, האָט געהאַט איין אַרבעט: אונטער־טרייבן די געסט, זיי זאָלן מקיים זיין די פיינע מיצוות פון אכילה און שתיה און זיך וויטען: אַז ער, יאָסל לאַפּושנער, פירט דאָ אונטן דאָס רימל, פיל קליגער ווי ער דאָרטן אויבן.

און זעט אויס, אַז וואָס לייַדיקער דאָס קריגל וויין, אַלץ פולער איז דאָס האַרץ געוואָרן ביי אים. ער האָט, ווי מיין באָבע האָט יאָרנלאַנג תּרעומעוועט אויף אים, „זיך שוין אין גאַנצן... צעספּאַלאַשעט״.

דהיינו: ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין זיין גאַנצער הייך, אַזוי אַז זיין שאָטן איז אַזש געפאַלן אויפן הימל. אין צווישן האָט זיך דער עולם געלאָזט פיין ווילגיין. צווישן איין מאכל און צווייטן, ס׳הייסט צווישן די מאַהינעס, געבראָטענע פריידיקעס, געבלעטערטע קוגלען, מילכיקע בייגעלעך וכדומה, האָט מען געטאַנצט אויפן גראָז כּלערליי טענץ. אַלץ הייסט טאַנצן! מ׳האָט אַזוי געהעפּעט אַזש די הינט האָבן אָנגעהויבן צו האַוקען, די פערד — הירזשען, די הענער צו קרייען. זיי האָבן נעבעך געמיינט, דעם בורא עולמס באַשעפעניש, אַז ס׳איז אַן... ערדציטערניש.

אַ רחמנות איז אויך געווען אויף די קלעזמער. זיי האָבן קוים נאָכגע־האַלטן דעם צעפּריילעכטן עולם און געכאַפּט אַ הינערישן דרימל, צווישן איין דאַבריניטש און צווייטן. מ׳האָט זיי אַלע מאָל אויפגעמונטערט, די שיינע מנגנים, מיט אַ קעלשיקל משקה.

אָבער קאַיאַר־צו, האָט ר׳ יאָסל לאַפּושנער זיך דערמאָנט אַז ער איז פּאָרט משה רבינוס אַן אייניקל און שטייט אויף קיין האָר נישט אָפּ פון זיין יחוסדיקן אור־אור־זיידן. האָט ער טאַקע די בייוועזנדיקע ראַזדרעכטע מיט זיין תּורה. וועלכע האָט נעמלעך אַזוי געקלונגען: — שאַט, מורי ורבותי. לאָז אַ ביסל שטילער זיין, וועל איך מרבה דרשה זיין.

דאָ האָט אים אַפּנים אַ שלאָג געטאָן אין פּאַרשניאַשקעטן קאָפּ אַריין, די ערשטע דרשה זיינע אין חדר, וועלכע מ׳האָט מיט אים איינגעקנעלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש.

ערשטנס — האָט ער ממשיך געווען — איז ווייַן נישט גלאַט קיין געטראַנק, נאָר גאָטס טרערן. ביי די ווערטער האָט זיך די באָבע ריסל צעכליפּעט; זי האָט זיין זאָג אויסגעטייטשט ווי אַ סימן טוב, אַז איר מאַן כאַפּט זיך קריק אַרויף אויפן דרך הישר און ווידערשפּעניקט שוין נישט גאָט ברוך הוא.

— איז פּאָר וואָס זשע, מיינע ליבע געסט, זיינע טרערן און נישט מיינע? האָט דער זיידע געדרשנט — ווייל זיין ווערלט האָט ער באַשאַפן אין זעקס טעג, זעט אויס, זיך צוגעאײלט מער מיט אַ ביסל. ווייסט ער, אַז דער באַשאַף זיינער איז נישט אַזאַ פויגלדיקער. אויף קיין ישועה פון אונדז וואַרט ער נישט. אַ שיין פּנים וואָלט ער געהאַט פאָר זיינע מלאָכים ווען ער דאַרף, נעבעך, אויף זיינע עלטערע יאָרן אָנקומען צו מענטשן, אַזעלכע ווי איך און איר. איז ער דאָך פּאָרט אַ גאָט, האָט ער חרטה וואָס ס׳איז אַזוי און נישט אַנדערש, יאָמערט ער, אַזוי שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים. זענען פון זיינע טרערן געוואָרן טרויבן און פון די טרויבן — ווייַן. איז לחיים, פאָרן ריבונו של עולם! זאָל עס זיין אַ שטיקל נחמה פאָר אים און פאָר אונדז אַלע, אמן סלה! און ווייל דער זיידע האָט איבערגעפּירט די פסוקים פון זיין פיינער דרשה אויף אין וואָלעכיש, האָבן די ערלים זיך גענומען איבערצלמען און זיך איבערשושקען: אַז דער זשופּינו יאָסוב[2] רעדט שוין אַ ביסל פונעם

2 זשופּינו יאָסוב — אין יידיש: רב יאָסל.

וועג. ס'איז אויסגעקומען, לויט זייער וואַלעכישן שׂכל, אַז אַ מלחמה־בין האָט אים אַ ביטערן ביס געטאָן אין קאָפּ.

און וואָס נוגע די לאַפּושנער ייִדן? איז זיי דווקא די שפּיל געפעלן: גיי, אַז יענער איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון דער פעקלע. מעג ער זיך פאַרגינען אַ וויוווע טאָן מיט דעם וואָס לעבט אייביק, ווי מיט דעם אייגענעם ווייב — האָבן זיי געברייעט.

און פאַרענדיקט, האָט דער זיידע מיינער זיין שיינע דרשה מיט אַ מאָלדעוואַניש זינג־ און טרינק־לידל, אין זיין איבערטייטשונג:

קאָסט אַ גלעזל משקה טייער, / איז לאָז דעם גראָצער אויפן פייער. / ווייל אלה תולדות נוח, / פון וויין קריגט מען כּוח. / אַ ביסל וויין דער עיקר / פון צרות ווערט מען שיכּור.

כאָטש ער האָט קיין מאָל גאָט ביי די פּיס נישט געצויגן, נאָר עס לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז דער כּביכול האָט אויך מער הנאה פון מיט אַ פול האַרץ אויסגעטרונקענער גלאָז וויין, איידער פון אַ פּיסנער שמונה־עשׂרה. און אַז ער, יאָסל לאַפּושנער מיינט, אַז ווען דער וואָס לעבט אייביק, האָט געגעבן משה רבינו די תורה אויפן באַרג סיני האָבן זיי ביידע געמאַכט אַ פיינעם לחיים.

פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווייל ביים ערשטן גלעזל — פילט מען נאָר אַ טעם אין דער ברכה, ביים צווייטן גלעזל — דערקוויקט מען שוין טאַקע גוט דעם גומען, ביים דריטן גלעזל — צעבינדט זיך שוין צו ביסלעך די צונג, און ביים פערטן — גייט עס שוין אַ גאַנג; איר זעט דאָך באַשיימפּערלעך, מיינע ליבע לייט, אַז אַפילו אַזאַ משה האָט אַזעלכע לוחות אַ שמיץ געטאָן אין דער ערד אַריין, און פון זיינע ייִדן האָט ער שיער נישט געמאַכט פוך און פּראָך.

דאַרף מען פאַרשטיין, אַז דער משה רבינו האָט שוין געהאַלטן געדיכט נאָכן פערטן גלעזל.

ב

ווי געזאָגט, האָב איך נישט זוכה געווען בייצוזיין ביי יענער סעודה, איך קען זי נאָר פון הערן און דערציילן.

די אַלטיטשקע באָבע־צייט טוט זיך אירס און דעם זיידן מיינעם האָב

איך פאַרכאַפּט ווען ער איז שוין היפּשלעך אַריינגעפּאַרן אין אַכטן יאָר־צענדליק. און כאָטש די יאָרן האָבן זיך געטאָן זייערס, האָט ער נאָך אַלץ געשמט אויף דער גאַנצער געגנט מיט זיינע דריי גרויסע מעלות: זינגען, טרינקען און רייטן.

אַזוי געדענקט זיך מיר ווי ער האָט מיך, דעם זיבנציעריקן אייניקל זיינעם, אין אַן אויסגעקלאַרעוועטן פרימאָרגן, אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני און מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— בחורעץ דו איינער, אַז דו וועסט נישט זיין קיין פּוילישאַק און אויפ־שטיין כאור הבוקר, ס׳טו נעמען אַ גרויסן זאַק אויף די פּלייצעס, אַרויסגיין אויפן שליאַך דערנעבן דעם וועלדל און ווי נאָר, זונעניו, דו וועסט זען אַז די זון ראַטשקעוועט זיך אַרויס פון איר פּוטערפאַס, זאָלסטו תיכף אַרויפ־וואַרפן דעם זאַק אויף איר... און זי איז שוין דיינע. און אין אַ מינוטקעלע אַרום מיט אַ פאַרכטיק קול:

— אוי! אַוווּ נעמט מען די יאָרן, ווו נעמט מען? ווער מיר גליק ווינטשט, אייניקל זיסער, זאָל האָבן דאָס פאַרגעניגן וואָס איך האָב געהאַט זומערלעבן, ווען כ׳פלעג נעמען די טראַיסטע[3] אויפן אַקסל און מיר אַרויסגיין, ווען גאָט אַליין איז נאָך געשלאָפן, אויפן לאַפּושנער טראַקט. אַזאַ לויכטעניש איז געווען אין דרויסן, אַזש ס׳פלעג פאַרשמעקן מיטן גן־עדן.

און דערנאָך שוין מיט אַ סליחות־קרעכץ:

— ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך. כ׳האָב נאָר איין בקשה צו אים: ער זאָל מיך שוין מער נישט טשעפּען. זעסטאָך אָט דעם גרינעם ווערגעלעץ טשעפּעט ער נישט, מיט וואָס בין איך ערגער פון אים?...

דער גרינער ווערגעלעץ, דאָס איז געווען אַ קאַרשנבוים, וואָס מיין זיידע האָט פאַרפלאַנצט אויף אַ משופּעדיק מאָכיק בערגל, וואָס איז געלעגן אַ מרחק רב פון זיין דאָרף.

זיין מיין: טאָמער פאַרבלאָנקעט עמעצער אויף דעם בערגל, טאָ זאָל ער אָפּרוען אין זיין שאָטן און געניסן פון זיינע פּירות. אין די שבתדיקע פאַר־נאַכטן פלעגט ער מיך נעמען אויף אַ שפּאַציר צו אָט דעם פון אים אויסגע־כאָוועטן בוים. ער האָט גאָר אָנגעטייעט, דער זיידע מיינער, פון אָט דעם

---

3 טראַיסטע — אַ פּויערישע טאָרבע.

בלײַענדיקן, גרינעם בחורעץ זײַנעם, װי ער האָט אים לאַשטשענדיק אָנגערופן.

בדרך כּלל, פּלעגט ער, דער זײדע מײַנער, רעדן װעגן דער זון, די לבֿנה, װעגן די בײמער, װי מען שמועסט װעגן מענטשן, און װי זײער מזל האָט אױסגעטראָגן: װער פֿון זײ ס׳איז געװען בײַ אים געהיטן און געקרײנט און װעמען ער איז אָפּגעקומען מיט אַ ביטולדיקער מינע.

אַזױ, למשל, האָט די לבֿנה בײַ אים שלעכט אָפּגעשניטן. אירע צונעמע־נישן: די פּוסטעפּאַסניצע, די לײדיקגײערין. לױט אים איז אױסגעקומען, אַז זי בלאָנקעט אַרום, די יפֿת־תּואר, שלינג און שלאַנג, איבער די הימלען. גײט אַרום װי אַ פּרקי־גאַבעטע פֿון אײן שטערן צום צװײטן און קלײאַנטשעט אױס אַ ביסל שײַן. און װידער אַ מאָל מיט אַ קריכץ: — אַזױ װי ס׳מענטשלט זיך אַזױ גאָטלט זיך. דאַקעגן די זון איז אַ בריאה מחיה נפֿשות. װאָס זי טוט עס נישט אָפּ גאָטס אשת־חיל, פֿונעם מאָרגנשטערן ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט.

אָט דעריבער האָט ער, העט העט ביז אין דער טיפֿער עלטער, גערופֿן די באָבע ריסל אַזױ ליובענדיק — מײַן זון. װי לײַטן זאָגן, איז זי געװען אַ באַלעבאָסטע — אײנע אין דער װעלט.

ג

מיטן מלאך־המװת איז דער זײדע מײַנער געװען גאָר פֿאַניבראַטיש, ער פֿלעגט אים רופֿן גאָר הײמישלעך: דער באַלעגאָלע. אײן מאָל, װען ער איז שטאַרק אײַנגעפֿאַלן און איז גאַנצע דרײַ װאָכן געלעגן צו בעט, האָט ער געטענהט צו דער באָבען: — װאָס מײנט ער, דער ימח־שמוניק, אָן אים װעל איך נישט טרעפֿן דעם װעג אַהין? און אַז ער איז געקומען צו זיך, הרבֿ אַהרן־יאָסל לאַפּושנער, האָט ער פֿלוצעם אין אַ פֿאַרטאָג אױפֿגעװעקט אַלע שטוביקע: דעם זון, די צװײ טעכטער, אַ פּאָר הײמישע שכנים, אַלע פֿאַר־טײלט ריסקלען. אַפֿילו מיך האָט ער אױך מכבד געװען מיט אַ שפּוגל נײַ רידעלע, און די גאַנצע „כאַפּטע" זײַנע, אַזױ האָבן מיר בײַ אים געהײסן, אַװעקגעפֿירט אין עק דאָרף, פּאַזע יענעם משופּעדיקן מאָכיקן בערגל, אַװו ער האָט מיט יאָרן קריק פֿאַרפֿלאַנצט דעם גרינעם בחורעץ זײַנעם — דעם קאַרשנבױם.

דאָ האָט ער זיך גענומען גראָבן אַ ברונעם. די גרױסע האָבן נאָך

דעמאָלט פֿאַרשטאַנען דעם מיין זיינעם. צו מיר זענען זיי דערגאַנגען ערשט שפּעטער מיט יאָרן, די אַלע דריי מיינען זיינע.

דער ערשטער: עס טרעפֿט זיך, עס קומען אַהער מידע גייערס, פֿאַר־מאַטערטע וואַנדערער, זאָלן זיי אין פֿריסיקע טעג לעשן דעם דורשט. איז ווי זשע קען עס אַנדערש געמאָלט זיין אַז זיי זאָלן אים נישט דערמאָנען לשבח?

דער צווייטער: אַז דער טויזנטאויגיקער וועט קומען נאָך אים אין טרעפֿן ביי אַזאַ עבודה, מעג ער זיין טויזנט מאָל דעם שׂטנס שטאָפּעט, וועט ער אים אויך לאָזן צורו.

און דער אַחרונדיקער מיין: פֿאַרמעגלעכע יידן, רענדאַרעס, קענען זיך פֿאַרגינען געבן אַ ריין‌קייט אין שול אַריין, לאָזן זיך שרייבן אַ ספר־תּורה אויף זייער נאָמען. איז כאָטש ער איז אויך נישט אַזאַ קבצן, פֿונדעסטוועגן — וואָס, וואָס, נאָר תּורה פֿאַרמאָגן מיר יידן אַ סך, אָבער עבודת אדמה וויניק־לעך, ממש מיר וויכן פֿון איר. וועט אָט דער ברונעם זיין דער סליד, וואָס ער וועט לאָזן אויף דער זינדיקער ערד.

און אַז ס'האָט אַ ריזל געטאָן דאָס ערשטע קוועלעכל וואַסער, האָט ער נאָך דער שיינער ברכה זיך אָפּגעוואַשן מיט דעם דאָס פּנים און די הענט מיט דער שוואַרצער ערד אונטער די נעגל.

דערנאָך האָט ער אָנגעשעפּט אַ קענדעלע מיט חיים און אונדז אַלע געגעבן טועם צו זיין פֿון דעם בראַשיתדיקן קוועלעכל, און צו אונדז געזאָגט באַרימעריש: — וואָס האָט איר געמיינט, אַז אין דער ערד פֿלאָדיען זיך נאָר ווערים? זעט, קינדערלעך, וואָס פֿאַראַ ליבע מאַמע זי איז, די ערדעניו אונדזערע.

ד

אין מיינע חדר־יאָרן, האָב איך געלערנט אַז אליהו הנביא איז מיט אַ פֿייער־וואָגן אַרויף אויפֿן הימל. מיין זיידע פֿלעגט אים שטאַרק מקנא זיין, דעם אליהו הנביא, און צומאָל פֿלעגט ער ביטערלעך קרעכצן; אַז אַפֿשר וועט ער וואָלט געווען ברידעריש מיטן ריבונו של עולם, וואָלט ער זוכה געווען אַריינצופֿאָרן מיט זיין שאַראַבאַן[4] גלייך צו אים, אין זיין הימלישער אימפּעריע.

4 שאַראַבאַן — אין מאָלדאַוויש — וואָגן.

נאָר ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דער וואָס לעבט אייביק האָט אַן אויג אויף אים, האָט ער, דער זיידע מיינער, געטראַכט און געטראַכט און זיך דערטראַכט. שפּעטער איז קלאָר געוואָרן אַז ער האָט זיי באַקלערט ביידע: אי דעם כביכול, אי זיין וויסטן שטאָפּעט — דעם מלאך הדומה.

איין מאָל אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט, דוכט מיר אונטער אַ שבועות, האָט ער אין איינעם מיט זיינעם אַ טרינק־און־זינג גוטן־ברודער גענומען די צוויי קאַשטאַנעס זיינע, עפּעס געדיכטס צוצובייסן און אַ האַנטל וויין, וועלכע ער פֿלעגט בדרך הלצה רופֿן „די יתומה", ווייל שטענדיק איז די כּלי ביי אים געווען אַ ליידיקע, און ביידע האָבן זיי אַוועקגעריטן אין וועלדל, צום טייך פּרוט.

און אַ טאָג איז דעמאָלט געווען אַ מלכותדיקער. און אָט אַזוי זענען צוויי לאַפּושנער ייִדן, געזעסן אונטער אַן אַלטן דעמב און אַנגעטייעט הן פֿון דעם שיינעם פֿאַרנאַכט, הן פֿון געשמאַקן ביסל עולם הזה. ער האָט נאָך אַפֿילו באַוויזן, ר' אהרן־יאָסל לאַפּושנער, צו מאַכן אַ וויטיש חנדל דער זון, ביי איר שקיעה:

— האָט זי זיך פֿאַרלאָזט אַ געגגל די ממזירות. פּאַוואָליע וועל איך פֿאַרגיין, אַזוי ווי זי.

און אַז ס'איז געוואָרן שטאָק נאַכט און זיי זענען נישט אַהיימגעקומען, האָט זיך גאַנץ לאַפּושנע אַוועקגעלאָזט זיי זוכן. גראָד איז געווען אַ לבנהדיקע נאַכט און אַלץ איז געווען אַנזיכטיק ווי אויף דער האַנט.

נו, לאַנג זוכן האָט מען נישט געדאַרפֿט. מען האָט זיי ביידע געפֿונען שלאָפֿנדיקע אונטערן דעמב — נעבן זיי דער ליידיקער האַנטל.

דער זיידע אהרן־יאָסל איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף אייביק און זיין הוליי־ברודער, דער זיבעציק־יאָריקער מענדע, האָט נאָך געלעבט אַ שיינע פּאָר יאָר. מענדע האָט דערנאָך דערציילט אַז אַ פּאָר מאָל אין שלאָף האָט אים דער זיידע מיינער געוועקט און געזאָגט אַז ס'האָט זיך אים געחלומט, אַז ער האָט פּולע זשמעניעס מיט שטערן.

העט שפּעטער נאָך מיין זיידנס פּטירה, האָבן די פֿאַרנעמסטע ייִדן פֿון לאַפּושנע אַזוי געשמועסט: — אין די הייליקע ספֿרים שטייט געשריבן, אַז דער מענטש קומט אויף דער וועלט מיט אָפֿענע הענט, איינער רעדט — די גאַנצע וועלט איז מיינע. און גייט אַוועק פֿון איר מיט פֿאַרמאַכטע הענט —

זע נאָר זע! איך האָב פון דער וועלט, דער נאַרישער, גאָרנישט נישט גענומען.

און דאָ, איז הרב אהרן־יאָסל לאַפּושנער אַוועק פון דער זינדיקער וועלט גאָר מיט פולע זשמעניעס מיט שטערן. און גיי זאָג, אַז ס׳איז נישט קיין מיתה בײַזן!

ה

...פאַר מײַן עולה זײַן קיין ישׂראל, בין איך געקומען זיך געזעגענען מיטן זיידנס ברונעם. איך זאָג מיטן ברונעם און נישט מיט זײַן קבר, ווייל נאָך דער מלחמה איז פונעם לאַפּושנער בית החיים פאַרבליבן נאָר דאָס אָרט.

דער עלטסטער גוי פונעם דאָרף, וואָס האָט מיר צוגעטײַלט אַ לויב, אַז איך בין ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו מײַן זיידן, האָט מיך דורך סטעזשקעס פאַרוואָקסענע מיט בוריאַנעס און שטעכערעס געפירט צו מײַן זיידנס... אייביקייט.

און ווען כ׳האָב דערזען דעם ריזיקן, מאָכיקן שטיין אויפן מויל פונעם ברונעם, האָט מיר דער ערל מיט אַפּאַרשולדיקונגס־טענדל אַ זאָג געטאָן:

— און פון דער קערניצע שעפּט שוין קיינער נישט.

— פאַר וואָס? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — זאָל זײַן אַז פאַר דער צייט איז אַפילו די פריד פון זײַן ערדעניו אויך אויסגערינען געוואָרן און די וואַסער האָט שוין אויכעט אַ געזאַלצענעם אָדער אַ ביטערן טעם ווי פאַלין?

ניין, — האָט דער עשׂו מיט די גרויע קאָלטענעס געענטפערט, — זי איז בפירוש נישט געזאַלצן, די וואַסער, און נישט ביטער. פאַרקערט, זי איז אַפילו מיט די יאָרן נאָך זיסער געוואָרן.

— וואָס זשע איז פאַרט דער מער?

מײַן וואָלעך האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען איבערצלמען. ערשט אין אַ פּאָר מינוטקעלעך אַרום האָט ער אַ בעלעבעטשע געטאָן:

— פאַרשטייסט, די וואָס האָבן געטרונקען פון דער וואַסער האָבן זיך געקלאָגט, אַז דײַן זיידע קומט זיי אַלע נאַכט צו חלום און לאָזט זיי נישט צורו. האָבן זיי אויפגעהערט צו טרינקען פון זײַן קערניצע ער זאָל זיי לאָזן, דער זשופּינו יאָסיב, שלאָפן.

איך האָב מיך מיט דעם גוי אין לאַנגע שהיות נישט אַרײַנגעלאָזט און אַוועק גיך, דורך וועגן און אומוועגן.

נאָר שוין דאָ, בלילות, אין די נעכט, גיט מיר אַ קלעם ביים האַרצן ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז פון מיין זיידנס עולם הבא איז אויך קיין סליד נישט געבליבן.

איז כדי כאָטש אַ טרערעלע צו לינדערן מיין צער, האָב איך אָנגעשריבן אָט די געשיכטע.

די אוווערטורע

„כ'האָב אַזוי פיל לידער געקענט
אַלע האָבן מיר דערעסן.
נאָר איין ליד, איז מיר געבליבן
און כ'קען עס נישט פאַרגעסן.
עד ! מיין ליבע בעסאַראַביע,
לאַנד פון פרייד און לאַנד פון טרויער.
אַז איך דערמאָן מיך אין דיינע טאָלן,
נאָר איך וויין און איך באַדויער".

(פון אַ פאָלקסליד)

...און אַז דוד בערגעלסאָן האָט זיך אין יאָר 1924 פון קעשענעוו — דער האַרנטע פון בעסאַראַביע דער מדינה — אַראָפּגעלאָזט קיין פאָלעשט, איז אָט דאָס קליינע שטעטעלע, וואָס ליגט אַ ווערסט פינף וויט פון דער באַן־סטאַנציע, טאַקע ממש געגאַנגען כאַדאָראָם.

קודם כּל האָבן זיך אַ רודער געטאָן די בעלי־עגלות. זיי האָבן זיך גענומען דערקונדיקן ביי די טובי העיר, און פאַר אַלעמען ביי דעם טאַטן פון די פאָלעשטער בעלי־מלאכות — שמואל פינגער, „אַוועלכע זיינען די פּאַסטעמקעס פונעם שראַבער".

דאָס האָבן זיי זיך אַזוי געפעדערט איבערצוכאַפּן איינער ביים אַנדערן דעם פירגענומענעם גאַסט.

דער שוסטער שמואל פינגער, אָדער נאָך היימישער, שמואל בערל מאַמציס — ווי מען פלעגט אים רופן אין שטעטל — איז גלייכצייטיק געווען אי דער פאָרזיצער פון דער פאָלעשטער „קולטור־ליגע" אי דער אויבער־גבאי פון דעם בעל־מלאכהישן שילעכל.

ווי אַזוי ס'איז אָט דעם מחיהדיקן ייִדן געלונגען איבערצובעטן קאַרל מאַרקסן מיטן... ריבונו של עולם און ביידע זאָלן אויסקומען צווישן זיך; דאָס איז פאַרשטייט זיך זיין סוד, וועלכן ער האָט מיטגענומען מיט זיך אויפן עולם האמת.

אַחוץ די צוויי פירגענומענע שטעלעס, איז שמואל פינגער געווען נישט קיין גלאַטאַזויזיכדיקער ייִדיש־לייענער. נאָר ער איז ממש איינגעטונקען געווען אין ליטעראַרישן יחוס. ווי פלעגט ער זיך נחתדיק באַרימען: איך קער מיך אָן מיטן סאַמע.. שפּיגל.

דער „סאַמע שפּיגל" איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אַברהם רייזען, וועמענס באַשערטע דינה רויזענדאָר האָט זיך פינגערן — לויט זיינע רייד — אָנגעזאָגט אַ נאָענטע קרובה, טאָקע אַן אָפּשטאַמיקע פון פּאַלעשט.

און אַז מען פלעגט זיך ביי אים נאָכפרעגן אויף דעם חשובן קרוב זיינעם, דעם באַרימטן דיכטער, פלעגט ער, דער שוסטער, אָפּקומען די פרעגערס, מיט אַ טרויעריק קאַטאָוועסל:

— ער שרייבט אברהם רייזען ערלעך און לעבט שווערלעך. ווייל אין דער גילדענער אַמעריטשקע חלומען זיך אים די נעכט... בעקערס.

...איז דערהערט אַז די בעלי־עגלות שטעלן זיך פאַר בערגעלסאָנען ווי אַ וווקסיקן פּאַרשוין מיט אַ פירשטעלכן אויסזען, ווייל לויט זייער איינזען איז אויסגעקומען: „אַז נאָר ביי אַזעלכן, קען זיך פאַמעסטיען אַזאַ שטאַרקער טאַלאַנט". האָט שמואל פינגער אַרויסגענומען בערגעלסאָנס בילד און זיי געגעבן צו פאַרשטיין אַז בסך הכּל איז דער גאַנצער בערגעלסאָן אַ מיטלוווקסיק מענטשל און דערצו גאָר אַ קליינער קראַסאַוויעץ. נאָר דערפאַר אַ פּען פאַרמאָגט ער — איינע אין דער וועלט.

און כּדי די בעלי־עגלות זאָלן זיך חלילה אויפן וואָקזאַל נישט פאַשפּעטן פאַר דעם געקריינדלטן גאַסט, דאָס הייסט עס זאָל נישט ווערן קיין בהלה צווישן זיי, האָט שמואל פינגער — וועמענס וואָרט איז געווען אַ געבאָט — אַזוי באַפוילן:

אויפן ערשטן פאַעטאָן, ביים סאַמע עלטסטן בעל־עגלה בונים דער ציגיינער — וועלכער גיט שטענדיק פּאַיעזד — וועלן פאָרן בערגעלסאָן מיט אים אַליין — מיט שמואלן.

און ביים צווייטן בעל־עגלה אַרקע „מיט די צוויי פאָר ליפּן" וועלן זיצן

דער פּאַלעשטער קולטור־שיינדלינג די מאַליוועדס — וועלכע שרייבן אויך צו ביסלעך אונטער — מיט בערגעלסאָנס... טשעמאַדאַן.

אַלע בעלי־עגלות זאָלן אויספּוצן די פערד אין שפּאָגל נייע כאָמוטעס און מיט גלעקעלעך ביי די ציימלעך. און זיי אַליין די חברה פּליעסק זאָלן זיין מיט אַ גלאַנץ און מיט אַ סקריפּ.

...איז אָט אין יענע יאָרן ווען אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכער מאַן איז געווען אין סאַמע צוויט, אַז איך פלעג מיך אַראָפּכאַפּן קיין פּאַלעשט מיט אַ פּאָרטראַג, איז אָט דער שמואל פינגער — נאָסטאַלגיש גערעדט — געווען מיין ליריש־עפּישער אַדרעס. ביי אים פלעג איך עס טאָגן און נעכטיקן.

✶

...איז ווען כ׳בין אין יענעם זומערדיקן פרימאָרגן פונעם חודש יוני, טויזנט ניין הונדערט איין און פערציקסטן יאָר, אָנגעקומען קיין פּאַלעשט, שוין ווי אַ לעקטאָר פונעם סאָוועטישן פּאָלקאָמבליד*, האַלטן אַ פּאָרטראַג וועגן שלום עליכמען, האָט ער מיך שמואל פינגער איבערגעכאַפּט אויף דער סטאַנציע.

און דעם זייער פּאַרמרה־שחורהטן בעל־עגלה — מיט וועלכן ער איז געפאָרן מיך באַגעגענען — האָט ער אָפּגעפּטרט מיט אַ רמזימדיק קאַטאָוועסל:

— שראַבער, אַרקעלע, האָבן ליב צו קוקן ווי פייגעלעך פליִען און ווי די ביימער בליִען. חוץ דעם דאַרף מען גיין צופוס כּל־זמן די רגלים טראָגן. וואָרעם אַז די פיס דינען, אַרבעט דער קאָפּ לויטערער.

זעט אויס אַז אַרקעלע האָט תּיכּף באַנומען דעם מיין, ווייל ער האָט געשווינדיק אַ פּאָך געטאָן מיטן בייטשל און זיך אָפּגעטראָגן מיט אַ ליידיקן פאַעטאָן.

און מיר ביידע האָבן זיך געלאָזט שפּאַנען צווישן סעדער און גערטנער, אויף דער סטעזשקע וואָס פירט אין שטעטל אַריין.

— מילא ער — האָט שמואל אַפילו אָן אַ ברוך הבא, אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער אין הימל אַריין — האָט שוין פון לאַנג די ערד זיינע טיף

---

* פּאָלקאָמבילד — פּאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון בילדונג.

אין דער ערד. אָבער איר, וואָס האָט אונדז דעם „ראַבאַטשי נאַראָד" צוגע־זאָגט דעם גן־עדן אויף דער וועלט, האָט שוין אויך אַפּנים פאַרלוירן דעם שליסל פונעם טויער זיינעם. נישט מען זעט אייך און נישט מ'הערט אייך, גלייך ווי איר זענט עפּעס טאַקע נאָר ווי אין וואַסער אַריין.

ערשט איצט, נאָך די טערפּקע רייד זײַנע, האָב איך אים באַטראַכט פונעם קאָפּ ביז די פיס. און זעט אויס איבער זיין חשכותדיקן אויסזען, האָט עס ווי פון מיר אַליין אַרויסגעפּאַליעט:

— עפּעס האָט מען דיך שמואל ברודער, היינט אין גאַנצן ווי אונטער־געביטן.

— נישט מעיך, נאָר זיי האָט מען אונטערגעביטן, די באַפּרייערס דיינע און מיינע — האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בערגל.

— זאָג נאָר — איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער — פונעם סאָציאַליסטישן ספר פּראָלניק האָב איך אַרויסגעלערנט, אַז אין רוסלאַנד זיינען געווען דריי רעוואָלוציעס. די פונעם פינפטן, די צווייטע דעם שלימזל קערענסקיס און די דריטע מיט וועלכער דער חבר לענין האָט אונדז באַ־גליקט. איז פון וואַנען האָבן זיי די מושלים אונדזערע אַרויסגענישטערט אַ פערטע מיט אַ מיתה־משונהדיקן נאָמען — די פּערמאַנענטע!?...

— ווי זשע האָט זי אָנגעשפּאַרט צו דיר? — האָב איך אויסגעמוטשעט אַ שמייכל.

— זעסטאָך, זי האָט זיך במחילה וכבודה מטריח געווען צו מיר אויך, איבער איר — נישט געדאַכט זאָל זי געווען ווערן — שלעפּט מען מיך שוין די לעצטע דריי חדשים, נאַכט ביי נאַכט אין אויבערשטיבל... זייערן און מען בדקנט מיך ביז אין ווייסן טאָג אַריין, צי האָבן זיי, משה און בראַנציע מאַליוער, זי איינגעקנעלט די פּערמאַנענטערע מיט מיר און מיט נאָך אַזעלכע ווי איך.

...אַ כוואַליע גלוטיקע דערמאָנענישן האָבן גענומען ריזלען אין מיין בלוט: דאָס האָט ער דאָך דוד בערגעלסאָן ביי זיי אין שטוב גענומען שרייבן זיין סאַמע פריילעכסטע דערציילונג: „סטאַנציע קאָטלעט" אין וועלכער ער האָט אַ שפּיל געטאָן אויף די בעסאַראַבער פאָלקסטימלעכע סטרונעס און דאָ האָט ער דער טראַגישער גאון פון דער יידישער ליטעראַטור, מתוך חדוה ביים יום־טובדיקן טיש זיך נחתדיק פאַרכלינעט: „אין בערלין איז מיר

אַלט און קאַלט און דאָ אין פּאַלעשט ביי די מאַליוועָרס אין דער היים, איז מיר יונג און וואַרעם״.

עס האָט מיך געגרוילט אַפילו פאַר אָט דער טאַלעקע אונטער אונדזערע פיס, און דעם בלויען הימל איבער אונדזערע קעפּ, אַרויסצוברענגען דעם פּחדימדיקן נאָמען פונעם אורפאָטער פון דער ״פּערטער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע״ — לייב בראָנשטיין־טראָצקי.

— הער שמואל — האָב איך מיך צוגעזעצט נעבן אים — ווי מיינסטו, אפשר וואָלט איך גאַר געמאַכט אַ השיבינו נאָזאָד? גראָד איצטער קומען אַהער מיט אַ דרשה וועגן שלום עליכמען. עפּעס קומט טאַקע יאָ אויס, ווי שטעלן אַ חופּה אויף אַ בית עולם. האַ, וואָס זאָגסטו? — איז דאָס קול ביי מיר ווי צוגעלעגערט געוואָרן.

— פאַרקערט — האָט ער רחמימדיק אַ קוק געטאָן אויף מיר, — אפשר האָט דיך גאָר גאָט אַליין געשיקט אַהער. מ׳זאָגט אַז שרייבערס דאַרפן זיין נביאים. מילא, יאָ אַ נביא, נישט קיין נביא, אָבער אַ טרייסט־וואָרט דאַרף מען איצטער ווי לופט. און קריק גערעדט, כ׳וויל נישט זיין קיין שלעכטער אויסלייגער. נאָר כ׳האָב מורא פאַר דער מורא אַז דאָס קען זיין אַ מאָל דאָ דער לעצטער יידישער אָוונט. איז דאַרף מען זיך טרעפן און געזעגענען איידער מיר גייען צו דער עקידה.

...עס האָט אָנגעהויבן צו טריפן אַ רעגנדל און עס האָט מיר פאַרשמעקט מיט מיינע פרי־יינגלישע יאָרן, ווען כ׳האָב מיך געפילט ווי אַ בוים וואָס וואַקסט און בליט. איצט בין איך געוועזן דער אָסיען אַליין.

— —

אָוונט, שוין ביים סאַמע אַריינקום מיינעם אין דעם איבערגעפולטן זאַל, האָט מיר משה מאַליוועָר ז״ל באַוויזן אַריינצושעפּטשען גאַנצע דריי ברען־דיקע וואָרענישן:

ערשטנס — זאָל איך אים און זיין בראַנציע אויסמיידן, ווי מען מיידט אויס קרעציקע ווייל זיי... ברענען:

צווייטנס — האָט מען זיך אין אויבערשטיבל געדיכט נאָכגעפרעגט אויף מיר, אַזוי אַז איך זאָל זיין זהיר וזהיר.

דריטנס — אַז אַלע גזלנים זיצן אין דער ערשטער ריי.

מיין אונטערפירער איז געווען עפעס אַ געשטופּלט גויעצל, אַן איב־סטרוקטאָר פונעם אָרטיקן פּאַרטיי־קאָמיטעט מיטן נאָמען באַראַנאָווסקי. ער האָט מיר אָפּגעגעבן זייער אַ קאַלטן שלום־עליכם און פאַרזאָגט אַז כ׳זאָל דברן שטרענג לויטן רעגלאַמענט — דרייסיק מינוט.

ער אַליין האָט אָפּגעקלויצעט אַ פּאָר לוילעכע ווערטער פון אַ פּאַפּירל. אָבער דאָך האָט ער זוכה געווען צו אַפּלאָדיסמענטן און צו אַ קייכנדיק גע־לעכטער, ווען ער האָט שלום־עליכמען פאָרגעשטעלט ווי — אַלייקום שאַלאָם סאַלאָמאָנאָוויטש.

לויט באַראַנאָווסקיס ספּיטשל איז אויסגעקומען אַז אונדזער קלאַסיקער האָט אַ גאַנץ לעבן געהאַט איין אַרבעט: „באַקעמפן די ייִדישע בורזשואַזיע און דעם קלער, די בלוט־זויגערס פון דעם אַרבעטער־פאָלק".

דערנאָך בין איך אַרויף אויפן באַלעמער (טריבונע בלע"ז), פאַרשטייט זיך ,נישט אַזוי מיט פּאַרכטיקע טריט, ווי מיט אָפּגעבראָכענע פליגל.

קיין גיבור בין איך בטבע נישט, אָבער אָנגעהויבן האָב איך מיט ביאַליקס „אַ פריילעכס", ממשיך געווען מיט שלום עליכמס „לך לך" און פאַרענדיקט מיט פּרצעס „טרייסט מיין פאָלק". און אַז איך האָב אַראָפּגעזאָגט די שורות פון טביה דעם מילכיקנס מאָנאָלאָג: „מיר וועלן גיין, זאָג איך, וווהין די אויגן טראָגן, וווהין אַלע ייִדן גייען! וואָס סע וועט זיין, זאָג איך, מיט כל ישׂראל, דאָס וועט אויך זיין מיט רב ישׂראל". איז אין זאַל געוואָרן אַזאַ געיאָמער, אַז באַראַנאָווסקי האָט מיר צוגעשיקט אַן אשר יצרל: „פּאַ־טשעמו נאַראָד פּלאַטשיעט?" וואָס עס מיינט אין מאַמע־לשון — פאַר וואָס וויינט דאָס פאָלק?!

איך האָב שפּעטער פאַר אים מליץ יושר געווען אויף שלום עליכמען, אַז ביי אים איז געלעכטער און טרערן, אַ סימן, אַז דער מי לנו גדול מאַקסים גאָרקי אַליין שרייבט, אַז „ער האָט אויך געוויינט ווען ער האָט געלייענט „מאָטל פּייסי דעם חזנס". מעגן דעריבער מיינע פאָלעשטער צוהערער זיך אויך אויסוויינען, ווייל אַז מען וויינט זיך אויס ווערט גרינגער.

...און ווינען איז בפירוש געווען אויף וואָס. אין אַ וואָך אַרום האָב איך אויף די בעסאַראַבער קרומע וועגן אָנגעטראָפן הונדערטער ייִדן און ייִדענעס, זקנים נשים וטף, און צווישן זיי אויך מיינע שווער און שוויגער הערש און שפּרינצע רויטמאַן די קדושים, געיאָגטע פון די „באַפרייער

אונדזערע״, צו די אימהדיקע פּי עשאַלאָנען, וועלכע האָבן זיי געפּירט אויף אומקום און פאַרטיליקונג.

שפּעטער מיט צוויי וואָכן — אין די צענדליקער טויזנטער אויף די געווירבלדיקע מלחמה־וועגן.

און אין אַכט יאָר אַרום — אין די סטאַלינישע טויט־לאַגערן.

— —

איצט, ווען צווישן מיר און זיי, מיינע אייגענע און ליבע בעסאַראַבער, ליגן שוין אַזויפיל יאָרן אין קברים, האָב איך בדרך וויץ אַ נאָמען געגעבן יענעם הרת־עולמדיקן מעת־לעת אין פאַלעשט — די אוווער־צרה (אוווער־טורע בלע״ז), והמבין יבין.

נחמקע

א

אין מײַנע קינדער־יאָרן האָב איך מיך אָנגעהערט מיט אָן אַ שיעור װוּנדערלעכע געשיכטעס װעגן די ל״ו צדיקים אויף װעלכע ס'האַלט זיך די װעלט. אַז כ'בין שוין געװען אַ בר־מצװה בחורל פֿלעג איך מיר געװוּנג ברעכן דעם קאָפּ: — װי אַזוי, די פֿון תּענתים און סיגופים פֿאַרמאַטערטע ייִדן, קענען עס אויסטראָגן, אויף זייערע שלאַבעריקע רוקנס אַזאַ אומגעהײַער גרויסע װעלט?

דעריבער בין איך געװען גאַלע שטוינונג, װען כ'בין געװויר געװאָרן אַז די סאַמע נאָענטסטע שכנה אונדזערע — יוכבד די אַלמנה — רופֿט מען אויכעט: די למדװאָװוניצע. קלאָר אַז איך פֿלעג שוין טאָגן און נעכטיקן ביי איר, נו פֿאַרשטייט זיך, האָב איך געקלערט, אַזאַ משאָ װי די װעלט װעט מען אויף איר נישט אַרויפֿװאָרפֿן, אָבער פֿון דעסטװעגן קען איר דאָס שטעטל אונדזערס אויך נישט זײַן גאָר גרינג צו טראָגן.

און אַז זי פֿלעגט זיך צו מאָל אויסגליטשן, זאָגן מיר, אין פֿריריקן טאָג, פֿלעגט מיר אַזש איבערגיין אַ דראַזש איבערן לייב: — שפּילסט זיך? חס־ושלום, טאָמער פֿאַלט זי, יוכבדל, און גיט אַ װעכנע, זענען מיר פֿאַרפֿאַלענע. מיר קענען נאָך חלילה אַלע גיין צו גרונט.

ב

איז די באַשטענדיקע אײַנגײַערקע צו אָט דער צדיקות געװען אײנע אַ מיידל — נחמקע — װעגן װעלכער איך װיל דאָ דערציילן. אַזוי האָט די נחמקע געװויכט פֿון מענטשן, נאָר צו יוכבדן, װי לײַטן פֿלעגן שמועסן, האָט זי זיך צוגעקלעפּט מיט לייב און לעבן.

איז יאָ: װי נאָר נחמקע פֿלעגט איבערטרעטן איר פֿאַדװירע, פֿלעגט

זי יוכבד דערקוויקן מיט אַ געשמאַקן ביסן, אָדער מיט אַ גענעזנדיק וואָרט. כ׳האָב צוגעקוקט ווי צו מאָל זעצט זי אַוועק די יתומה אַקעגן זיך אויף דער סאָפקע און לייענט איר פאָר אַ פאַרצייטיקע געשיכטע מיט אַ סומנע אָנהייב און אַ פריילעכן סוף.

נאָכן אָפּקנאַקן די פיינע בר־מצווה דרשה מיינע, ווען יוכבד, וואָס האָט באַשיינט דעם טיש, האָט פאַר די געסט פירגעזאָגט אַז איך וואַקס און וועל מירטשעם זיין, האָב איך מיך שוין צוביסלעך אויסגעציִנגלט און צוגע־שטאַנען צו איר מיט גאָר אַן אַנדערן צוטריט, מעשׂה בחורציקל: אַזוי און אַזוי, וואָס איז עס דער מער מיט אָט דער נחמקען, אַז וואָס מ׳זאָל איר נישט זאָגן אָדער נישט געבן, בלאָנקען אַרום אירע אויגן אין אַלע ווינקעלעך, גלייך זי וואָלט האָבן געזוכט עפּעס וואָס, אָדער עמיצן, וואָס זי האָט שוין גאָר, לאַנגסטיק פאַרלוירן?

צוערשט איז יוכבד מיך אָפּגעקומען מיט אַ קאַטאָוועסל — אַז איך קער איר אָן אַ שטיקל פּריטשעפּע, אָבער שפּעטער צו, אַז איך האָב שוין געהאַט אַ שפּראַציקל פון אַ וואָנצע און שכנות האָבן געגומען וואָרענען מיין מאַמען — איך זאָל אַזוי פיל ניט זיצן איבער די ספרים, ווייל כ׳קאָן, מיינע שונאים, באַקומען אַ הויקער, האָט שוין יוכבדל איינגעזען אַז מיט קיין שיה־פּיה וועט זי מיך נישט אָפּקומען.

איז פאַרגעדענקט זיך מיר: אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה, ווען נחמקה האָט זיך שוין אַרויסגעשאַרט פון איר שטיבל, האָט די אַלמנה פאַרצויגן דאָס פירהענגל איבערן גאַניקל און מיר דערציילט די געשיכטע פון דעם מיידלס „לעבנס־פּאַסירונג״.

דאָס ניי־געבאַקענע וואָרט פּאַסירונג האָט מיך אַזוי איבערגעראַשט, אַז כ׳בין עפּעס געוואָרן ווי חשובער ביי זיך. יוכבדל האָט זיך אויסגעהוסט, אַ טיפּן דעכע געטאָן, ווי גלייך זי וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ לאַנגן וועג אַריין.

דו זעסט אָט די נחמקע, וואָס יעטוועדער גליד יאָמערט אין איר, איז זי אַ מאָל געווען אַ יפת־תואר. דוכט זיך וואָס? אַ פּשוטע נייטאָרקע! אָבער, געבענטשטע הענט: זי, אַז זי האָט אויפגענייט אַ קלייד, האָט זיך אַ פּרינ־צעסן געמעגט פאַרפּוצן אין דעם. נישט אומזיסט פלעגן אַלע מיידלעך פון דער גובערניע איר אָפּשלאָגן די שוועל. זיי האָבן געהאַלטן אַז אירס אַ מלבוש

— איז אַ סגולה צו אַ שידוך. ביז ס׳איז אונטערגעקומען אויך איר צייט. יאָרנלאַנג האָט זי זיך ממש אַרויסגעצויגן די קליי פון די ביינער ; טעג נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן און אַלץ צונויפגעלייגט איר נדן... און אַ קרעדענץ האָט זי צוגעגרייט מיט אַזאַ געשיר, וואָס מ׳טרעפט נאָר ביי די פירשטלעכע טעכטער.

און אָט האָט זי שוין, צו מזל, געקראָגן אַ חתן. אמת, נישט אַזאַ איי־איי־דיקן ווי ס׳איז איר געקומען. לייטן האָבן אַפילו אונטערגערעדט, דאָס ער איז אַ ווינט אין פעלד, אַ מין הוליי־בחור. מעגסט מיר, זונעניו, הייליק גלייבן, אַז איך היט זיך פון „געזאָגט־גערעדט" און כ׳ווייס אַז מיט אַ קרום וואָרט קען מען חרוב מאַכן אַ מענטשן. אָבער אים, דעם איסטוקאַן, גאָדל האָט ער געהייסן, אַז כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערהערט ווי ער טאַלאָפּעט מיט די לעפצן, האָב איך זי געוואָרנט : „נחמקע, דו הער זיך נישט צו צו זיינע „לופטשלעסער", פאָלג מיך — ער איז נישט פאַר דיר. ס׳איז נישט קיין פאַרשוין צו גיין אונטער די חופה־שטאַנגען. קלאַפּ דיר אים אַרויס פונעם קאָפּ — ער איז אַ סווישטש.

און זי — האַלט זיך ביי אירן. זאָלסט זען עפּעס טאַקע נאָר ווי אומיסטן. אַזוי איז זי געווען אַ פאַרפאַלענע שוויגערקע. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך פאַרקאָכט — האָט זי באַקומען לשון. נישט אומזיסט זאָגט דאָס ווערטל : ביי אַ פאַרליבטן זעט אויס אַפילו אַ קאַטשקע — ווי אַ מלאך.

נעביך ! עפּעס וואָס, איז ווייזט אויס, דערגאַנגען צו איר, נאָר ס׳איז אַפּנים געבליבן שטעקן ביים לעפל פונעם אויער, ווייל ווי האָט זי זיך געקענט אַהינטאָן מיט איר ליבע ? ווען אַ העליש פייער האָט געברענט אין איר.

און אָט איז שוין דאָס קנאַסמאָל, און ווייל — ווי געזאָגט — נחמקע איז געווען אַן עלנטע, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל געגרייט צו דער חתונה. איז הערסט ? אויף גאָט טאָר מען קיין פאַראיבל נישט האָבן, נאָר גליקן — גיט ער אויפן לויט, און אומגליקן — מיט די פודן : און דאָ, די וועלט מיט אירע פאַראַנדקעס, האָט מען טאַקע נחמקעס חתן אַוועקגענומען אין סאָלדאַטן. ביים סאַמע אַנהייב האָט ער נאָך געשריבן בריוועלעך, דער „שיינער" חתן. אַליין האָט זי זיי נישט געקענט צעקייען, פלעגט זי קומען מיט דער נשמה אין די הענט צו מיר — איך זאָל זיי איר לייענען.

...יוכבד האָט פון אַלמערל אַרויסגענומען אַ גרין פלעשעלע, אַ מין האַרצשטאַרק, ווי ס׳האָט זיך גערופן ביי איר. אַ שמעק געטאָן פון דעם. און לויט איר קרעכץ האָב איך דערפילט, אַז די „פּאַסירונג״ ווערט וואָס אַ מאָל כמאַרנער.

— און ס׳הייבן אָן אַוועקגיין טעג, וואָכן און חדשים און נישטאָ קיין איינגעטונקענע פּען. צוערשט האָט מען גענומען נאָכקלערן, ברייען אַז אפשר איז ער געניזוקט געוואָרן חלילה פון אַ קויל, אָדער סתם פון די פּאָנישע הענט. מ׳האָט זי, פון דעסטוועגן, געטרייסט: אַז דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד און אַז דער ריבונו־של־עולם נעמט זיך אָן פאַר אַלע געקריווּ־דעטע. אָבער גיי פאַרשטאָפּ דער וועלט די מיילער, מ׳ווייסט נישט פון וואַנען און פון וועמען, ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען אַז ערגעץ ווו,ביים ברעג פון דונאַי האָט אים, דעם גאָדלען הייסט עס, אַ שיקסע פאַרדרייט דעם קאָפּ.

דריי־קעפּ האָבן צוגעטראַכט אָן אַנדער מעשה: אַז עפּעס אַ נגידישע מויד האָט אים באַשיט מיט רענדלעך און ער טרעט שוין אויף סאַמע פּיזיטן. ווי ס׳זאָל נישט זיין — ווי אין וואַסער אַריין, אויסגערונען! און מיין נחמקעלע גייט איין ווי אַ ליכט. דעם קרעדענץ מיטן געשיר האָט זי פאַררוקט אַזש אויפן בוידעם. ס׳איז איר אַ פינצטערע בושה פאַר די שכנים און ס׳פלאַמט איר דאָס פנים פאַר מענטשן. גאַנצע שעהן פלעגט זי זיך פאַרזיצן ביי דער ניי־מאַשין און יעדער קלאַפּ אין דער טיר, פלעגט איר אָפּשטעלן דעם אָטעם.

יוכבד גיט ווידער אַ לייג צו דאָס פלעשעלע צו איר׳ע נאָזלעכער און זעצט פאַר: ביז אין איינעם אַ טאָג, ווען עס האָט איר אָפּנים זייער געכליאָ־מעט דאָס האַרץ, איז זי אַרויס אויפן מאַרק און זיך געקויפט אַ בייגל און הערשקע דער בייגל־פאַרקויפער האָט אין זיין ווייכהאַרציקייט איר אונטער־געטראָגן בחצי חינם אַ צוגעברוינטן אייעריקן בייגל אַ באַשפריינקלטן מיט מאָן. און מענטשן האָבן צוגעקוקט, ווי אַ רגע איז זי געשטאַנען און באַ־טראַכט דעם בייגל, אַזוי חידושמדיק אים באַקוקט ווי זי וואָלט טאַקע אויף אָן אמתן זיך נישט פאַרגינען אים אויפצועסן. און דאָ איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, די זון איז געגאַנגען אין איר רו אַריין. האָט זי גענומען דעם בייגל, אים אָנגעטאָן אויף דער האַנט ווי אַ בראַנזיליעט און אַזוי אַרומ־

געבלאָנקעט שעהנלאַנג איבער אַלע געסלעך ביז ס׳איז געוואָרן נאַכט.

און פאַר דער כאַפּטע קליינוואַרג, וואָס האָט זיך נאָכגענומען נאָך איר, האָט זי זיך גענומען אויסשטעלן:

— איר זעט חברה וואָס פאַראַ טייער קידושין־רינגל מיין חתן האָט מיר געקויפט?

און עט־עט, ביז דעם ערשטן האַנען־געקריי האָט זי אַזוי אַרומגעשלאָנ־דערט. און אַז באַרעמהאַרציקע ייִדענעס האָבן זיך גענומען איינבעטן ביי איר:

— גיב נאָר אַ קוק, נחמקעלע, ווי דו ביסט, פאַרמאַרעט, פאַלסט דאָך שוין פון די פיס. כ׳לעבן ס׳איז שוין צייט אויפצועסן דעם אויסגעשפּילטן בייגל דיינעם. וויפל איז דער שיעור זיך נאַריש צו מאַכן? — האָט זי אַ יעכץ געטאָן:

— אויפעסן אים עצהט איר מיך? אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר דער טובה. פאַוואָליע, דאָס בישט! כ׳וועל עס אַוועקלייגן אויפן קאַמאָד, דאָס רינגל, און אַז מיין גאָדל וועט זיך מירטצאַשעם אומקערן, וועט ער ערשט זען וואָס האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון גוייִשע הענט...

און אַז איך האָב זי געפּרוווט איינגעמען מיט גוטן, איז זי מיר גאָר אַרויס פון די כּלים: — וואָס מיינט איר? אַ ליבע איז ווי אַ קלייד וואָס מ׳שניידט עס צו לויט דער מאָס?

*

דאָרטן אַוווּ דאָס שטעטל שלאָגט זיך שוין אָן אין דעם דאָרף, האָט פון יאָרן און דורות געריזלט אַ לויטערער קוואַל וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ טייכל. און ווייל ייִדן און וואָלעכן פלעגן זיך אָנדערציילן אַז, לויט אַ מסורה, זאָל איינער אַ פאַרווונדעטער העלד דאָרט האָבן געלאָשן זיין דורשט און געגעזן געוואָרן, האָט מען פון דור צו דור דאָס בורשטינענע וואַסער אַרומגעקרענצלט מיט כּלערליי מעשׂיות און לידער.

איך געדענק נאָך ביז היינט דעם אָנהויב פון אַזאַ ליד: „ווי פאַרגייען די שטערן, / ווען זיי לעשן זיך אויס אין די קאַיאָרן?".

אין די דאָנערשטיקע פאַרנאַכטן פלעגן ייִדישקעס און וואָלעכטעס גיין באַלאָדענע מיט פעק גרייט צו דער „טשיזשמע", ווי מ׳האָט געקריינט דעם טייך מיט אַן אַלט־וואַלאַכישן נאָמען. איך פלעג מיך איבערנעמען וואָס — מעשׂה גרויסער — טאָסקע איך אויכעט אַ קלימעקל מיט גרעט. משמע:

איך לייג אויך צו אַ האַנט צום געוועש. ס׳איז געווען אַ פרייד צוצוקוקן ווי די ווייבער פון פאַרשידענער עלטער, שטייען אין טייך מיט פאַרשאַרצטע קליידלעך איבער די קני און די כוואַליעס פליעסקען איבער זייערע ליטקעס.

וואָס פאַראַ מחיהדיקע וועלט, ווען מענטש און וואַסער שפּילן זיך ווי קינדער. נחמקע פלעגט אויך מיטגיין מיט אַלע צום וואַסער. כ׳זאָג מיטגיין, ווייל ס׳איז פאַרזאָגט געוואָרן זהיר וזהיר — מ׳זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיטן וואָרט „מיטשלעפּן״.

און אַזוי ווי מיט איר „געוועש״ האָט זי זיך זייער גיך אָפּגעפּאַרטיקט, האָט מען מיט איר געטאָן חסד דאָס זי זאָל אויסלייגן די פּעק גרעט אויף די מאָכיקע שטיינער, וועלכע האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער טשיזשמע. אויף זיי פלעגט מען מיט אַ פריילעכן גערודער אויסקלאַפּן דאָס געוועש נאָכן אויסשווענקען.

ס׳געדענקט זיך, ווי זי פלעגט עס אויכעט שטיין מיט איר פּראַלניקל און אויסקלאַפּן דאָס בינטעלע וועש אירס. שווער געווען צו זאָגן ווער ס׳איז געווען פאַראומערטער — די עטלעכע העמדער אירע, צי זי אַליין ?

און ווייל ס׳האָט זיך יכובדל געכאַפּט אַז נחמקעס געוועש איז זייער אַן עלנטס, האָט זי איינגערוימט דער שכנה אירער : — זייט מוחל, חוה לעבן, וואַרפט איר אונטער אַ מאַנסביליש העמד, זאָל זי כאָטשבי האָבן אַ מענעריש שטיקל גרעיט...

איז אָט דאָס בן־יחידיקע מענער־העמד אין וועלכן נחמקע האָט אַזוי געטאַראַכקעט מיט אַלע כוחות, אַזש פונקען האָבן געשפּריצט פונעם שטיין, איז מיר פאַרבליבן אויף אַלע תּמיד אין מיין געדעכעניש.

דאָס יתומהלע

אין מיינע פּרי־יִנגלשע יאָרן, האָט מען דאָס קעשענעווער שילעכל פון דעם יאַקימאָווסקע־הינטערגעסל, גערופן פּשוט און פּראָסט: דאָס דאַוון־שטיבל פון דער כאַפּ־לאַפּ־חברה. נאָר איצטער, אַז ס׳איז פאַרבליבן אַן איינאונאיינציקס, אַזאַ ציטעריקס, פאַרציִען עס די קעשענעווער ייִדן מיט יעמערלעכער ליבשאַפט — דאָס מקום קדושל, דאָס בית המדרשל, דאָס בן־יחידל. און ייִדענעס באַרעמהאַרציקע האָבן אַזוי מאַמעדיק געקרוינט: דאָס יתומהלע, נעבעך.

אָט דאָס באַנעבעכטע שילעכל, איז שוין אַלט ביי הונדערט יאָר. און עס האָט זיך זיין געשיכטע, וועלכע פאַרציילט זיך אַזוי:

ויהי, און עס איז געווען, אַז דער קייסער פון אַלע ייִדישע גנבים: ר׳ אברהמעלע טאַרסון, ירום הודו, איז שוין אַרויסגעפאַלן פון די כּוחות, האָט ער צונויפגערופן אַן אַסיפה פון די לעפּקע־פינגערדיקע און האָט אָנגעזאָגט פאַרן יורש — דעם עלטסטן זון זיינעם בענאַלע בוץ. נאָר דאָ, האָבן די סאַמע עלטסטע גנבים דערוווּדערט, אַז בענאַלע איז נישט ראוי צו פאַרנעמען דעם טראָן ווייל „ער האָט זיך, נימער אַרגער, פאַרקאָכט אין אַ שיקסע״.

און ווייל אַברהמלע טאַרסון האָט זייער געהאַלטן פון „זיין ייִדישער נאַציאָן״ (זיין זאַג), האָט ער זיך דערפון גענומען זייער צום האַרצן.

און אין איינעם מיט דריי פון די סאַמע בכבודיקסטע פאַך־גוטע ברידער זיינע, איז ער אַוועק צום גערימטן ר׳ משהלע דַייַן, דאָס ער זאָל אים ראַטעווען.

מען דערציילט, אַז דער מלך טאַרסון האָט זיך געוואָרפן צום קעשענעווער מרא דאתראס פיס און געכליפּעט, אַז אויף יענער וועלט, וועט מען אים אַפילו אין גהינום אויך נישט אַריינלאָזן, און עס וועט אים נאָר אויסקומען אין די תּכריכים אַרומצוקאַליאַדעווען איבער אַלע גאַסן.

און דערביי האָט ער אַ נדר געטאָן, אַז אויב זיין יורש וועט אויסקומען, בויט ער אויס, אויף זיינע „ערלעך און שווערלעך פאַרהאַרעוועטע גראַצערס״, אַ מקום קדוש.

כ׳וויס נישט: צי ר׳ משהלע דיינס תפילות האָבן געהאָלפן, צי די סטראַשונקעס פון די גנבים אַז: „טאָמער וועט ער, בענטשיק טארסון, פאַר־שעמען דעם אורקישן שטאָם זייערן, וועלן הינט לעקן זיין בלוט״. נאָר ער איז קריק אַרויף אויפן דרך הישר. געגומען פאַר אַ ווייב אַ בכבודיקע „יאַלדיווקע״ און דאָס שילעכל איז אויסגעבויט געוואָרן. און לאַנגע יאָרן, פלעגן זיך די קעשענעווער גנבים איבערנעמען אַז מען האָט „אויפגעסטרויעט גאָטס געצעלט פון כשר געלט, געלקחנט נאָר ביי גויִישע פריצים, און נישט חלילה ביי ייִדישע נגידים״.

...איצט גיי, וויס, אַז דער כביכול וועט אונדז אָפּטאָן אַזאַ „שפּיצל״, אַז פון אַלע מדרשים, וואָס די בעסאַראַבער הויפּטשטאָט האָט פאַרמאָגט, וועלן מיר פאַרבלייבן בלויז ביי אָט דעם דאַווען־שטיבל.

איין מאָל אין אַ וואָכעדיקן פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב אַ פאַרשלומערטער אַרומגעשלאַנדערט איבער יענעם געסל, האָט מיך אַ ציִ געטאָן צום שילעכל פון מיינע ווייטע קינדער יאָרן.

איך האָב מיך דאָרט אָנגעטראָפן אויף דריי אָרעמע זקנים, די אָרטיקע חברה קדישא, וועלכע האָבן זיך געדיכט געגומען נאָכפרעגן ביי מיר „צי דאַרף איך אַ חופה, צי חס וחלילה אַ מיטה״?

נאָר פלוצעם איז פון אַהינטער פאַרבאַרגענעם שטענדער אַרויס אַן אויסגעטראָצלטער יונג אין אַ וויטיש קאַפּעליושל און אָנגעשריִען אויף די אַלטע לייט — אין רוסיש — „פּאָטשעמו ווי דאָקוטשאַיעטע וואַשימי וואָ־פּראָסימי״, וואָס מיינט אין מאַמע־לשון: פאַר וואָס שטייען זיי צו צו מיר, מיט זייערע פרעגענישן? און דערביי, האָט ער געכאַפּט אַ געדיכטן קוק אויף מיינע אויסלענדישע ברילן און איז תּיכּף נעלם געוואָרן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער אַ פאַרדעכעטער מיר אָנגעבראַכט דעם גבאי — וואָלאָדיע איידעלמאַן.

אין דעם גבאיס ביאָגראַפיע בין איך געווען בקי: — כ׳האָב געוווסט: אַז ער איז אַ קאָרטן־שפּילער און איינער פון די גערימטסטע פוטבאָליסטן אין דער גאַנצער בעסאַראַבער גובערניע. און אַז ער האָט אַן אַ שיעור מאָל

עובר געווען אויפן חרם דרבינו גרשום. דאָס הייסט, ער איז נישט קיין געפערלעכער פרויען־שונא.

קענטיק, אַז מיין נישט־ייִדישער אויסזען און די ברילן, האָבן דעם גבאי באַאיינדרוקט ניט אויף קאַטאָוועס:

— פון אַמעריקע? איז ער צוגעשטאַנען צו מיר.

— ניין.

— איז אויב אַזוי פון קאַנאַדע? — האָט ער זיך ניט אָפּגעלאָזט.

אַז מען קומט צום ריבונו של עולם, דאַרף מען נישט פרעגן ווער און פון וואַנען דו ביסט. ווייל, דער אויבערשטער נעמט דיך אַריין אין זיין פּאַרטיי, אָן אַן אַנקעטע און אָן אַ ביאָגראַפיע — האָב איך זיך געפּרוווט אָפּפּטרן פון דעם צודרינגלעכן גבאי.

דערביי האָב איך אים אָנגעוויזן, אַז אין משה רבינוס צען געבאָטן, אויפגעשריבענע דאָ אויף אַ טאָוול פון אַ מיתה־משונה קאָליר, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַ שפּאָר ביסל גרייזן. און דער „לא תחמוד" — אין וועלכער גבאי וואָלאָדיע איז געשטרויכלט געוואָרן — איז אַרויס אַ געניזוקטער — מיט אַ סמך.

דאָ האָט דער גראָבער... איידעלמאַן מיך גענומען באַשיטן מיט „שבחרים" אַז נאָר אין „זאַגראַניצע" (אויסלאַנד, בלע"ז) זענען פאַראַנען וויסערס ווי איך. און דעריבער זאָל איך שפּענדן פּאָרן... שלום־פאָנד אַ פּאָר דאָלאַר, ווייל די סאָוועטישע מאַכט, זאָרגט זייער שטאַרק פאַר דער ייִדישער רעליגיע...

בעניבביי, האָב איך אָפּגעציילט די זיץ און שטיי־פּלעצער אין דעם סומנע דלת על דלת שילעכל און אַ טראַכט געטאָן אַז די פּילצאָליקע „פון רעליגיעזן אָפּיום"... פאַרסמטע דאַוונער און דאַוונערינס, וואַרגן זיך נישט נאָר מיט טרערן, נאָר אויך מיט דער פאַרדומפּענער לופט.

אין צווישן האָט דער גבאי צעפּראַלט דעם געשטשערבעטן אָרון־קודש און זיך באַוויזן פאַר מיר מיט די פּאָר פּיצינקע ספר־תּורהלעך איינגעהילט אין מענטעלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט די שטעך.

זיי האָבן אונדז אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן האָט ער אַלץ נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון מיר, צי איך נעם מיך נישט צו מיין טייסטער.

דערהערט גאָר אַז איך בין אַ היגער — האָט ער אויסגעגאָסן זיין צאָרן

אויפן „אַדיוטאַנט" זיינעם, און אויף די פאַרפינצטערטע אַלטע ייִדן: למאַי מ׳האָט אים מטריח געווען צוליב אַזאַ „פּוסטיאַק".

— לייגט אַרויס אַ פּופּציקער און גיט מיר אייער פאַמיליע, וועל איך אייך אויסשרייבן אַ קוויטאַנציע — האָט ער שוין באַפוילן.

— דער וואָס לעבט אייביק, דאַרף נישט מיין פאַמיליע. און דעם פּופּציקער וועל איך געבן די זקנים — האָב איך נישט געלייגט קיין כבוד אויף אים.

איצט אין די פּאַרכטיקע ימים נוראים טעג, דאָ אין ישׂראל, טראַכט איך מיר אַוועק צו די הונדערטער מענער, ווייבער און קינדער, וועלכע פאַרפולן יום כיפור פאַרנאַכט אָט דאָס שמאָלע געסעלע, אין בעסאַראַביעס הויפּטשטאָט.

ס׳איז שוין אָסיען, און ווי דאָס מזל טראָגט אויס: אָט איז אַ לינדער פאַרנאַכט און צומאָל זיפּט זיך אַן עסעריק רעגנדל. און זיי שטייען, מיינע טייערע בעסאַראַבער ייִדן און ייִדענעס, מיט זייערע פאַרגעלטע מחזורים און דאַווענען און באַוואַשן זיך מיט טרערן: — אולי, אפשר פאַרט וועט מען זיך אויסבעטן ביי דעם צאַרנדיקן גאָט ברוך הוא אַ גוט יאָר!?...

נאָך דעם לאַנגן אויסמאַטערנדיקן תענית טאָג, קוקט מען זיך אויס די אויגן נאָך אַ שטערן אין הימל. ביז מען דערהערט די תקיעה פון דעם פאַרכריפּעטן שליח ציבור.

אַ הייזעריקער חזן. און אַן אויסגעלאָשענע תקיעה.

טראַכט זיך מיר: אפשר אין זכות פון אָט די תפילות אַרום דעם און אין דעם פאַריתומטן שילעכל, זענען שוין פיל פון זיי געקומען אַהער, קיין ישׂראל. און די אַנדערע וועלן אויך נאָכקומען.

...זאָל זיין אַז דאָס איז דער שׂכר, פון דער השגחה, פאַר זייער עלנט און צער.

אויף קבר־שטעטל

...איז ווי זשע, פלעגט ער זאָגן, חיים בראָכמאַן — דער קליגסטער ייִד אויף דער ליניע אונגען—קעשענעוו — הערסט יאַנקעלע, אַפּנים, מיר האָבן זיך ביטער פאַרזינדיקט פאַרן כּביכול, וואָס ער האָט אַזוי אויסגעגאָסן זיין גאַנצן צאָרן אויף אונדז.

...איך זע אים איצט. אַ בלייך, אויסגעדייוועטט פּנים. הויט און ביין. און נאָר די ווייסע באָרד זיינע איז נאָך אַלץ אַזאַ אצילותדיקע, ווי אַ מאָל אין יענע ווייטע גוטע יאָרן.

טראַכט איך מיר:

אולי, אפשר קען געמאָלט זיין, אַז דער אויבערשטער איז אַריין אין אַזאַ פּורכטלעכן גרימצאָרן, ווייל מיר זענען געווען צו גרויסע שמעלקעס מיט אים. איין קליניקייט, זיין מיט אַזאַ גאָט, אַן אֵל קנא ונוקם אויף דו... פון קאַיאָר ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט אַריין: אַתּה קדוש ושמך קדוש... נו, מיט קיין זיסע ריידעלעך נעמט מען אים נישט..

...אין אָט די פּאַרכטיקע ערב יציאת מאָלדאַוויע טעג, ווען איך שפּאַן אויף די ליידיקע גאַסן פון מיין... אַ מאָל איז געווען אַ שטעטל. איצט צום לעצטן מאָל פאַר מיין עולה זיין קיין ישׂראל, זע איך מיין שטעטעלע פּערליץ...

אַ מאָל, אַ מאָל האָבן דאָ געוווינט ביי צוויי טויזנט ייִדן... איצט אַרום מיר נאָר גויִים, גויִים. שקצים, שיקסעס, אַלע אַזעלכע געזונטע, אייזערנע גויִים.

נאָר איין מישלנוק איז געבליבן עפּעס טאַקע נאָר ווי אויף אַ רפואה... אברהם קאָרדאָנסקי.

אַ מאָל איז ער געווען דער גרעסטער פּראָסטאַק אין שטעטל. פונעם פּאָליש איז ער גאָרנישט אַרויס. היינט איז ער דער סאַמע מזרח.

דאָס בין איך געקומען צו אים, אַזוי משטיינסגעזאָגט אין... געסט.

אָבער איך ווייס נישט, צי איבער די ווילדע רעיונות, וועלכע קריכן מיר איצטער ווי זלידנע פליגן אין קאָפּ אַריין, צי ווייל מיין זיכּרון איז עפּעס ווי צוגעלייגערט געוואָרן. נאָר איך קען בשום אופן נישט טרעפן צו זיין שטוב.

פרעג איך דעם ערשטן עשׂו: אַזוי און אַזוי איז זאָג זשע מיר, צָרל לעבן, וווּ וווינט עס אָט דער אברהם קאַרדאַנסקי?

ער צעטאַפּיעט זיך ממש פון נחת, דער גוי מיינער...

— אַברום קאַרדאַנסקי, אַבראַשאַ — אָווערט פון אים דער בראַנפן — האַ... גאַסודאַרסטוואָ איזראַיל... וווינט דאַ... אַ פּאָר שטובן ווייטער.

און די קרעפּקע גוישע האַנט זיינע, מיט וועלכער ער האָט מן הסתם, נישט איין ייִד געהרגעט, פּאַכעט ער ווי מיט אַ האַק איבער מיין קאָפּ.

— פּאַר וואָס, פּלוצעם, אינמיצקע־דרינען, ערלשע, ביסטו מיר אַריינ־געפּאָרן מיט גאַסודאַרסטוואָ איזראַיל?... — האַמעווע איך מיין אֵש להבה, ווי אַ פּאָר צעפּאָלאָשעטע פערד...

— ווייל ער איז ביי אונדז איינער דער אַברום, פּאַרשטייסט, איינער — פּאַרכליניעט ער זיך אַזש פון הנאה, וואָס ער האָט דערלעבט צו האָבן נאָר איין ייִד אין שטעטל.

איז אַ ברייטער שפּאַן און איך בין שוין ביי אַברהמען אין שטוב. שייך צו זאָגן אַ שטוב. אַ שטוב שוין נישט קיין ייִדישע נאָר אַ וואָלעכישע. נישט אַזוי אַן אָנגעפּראָפּטע נאָר אַן אָנגעוואָלגערטע מיט כּל טוב: עפּל, באַרן... ווייַנטרויבן... פּאַטלאַזשאַנעס... בקיצור: פון הערן און געדענקען.

— יאַנקעלע, איך בין איצטער אַ נגיד נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז ס'איז שוין נישטאָ פאַר וועמען זיך אויסצולויבן מיט מיין נגידישקייט — קרעכצט ער אונטער ייִדישלעך, אברהם, דער פּערליצער בן־יחיד...

...אויפן ברודיקן טיש באַווייזט זיך אַ טעלער מיט גריוון, אַ סימן פון שפע. אַ קריגל וויין, פונעם באַרימטן בעסאַראַבער יין המשומר.

— יאַנקעלע — איך דערקען שוין נישט קיין צורת אות. נישט לייענען, נישט שרייבן — מאַכט ער איצט —— נאָך עטלעכע גלעזער וויין — אַ באַרימערישע מינע, גלייך ער וואָלט געווען גאָר אַ גאַנצער אַלווייסער.

— אברהמעלע — נעם איך אַ רחמים־טאָן — אַווּרעמעלע. שפּיל מיר עפּעס אויפן פידל. — ווייל וואָס־וואָס נאָר אַ קלעזמער איז ער אַ מאַדים.

שוין פון יאָרן אַז ער שפּילט אויף יידישע און מאָלדאַווישע חתונות. איצטער געדענקט ער שוין נישט דאָס יאָר, ווען אַ יידישע חתונה איז געווען.

— כ׳האָב יאַנקעלע, פינף פידלען... פידעלעך ווי שפּיגעלעך.

— שפּיל מיר אויפן זעקסטן פידעלע, אויפן סאַמע עלטסטן.

— ס׳פעלט אָבער אַ סטרונע.

— איך בין שוין אויך געבליבן ביי איין סטרונע.

איז שפּילט ער. אוי, שפּילט ער. אויס ברודיקע טעלער, אויס אָפּגעלייטעטע שטוב, אויס שפּינוועבס. אַ שטעטל מיט יידן, קלוגע און נאַרישע... עם הארצים און אַלווייסער... צדיקים און רשעים... זקנות, ווייבער... קינדער... קינדער... זינגען טאַנצן... משה רבינו טאַנצט אין וואָלעכישע פּאַסטעלעס. די מוטער רחל לאָזט זיך אַוועק אין אַ שער. די שטוב ווערט פול מיט ניגונים, הונדערט-יאָריקע... טויזנט-יאָריקע... אַ גאַנץ פאָלק איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און — זינגט.

*

נאָך דער סעודה און נגינה, שפּאַן איך צום בית-עולם. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַ בית-עולם. וואָס ס׳האָבן אָנגעהויבן היטלערס רוצחים האָבן פאַרענדיקט סטאַלינס ימח-שמוניקעס. דער שאָסיי אין שטעטל איז גאָלע יידישע מצבות.

אַפילו קיין מצבות זענען דאָ אויך נישטאָ נאָר דריי מצבות מיט אָפּגעריבענע טריבע אותיות. רעכטס פּאַשעט זיך אַ ציגעלע אויף דער טאָלעקע און דערנעבן כריוקעט אַ חזיר אין דער בלאָטע.

און איך, דער אַפּיקורס, דער אַמאָליקער אַלטער רעוואָלוציאָנער, רוק אַרויף דעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, און מיט אַ סקריפּנדיק קול, מאַך איך אַן אֵל מלא רחמים דעם גאַנצן שטעטל...

גויים גייען פאַרביי און שטוינען. דאָס ציגעלע פּאַשעט זיך ווייטער. דער חזיר כריוקעט. די זון שיינט און איך דאַוון.

פאַרנאַכט פאָר איך אַהיים פון קבר-שטעטל. אַרום מיר, אין צוג, אַ וועלט מיט גויים. איר זאָלט זאָגן, כאָטש איין ייד, פאַר וועלכן מען זאָל קענען זיך גוט אויסוויינען...

אשדוד, מרכז קליטה

אַ בעסאַראַבער אויף אַ... רפואה

(אַ מעשׂה שהיה)

...אַ נאַרישקייט געדענקט זיך: מיט אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן צוריק, ווען איך בין צו מזל און צו גליק געוואָרן אַ בר־מצווה בחורל, און מיין טאַטע, יאָסל דער מילנער, האָט מיך אין יענעם שבת מיט גרויס פּאַראַד געפירט אין אונדזער פּערליצער שול, איך זאָל אָפּקנאַקן דעם שיינעם מפטיר, האָב איך אים דעמאָלט נעבעך אָפּגעטאָן אויף... וואַלעכיש.

דהיינו: פּנים צו פּנים מיט אַזוי פיל דאַוונערס, האָט מיך מיט אַ מאָל אָנגעכאַפּט אַזאַ דראָזש, אַז עס האָבן מיך גענומען קלימפּערן די ציין אין מויל. און... אויגנבליקלעך האָב איך געשטעלט פּיס און אַוועק אין דער ביליגנדיקער סטינע[1]. און אַ גאַנצן קיילעכדיקן טאָג געדאַוונט מיט די... פּאַסטעכער.

נו, איר זאָלט שוין צו מיר קיין שותּף נישט זיין וואָס פּאַר אַ פיינעם גאָב איך האָב דעמאָלט באַקומען. אָבער איך קען מיר ביז היינט צו טאָג נישט מוחל זיין דער מאַמעס טרערן און דעם טאַטנס קרעכצן. וואָס, וואָס, נאָר דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל געשפּירט דעם זיס־ביטערן טעם פון אימתא דציבורא...

עפּעס ענלעכס האָב איך נישט לאַנג איבערגעלעבט אין אַ סוף מייַיקן אָוונט, ביי מיין ערשטן אויפטריט פּאַר די יאָהאַנעסבורגער יידן. עס איז טאַקע פּאָלג מיך אַ גאַנג פון דער פּערליצער שול ביז צום דרום־אַפריקאַנער כּרך, אָבער פון דעסטוועגן האָט מיך אַלץ געוואָרפן ווי אין ניינערליק קדחת.

איין קליינקייט: ווי אַזוי וועל איך מיך אין מיין בעסאַראַבער יידיש ספּראַווען מיט אָט דעם געפּעפּערטן יידיש־ליטווישן שבט ?...

---

1 סטינע (מאָלדאַוואַניזם) — אַן אָפּגעצוימט שטיק פעלד, פּאַר די שאָף.

עס איז אַ שיינער מהלך: פון אונדזערע פּעטע מלא־טעמדיקע בעסאַ־ראַבער קאָמעצן ביז צו זייערע איינגעקוואַרטע און איינגעדאַרטע ליטוויש־יידישע פּתחן.

ס'הייסט נישט אַזוי ווי דער וואָס איך וועל זאָגן, נאָר דער ווי אַזוי וועל איך דברן.

...און דאָ — כמנהג העולם — שיטן זיך באַגריסונגען אויף ענגליש, אַפריקאַניש און אויך אויף זייער טשודאַקעוואַטן דיזן דאַזן... יידיש. און איך זיץ אין געהאַקטע ווונדן און טראַכט מיר אַ דומעלע אַזאַ: העי! ווען איך קען פון דאַנען — בעסאַראַביש גערעדט — רייסן פּאַפּציעס אין מיין נתניהוו־קער ...סטינע.

...מיט אַ מאָל דערלאַנגט מיר דער הויפּט־קוואַטער מיינער אַ צע־קנייטשט צעטעלע. איז גיב איך אַ לייען און עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן ווי פון אַ וועסנעדיקן רעגן:

„כאַוועד יאַקער — לייען איך — וואָס זיצט איר ווי אַ סטאַטעק? לאָזט אייך נישט שפּייען אין דער קאַשע. באַווייזט וואָס איר קענט... — אַ ליפּ־קאַנער".

..אַ מחיה! הייסט עס, אַז צווישן די פּאָר הונדערט עלטערלעכע, מאַגיר־לעכע מיסטערס און מיסיס איז אויך פאַראַן אַ ייד פון דעם ביי־פּרוטיקן שטעטל ליפּקאַן.

ס'איז נישט מיטן מויל אַרויסצורעדן אַזאַ יחוס: אליעזר שטיינבאַרגס, יעקב שטערנבערגס און אליעזר גרינבערגס ליפּקאַן! מאַמעניו מיינע — אַ בעסאַראַבער מלידה ומבטן.

בין איך שוין גאָלע נייגער: קוק, זוך און נישטער מיין לאַנדסמאַן אין די אַלע גלינצערדיקע ווייכע פּאָטעלן פון דעם לוקסוסאַרטיקן קופער מאַמאַן האָל און... מיט אַ מאָל האָב איך אים דערטאַפּט.

ער איז געזעסן אין סאַמע פּאַרנט, גרויסאַרטיק צעלייגט, עפּעס טאַקע יאָ, ווי אַ גלאַוונער מחותן, נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון מיר און גאָר היימישלעך אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין איינער אַ ראַסקאָשנער דאַמע — קענטיק זיין פּרוי.

אַלע מאָל, דאָרט ווו עס איז אים געפעלן אַ געשמאַקער זאָג אין מיין דרשה, האָט ער זיך אַזש געריבן די הענט פון נחת, צוגעפּאַטאַקעוועט מיר

אויף אַ קול און זיך איבערגעקוקט מיט זיינע בייזיצערס, ווי איינער זאָגט: — איר זעט וואָס בעסאַראַביע קען!

אָבער בין איך ערגעצוו פאַרגרעזניעט געוואָרן אין אַ ליטווישער דאַש־וואַשן ריפּע[2], האָט ער זיך נעבעך ביטער געצאַפּלט און מיר געמאַכט פאַר־צווייפלטע סימנים לאמור, אַזוי צו זאָגן — כאַפּ דיך שוין אַ מאָל אַרויף צוריק אופן רעטאָרשן פערדל.

דוכט זיך מיר, אַז נאָך אַ שעה רעדן איז ער אויסגעוואַקסן לעבן באַ־לעמער מיט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער און מיר איינגערוימט אין אויער:

— איר מעגט שוין פאַרקיילעכיקן. די צלם־קעפּ האָבן ליב אַז מען מאַכט עס קורצער...

נאָכן פאַרטראַג מיינעם, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז צו מיר און באַפּע־לעריש זיך אַ וואָנד געטאָן צו מיינע אונטערפירערס — די אָרטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע עסקנים:

— ער׳ט נאָך באַווייזן מיט אייך צו ליאַנטשעווען. היינט איז ער מיינער! מאָרגן קומט ער ווידער אַ מאָל...

מיינע ליבע מכניסי־אורחים האָבן זיך קלוג איבערגעוווּנקען און באַין ברירה האָבן זיי אים אָפּגעטראָטן... דעם כּבוד.

...אַרום האַלבע נאַכט האָבן מיר געשפּאַנט איבער די יאַהאַנעסבורגער גאַסן צופוס צו אים אַהיים.

— האָט נישט קיין פאַראיבל, וואָס כ׳האָב דעם אויטאָמאָביל אָפּגעשיקט מיט מיין נעגער אַהיים. כ׳האָב מיט אייך געוואָלט זיך אַדורכשפּאַצירן עלעהיי אַ מאָל אין די יונגע יאָרן אויפן שעס[3]...

און מיט אַ קרעכץ: — עס איז דען אַ לעבן דאָ? גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד. קעבעבע און לאַקריץ־זאַמען!

— נו, דאַנקען גאָט, וואָס איר זענט עס שוין בשלום איבערגעקומען. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט פאַר אייך, איר זאָלט זיך נישט פאַשפּעטען — האָט ער מיך גוטברודעריש אַרומגענומען. — איר הערט — האָט ער געלאַכט אויף אַ קול — עס איז מיט זיי, מיט די ליטוואַקעס נאָר אַ קאָמעדיע. רעדט מיט זיי, וועלן זיי אייך דערווייזן, אַז אויף זייער ייִדיש האָט נאָך אברהם

2 ריפּע (מאָלדאַוואַניזם) — אַ משופּעדיקער ליימיקער גרוב.
3 שעס (מאָלדאַוואַניזם) — לאַנקע.

אָבינו געשמועסט מיטן ריבונו־של־עולם. און איך בין שוין, ווי איר זעט מיך, קיין עין־הרע שוין ביי אַ פערציק יערעלעך דאָ און איך קען בשום־אופן נישט איינבייסן זייער לשון־טרובקע. עס איז נאַר, ווי מען וואָלט מיך האָבן געלייגט אין אַ סדום־בעטל.

— ווי קומט איר אַהער? — פרעג איך אים.

— ע־ע־ע... ס׳איז אַ לאַנגס און אַ ברייטס. ביי אונדז אין ליפּקאַן בין איך געווען דער גרעסטער שלעגער. אַלע עשו׳ס האָבן געציטערט פאַר מיין דעך. האָב איך איין מאָל אַזוי צענעריקט אַ קוזיקל[4] אַז כ׳האָב אים קאַלט געמאַכט. האָט מיך ס׳שטעטל אַריבערגעשטעלט קיין גאַליציע. דאָ האָב איך געמוזט אַראָפּקוקן... און נעמען אַן „איטשע־מייערקע"... און זי האָט מיך פאַרשלעפּט אַהערצו צו אירן אַ פעטער.

איך באַטראַכט זיין איטשע־מאירקע, עס הייסט דעם זיווג זיינעם. בפירוש אַ זייער אָנגעקוואָלענע דרום־אַפריקאַנער לעידי. זי איז שוין אַפּנים געווינט צו זיין פראָסטאַצקע אַרט רעדן און איז אים מבטל מיט אַן אַדעליקער מינע:

— ער איז נאָך ביי אונדז אין סטאַניסלאַוו געווען אַ פרעמדער „אַיוער" און דאָ איז ער אויך אַ גר.

— יאָ, כ׳לעבן, זי איז גערעכט. — קרעכצט ער אונטער — איר האָט שוין אַ מאָל געזען ווי אַ קוואָטשקע פירט אויס אַ קאַטשער? בין איך דאָ דער קאַטשער. איכ׳ל אייך געבן אַ מיליאָן, אויב איר וועט אין גאַנץ דרום־אַפריקע נאָך אָנטרעפן אויף אַ בעסאַראַבער. כ׳לעבן, ס׳איז נישטאָ מיט וואָס מיך מקנא צו זיין.

— איז ווי זשע לעבט זיך אייך? — פּרוּוו איך צו פאַרקערעווען דעם שמועס אויף אַ פריילעכער סטעזשקע.

— ברוך השם, נישט צו פאַרזינדיקן. דאָ זענען אַלע הונדערט צוואַנציק טויזנט יידן רייך ווי קורח. דערפאַר בריקעווען זיי אַזוי...

— וואָס הייסט ביי אייך בריקעווען? — שטיי איך צו צו אים.

— בריקעווען? — צעלאָזט ער זיך גאַרנישט אויף קאַטאָוועס — זיי האָבן זיך צעספּלאָשעט פון צו פיל ווילטאַג. אַז איר קוקט זיי אָן, קאָנט איר מיינען, אַז זיי זענען גאַנצע געבולבעטע...

4 קוזיקל, געמיינט קוזיסט, קוזיסטן — אַ רומענישע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, וואָס פלעגט מאַכן איבערפאַלן אויף יידן.

— אָבער יידיש האָבן זיי שוין צו ביסלעך פאַרגעסן. לשון־קודש קענען זיי אַ מכּה און אַפּילו מיטן ריבונו־של־עולם רעדן זיי אויף ענגליש.

— נו, אין שול אַריין גייען זיי?

— אויך מיר אַ שול! כ׳וואָלט אַוועקגעגעבן אַלע זייערע טעמפּלען פאַרן ליפּקאַנער ליוועראַנטישן שילעכל. ס׳אַ שול ביי זיי? ס׳איז אַ קלויסטער. שיקסעס יאָלען אין כאָר און דער רעווערענד גאַגערט פאַ אַפריקאַנסקי... כ׳שטעל מיר פאָר, אַז דער אויבערשטער, קער שוין איינמאָל אַנטייען פון זייער דאַווענען.

— גאַי שוין גאַי, לייזער, דו שפּריכסט דומהייטן — נעמט אים איין זיין סטאַניסלאַווער פּלוניתטע.

— כ׳זע מיך דאָ שוין שיין אָן מיט מיין בעסאַראַבער חכמה, אַז זיי גאָר די ליטוואַקעס מאַכן פון אונדז גאָלע געלעכטער. הערט אַ מאַנסע! וואָס זיי טראַכטן עס צו: אַז זייערער אַ ליטוואַק איז געווען אַ שוסטער אַ שקראַבניק איז ער געפאָרן צו אונדז אויף דער בעסאַראַביע און גאָר געוואָרן אַ גאַנצער רב... נו, זאָגט, קען מען לעבן?!...

✶

...ביז שפּעט אין דער נאַכט בין איך געזעסן ביי מיין וואָלעכישן זעמליאַק אין זיין צען־צימערדיקער שטוב,ביים שיין־געדעקטן טיש, וועלכן עס האָט באַדינט אַ האַלבער מנין נעגערס און אַיינגעזען, אַז טראָץ אַלע זיינע בעסאַראַבער טראַבלען... מאַכט ער פון דעסטוועגן אַ לעבן.

— איר באַטראַכט מיין פאַרמעגן, האַ? באַטראַכט איר... איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן זיך מיינע גויִשע אייניקלעך האַדעווען אין דעם און קיינער וועט אַפּילו נישט קענען איבערלייענען דעם „פּאַ נטמן״ אויף מיין מצבה.

— ווייסט איר וואָס, לאָמיר עס בעסער פאַרזינגען. — האָט אַריינגע־שטעלט אַ וואָרט די איטשע־מייערקע.

און אָן דעם זי זאָל זיך לאָזן אַ סך בעטן, האָט זיך צעטרילעוועט איר שיינע גאַליצישע שטימע.

דערנאָך איז ער אַלע מאָל צוגעשטאַנען צו מיר:

— זאָגט עפּעס אַ וואָלעכיש טטיקאָלע.

...און אַז כ'האָב שוין אָפּגעזונגען די אַזוינס ווי אַזעלכדיקע דוינע, איז ער שוין געוואָרן מיט מיר גאָר קנעפּל פּעטעלקע:

— יאַנקל — האָט ער מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט — איך דאַרף דיר זאָגן, אַז דו זינגסט נאָך בעסער ווי דו רעדסט.

פּאַר טאָג האָבן זיי מיך ביידע אָפּגעפירט אין האָטעל אַריין:

— גיט איבער אַ גרוס אַלע ליפּקאַנער די מיילעכזאָנס, די פישמאַנס, די גרינבערגס...

— פון וועמען?

— פון לעאָן און קלער דע גוקשטיין — האָט די מיסיס זיינע מיר אונטערגעטראָגן מיט אַ קייזערלעכער מינע זייער אַדעליקע פאַמיליע.

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? פלוצעם לעאָן... גוקשטיין... שמוקשטיין?!

— האָט ער זיך פאַראיבלט אויף דער פרוי זיינער — ווער האָט מיך געקענט דאָרטן אין ליפּקאַן אויף דער פאַמיליע? איר'ט זאָגן לייזערל פּופּליק פון דעם ציגיינערישן געסל... כ'לעבן, גאָט איז מיין עדות אַז מיט יענעם יחוס נעם איך מיך גיכער איבער ווי מיט דעם... איר מעגט מיר הייליק גלייבן.

...כ'האָב אים בפירוש הייליק געגלייבט און נאָך מער זיין טרער, וואָס ער האָט אָפּגעווישט בגניבה.

...די טרער פון מיין טייערן בעסאַראַבער בן־יחיד אויף דער וייטער דרום־אַפריקאַנער ערד.

אַ פּאַרצייטיקע געשיכטע

אַ קליינשטעטלדיקער פערד־סוחר, אָדער ווי מען פלעגט נאָך זאָגן אויף דער בעסאַראַביע — אַ ליוועראַנט, צי אַ דזשאַמביש, האָט געזאָלט פאַרקויפן זיינע צוויי שקאַפעס. צוליב דעם האָט ער זיך געמוזט מטריח זיין אין נאָענטן דאָרף, ווו ס'איז פאַרגעקומען דער קאַראַשיקער סוסים־יאַריד.

אָבער, ווי ס'איז באַוווּסט, אין אַזעלכע האַרמידערדיקע מערק, שווּיבלט און גריבלט און ווימלט ממש מיט גנבים, זשוליקעס און כלערליי מאַרע־וויכערס. פאָרט ער נישט אַליין, מיין פירנעמיקער איציק־בער, נאָר ער פאַרכאַפּט מיט זיך עפּעס אַ צוגעשלאָגענעם שומר, אַ פּראָסטאַק, המכונה — וועוואָלע.

און מען לאָזט זיך ביידע אין וועג אַריין.

איז מען פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע, נישט גלאַט כּדי זיך אונטערצולייגן דאָס האַרץ, אָדער כאַפּן אַ דרימל, נאָר — אום צו באַהיטן און באַוואַכן די אַזוינס ווי אַזעלכעדיקע פערד. טאָמער הערט מען עפּעס אַ פאַרדעכטיקטן הירזשע, זאָל מען שוין יאָגן אין שטאַל אַריין. און ווער וועמען!? אָדער זיי די כאַפּלאַפּניקעס: חלילה, אים, איציק־בערן, מיט דעם אויסגעשפּילטן וועוואָלען, אָדער — אַמוואַרשיינלעכסטן — זיי ביידע וועלן צעפּאַרפלען די לאָטכעניקעס.

— איז וועוואָלע, שטיי און קוק, זון, מיט אויגן, און איך, זאָגט מיין סוחר, דער חכמהמעץ — וועל מיר גיין אַ ביסל צולייגן... אַ פעדער צום קאָפּ.

אָבער, ווי נאָר ער האָט קוים, איציק־בער, צוגעמאַכט אַן אויג, האָט ער דערפילט אַז דאָס קישן דרייט זיך אים, טאַקע נאָר, ווי אַ ווינט־מיל אונטערן קאָפּ. דהיינו: עס האָט זיך אים געחלומט אַז אַלע פינעפפינגערדיקע פון דער גובערניע, האָבן אָנגעיאָגט אויף אים. ציט ער אַרויף די פּיסלעס אויף די פּיס

און שלעפּט זיך, אין אָט דער קרירהדיקער נאַכט, זען צי זיין וועוואָלע כערעט נישט אונטער צו ביסלעך.

— וואָס טוסטו, וועוואָלע, שלאָפסט, נשמה מיינע?

— ניין. איך גענעץ נאָר.

— וואָס טוסטו נאָך?

— כ'טראַכט אַ טראַכטעץ.

— גוט. איז צו וואָסזשע אַ שטייגער טראַכסטו? ווייל פון אַ סך טראַכטן ווערט מען אַלט. און ס'ווערט קעלטער פון קאַלט.

— כ'טראַכט: ס'איז פינצטער, צינדסטו אָן אַ ליכטל, ווערט לעכטיק, פאַרלעשסט נאָר דאָס ליכטל, איז שוין ווייטער חושך. פרעגט זיך: — איז ווו זשע אַהינגעקומען די שיין? איז טראַכט איך ווייטער. ביז אין ווייסן טאָג אַריין, וועל איך מיך צו עפּעס פאַרטראַכטן. האַ באַלעבאָס?

...אַ ביסעלע שפּעטער, נאָך דער ערשטער אַשמורה:

— וואָס מאַכסטו ברע* וועוואָלע? דו שנאָרכעסט, האַ?

— ניין, איציק־בער לעבן, כ'טראַכט נאָך אַלץ.

— ווי מיר! וואָס קלערסטו אַזוי פיל? קענסט נאָך, חלילה, ווערן אַ שטיקל פילאָזאָף. איז יאָ, ליובע מיינע, וואָס זשע עקבערט דעם קלוגן קאָפּ דיינעם?

— נעמסט אַ צוואָק, קלאַפּסט אים אַריין אין אַ ברעט, שלעפּסט אים אַרויס, בלייבט אַ לאָך. איז דרעליעוועט מיך: ווו זשע איז אַהינגעקומען דאָס האָלץ?

— פיין ווי די וועלט, וועוואָלע! טראַכט ווייטער — שפּילפּויגל מיינער.

...כאַר הבוקר, יאָגט שוין איציק־בער מיט דער נשמה אויף דער שפּיץ נאָז: „גאָטעניו, עס זאָל זיך כאָטש גאָרנישט געווען טרעפן, וועל איך נעמען די שקאַפּקעלעך מיינע און אַריינפּאָרן מיט פּאַראַד אויפן מאַרק".

— וועוואָלע ליובע! עס האָט זיך כאָטש צוגעטאָן אַ דרימטשיקל צו דיינע אויגן?

— נע! עס האָט מיך נישט גענעמען.

— האָסטו כאָטש דיר אונטערגעלייגט דיין האַרץ?

---

* ברע — מאָלדאַוואַניזם — היי, דו.

— ניין האַרעב איציק־בער, געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט, ווי אַן אָנגע־דונגענער.

— איז צו וואָס זשע האָסטו זיך פאַרט דערטראַכט?

— אַ נאַרישקייט. איך ר' איציק־בער היט דאָ. איר — היט מיך, און צווישן יאָ און ניין, ווייס איך נישט, אַוווּ די פערד זענען אַהינגעקומען.

✶

אין יענער ליל־שמורים זענען די מחיהדיקע רייד גלייך אַרויף צום כּסא־הכּבוד. און דער ריבונו של עולם האָט הנאה געהאַט וואָס עס זענען נאָך פאַראַן, אַזוינע קלוגע ייִדן אויף זיין וועלטעלע.

אַ פאָלקסליד — אַ מחיהדיקס

פון יאַנקל יאַקירס עזבון. דאָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש און „געוואָרט" ביז די פּרוי זיינע תבל"א איז געקומען צו זיך און עס, אויף זיין פאַרלאַנג, אונדז צוגעשיקט לזכרו.
רעד.

...איז אַלץ אין שייכות מיט איינעם אַ זאָג: אויף פּרעמדע הימלען טרעפט מען זיך אָן צומאָל אויף היימישע בליצן.

כ'האָב מטריח געווען אַהערצו אָט די מימרא, נאָכן איבערלייענען, בכובד ראש, מעינקע קאַצס באַדאַכטע אַרבעט „אַ ביסל מיכאַלישקער לשון און פאָלקלאָר" (יידישע שפּראַך, באַנד 35, נומער 1—3, זייט 59—54). און נישט נאָר אין זכות פונעם מחברס ווילקענעוודיקייט און אַכפּערונג צו די פאַר־שיידענע מיכאַלישקער אַרט־ריידענישן „נעמען און צונעמענישן, טיפּן אין שטעטל, ווערטער, ווערטלעך און גראַמען" און אַנדערע, וואָס זענען אויכעט גאָר אָנגעלייגטע ביי מיר, נאָר דאָ וועט גיין אַ רייד וועגן איינעם אַ ליד, טאַקע באמת גאָר אַ טשאַקנדיקס.

אַלזאָ, צום ענין: אויף זייט 57, דווקא צווישן די מיכאַלישקער „קללות", האָב איך מיך אָנגעטראָפן אויף אַן אַזוינס ווי אַזעלכעדיקער פאָעטישער קללה, וועלכע איז אין מיין וואָלעכישן געבוירן־קאַנט שוין מכּמה וכמה יאָרן געריםמט, באַקאַנט און באַליבט ווי אַ ווונדערלעך יידיש פאָלקסליד.

איז צוערשט וועל איך דאָ ברענגען דעם מיכאַלישקער תּוכחהדיקן וואַריאַנט: „זאָלסט גיין איבער די הייזער און פון יעדן הויז זאָל מען דיך אַרויסטרייבן מיט אַ בייזן זאָג: „ביסט דאָך שוין געווען ביי מיר". פאַראַן אויך אַ פאָלקסליד אַזאַ, איז ממשיך מעינקע קאַץ. אָט איז אַ סטראָפע דערפון: ער האָט מיר געשאָנקען אַ זייגערל, / איי, מיט אַ גילדערנעם ווייזער, /

און ווער ס׳האָט אַ שולד אין אונדזער ליבע, / דער זאָל גיין איבער די הייזער. / און קלאַפּן טיר צו טיר, / אַרום און אַרום / און זאָגן זאָל מען אומעטום / ביסט שוין געווען ביי מיר״.

זאָל מיר מוחל זיין מעינקע קאַץ, נאָר ווי עס זעט אויס, זענען זיינע מיכאַלישקער ליטוואַקעס געווען פּאַרפאַלענע מתנגדישע כיריקער, ווייל אַנדערש וואָלט פון אַזאַ ליד נישט געווען געוואָרן ביי זיי אַ פאַרקוואַרטע און פאַרדאַרטע שישקע.

און איצט וועל איך מיך אַ טשוטעלע אַ באַרים טאָן מיט מיין באַסאַראַביע. הער, אויף אַ טשיקאַוועס, קורא חביב, ווי עס לייענט זיך און זינגט זיך אָט דאָס פאָלקסליד אין אונדזער יידיש-וואָלעכישן וואַריאַנט, אַ וואַריאַנט אַ דופּטיקער, וועלכער איז אַלט ווי אַ דעמב פון אונדזערע אוראַלטע וועלדער און פאַרמאָגט אַפילו אַ נאָמען וועלכער פאַרשמעקט מיט גרינע וועלדער און אַנגעקוואָלענע זאַנגען. — יעמוד דאָס ליד:

כ׳האָב געאַקערט און געזייעט

1

איך האָב געאַקערט און געזייעט
כדי מיין תבואה זאָל נישט ברענען;
אוי, אַ ליבע שפּילן איז דאָך גאָר כדאי,
נאָר ליב צו האָבן און זיך צו נעמען.

2

מיין מאַמע פלעגט מיר שטענדיק זאָגן:
— וואָס טויג דיר יאָמערן און קלאָגן?
— אוי נעם אַרויס די ליבע פון דיין האַרץ
און טו מיט איר כפּרות שלאָגן!

3

מיין חתן האָט מיר אַ פּאַדאַרעק געשענקט
אַ זייגער מיט צוויי גילדערנע ווייזער,

אוי, ווער ס'האָט זיך אין אונדזער ליבע געמישט,
אַרומגיין זאָל ער אין די הייזער.

4
אין די הייזער זאָל ער אַרומגייען,
און אויף פרעמדע שוועלן, זאָל ער בלייבן שטייען.
און אין וואָס פאַראַ שטוב ער וועט אַריינקומען,
זאָגן זאָל מען — אַז ער איז שוין געווען!

מערקט אייך דעם אונטערשיד פון דיביידע נוסחאות וועלכע זענען אַזוי ווייט איינע פון דער אַנדערער ווי פון מזרח ביז מערב;

דאָרט, דאָס הייסט אין מיכאַלישעק, נישט מער ווי אַ האַמעטנע כּפול־שמונהדיקע קללה. אין דער מאָלדעווע — אַ ליד מיט אַ לירישער ראַזשינקע, וועלכע פאַרווייכט די שעלטעכץ מיט אַ באַהאַרצטער נאָסטאַלגישער טרער.

כ'וואָלט אַפילו געזאָגט אַז אין די פאַלדן פון דער קללה, דרימלט ער־געצווו דער חלום: אולי, אפשר וועט זיך פאָרט דערבאַרעמען איבער מיין פאַרקלאָגטער דאָרפישער טאָכטער דער גאָט פון ליבע. און ער וועט אין זיין רחמים אַריינגעבן דעם באַטריגער אַ געדאַנק אין זיין פאַרפירערישן קאָפּ — לאמור, אַזוי צו זאָגן: כ'לעבן, געגנוג געהוליעט און באַטרעטן אַזוי פיל פרעמדע שוועלן און פאַדווירעס*. און ער וועט זיך אומקערן, דער הוליאַק, צו דעם מיידל דער האָרעפּאַשניצע, וועלכע קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אים, אום נישט צו דערלאָזן אַז אירע זאַנגען, וועלכע זי האָט פאַרזייט מיט אַזוי פיל טרערן און געזאַנג — זאָלן, חלילה, פאַרשׂרפהט ווערן.

✶

לסוף בעט זיך נאָך אַזאַ פוענטע: ווען מיין באַשערטע האָט אין יענע ווייטע בוקאָרעשטער יאָרן אַזוי געזונגען דאָס ליד, עלעהיי — נוסח יעקב גלאַטשטיין ז"ל — דאָס ליד וואָלט זי געזונגען, איז דער גאַנצער עליו־השלומדיקער עולם אַזוי צעפריילעכט געוואָרן, אַז יעקב שטערנבערג ז"ל און שלמה ביקל ז"ל האָבן זיך ממש געקוויקט: — אַזאַ פּערל! אַזאַ אוצר!

* פאַדווירע — הונטער דער טיר. — פון אוקראַיניש.

און דער אחרון, אחרון חביב, דער פיל־זשאַנערדיקער שרייבער, דער רומע־ניש־יידישער באַרבו לאַזאַריאַנו ז״ל, איז זיך פון גרויס התפעלות אַזוי פאַר־גאַנגען, אַזש ער האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ליד: כ׳האָב געיאַקערט און געזייט״.

דעמאָלט איז דאָס געווען אַ מין פאָעטיש חנדל, אַזאַ געשמאַקע לירישע פאַסטעמקע. איז גיי ווייס, אַז אין די פינצטערע קאַטאָרגע־יאָרן וועט מיינע אַזוי „יאַקערן און זייען״. פשוטער — פאַרשוואַרצט ווערן אָן עושר און אָן כבוד...

און ווען איך בין אַזאַ לייטזעליקער ווי מיינע אָבות, וואָלט איך אָט די בענקשאַפטלעכע שורות, כאָטשבע איר געדאַרפט ווידמען, ווייל נאָר אין איר זכות — לעבט דאָס ליד!

מרים בת צבי

איך וועל אָנהויבן מיט אַן אַלטמאָדישן שטייגערישן זאָג, אַז ביי אַ פּאָר־ליבטן זעט אויס אַ קאַטשקע ווי אַ מלאך.

ווען מאַניע רויטמאַן איז געוואָרן מיין באַשערטע, פלעגט אונדזער גאַנצע משפחה, דערציילן וועגן איר נסים ונפלאות, אַן אויסגעשפּילטע — איינע אין דער וועלט.

איך דערמאָן מיך אַפילו אַז די סאַמע קלוגסטע פרוי ביי אונדז אין שטעטל, נאָך די פּערליצער מאַסשטאַבן, די חכמה אידיס קריימער, נאָך דעם וואָס מיין מאַניעלע האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע און האָט עס אויסגע־זונגען און אויסגעטאַנצט און אויסגעשפּילט — „איך בין אַ בחור אַ הולטיי" (אַ ליד פון משה קולבאַק) האָט זי מיך באַגעגנט אין גאַס און מאַכט צו מיר :

— נו, יאַנקעלע, דיין ווייבל זעצט דיך אַריין אין קאַלאַש ! אַ פּאַלקסטימ־לעכער שבח, מיט אַ שטייגערישער ראַזשינקע, מעגלעך אַפילו פּראָסט געזאָגט, אָבער ס'איז מיר געווען זייער צום האַרצן.

און כאָטש איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן איצט אין די געדיכטע טונקעלע מחשבות, דאָך טראַכט איך אַז עפּעס אַפּאָקאַליפּטישעס איז דאָ אין דעם זאָג : „אַז דו האָסט אַ קליינעם אומגליק — האַלט זיך ביי אים, ווייל צו יעדער צייט קען אָנקומען אַ גרעסערער"...

למען האמת, האָט זיך מיר דעמאָלט נישט געחלומט, כ'וועל זאָגן פּשוט און פּראָסט, אַזאַ וויסטער חלום, אַז די דאָזיקע גערעאַטענע מאַניע וועט אַזוי מיט אַ מאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הערא:ישער פיגור. איך זאָג הערא:ישער און ווייס אַז מיין ווייב האָט זייער נישט ליב קיין פּאַטאָס און אויך נישט קיין גרויסאַרטיקע עפּיטעטן, נאָר פון דעסטוועגן דאַרף איך זיך האַלטן אין די דאָזיקע הויכבאַרגיקע ראַמען : איך וויל זאָגן, אָן שום איבערטרייבעכץ, אַז ערגעץ ווו וואַרט אויף איר אַ שטול, איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר...

צי אַ לאַנגע פּאָררעדע, נאָר וואָס קען איך טאָן: דאָס איז מיין גרויסע מעלה און גרויסער חסרון. איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ באַריידעוודיקער שעה. די גאַנצע משפּחה איז געווען באַריידעוודיק און קיין מאָל נישט די שאָלעכץ און נישט די יאָדער באַזונדער. די יאָדער האָט מען געגעסן אין איינעם מיט דער שאָלעכץ און אַזוי איז ביי מיין רעדן און אַזוי — ביי מיין שרייבן: ווען ס׳איז דאָ מערער יאָדער און ווען — מערער שאָלעכץ...

איך גלויב אין דעם אַז אַ זיווג איז מן השמים. איך גיי ווייטער, איך ווער אַפילו אַלטמאָדיש און טראַכט אַז ערגעץ־ווו, נאָך איידער מיר זענעןביידע געבוירן געוואָרן, נאָך איידער דער מלאך האָט אונדז געגעבן אַ שנאָל אין דער נאָז, מיר אין 8טן יאָר, מיין מאַניעלען אין 14טן יאָר, האָבן מיר זיך שוין ערגעץ געזוכט איינער דעם צווייטן, איין שטערן האָט זיך געצויגן צום צווייטן און דעמאָלט איז שוין דער זיווג געווען אַ זיווג. ס׳האָבן נאָר געדאַרפט איבערגיין חדשים און יאָרן, אונדזערע מאַמעס זאָלן זינגען זייערע וויג־לידער ביי אונדזערע וויגן: איר מאַמע — אויפן זגוריצער שטייגער, מיין מאַמע אויפן פּערליצער, ביז מיר זענען זיך צונויפגעקומען.

ווייטער אַ מאָל — צו אַ גרויסע דיגרעסיע. ס׳קומט פון באַריידעוו־דיקייט!

אַלזאָ, איז געקומען דאָס 1949סטע יאָר. נו, די מאָס פונעם יאָרהונדערט זיינען די אומגליקן. איך וועל פון מיין אומגליק נישט ריידן, וועגן מיינע איבערלעבענישן אין דעם דאָזיקן חשכותדיקן גרוב, דעם 16טן פעברואַר 1949, ווען מ׳האָט מיך אויסגעכאַפּט אין גאַס. ס׳האָט געהייסן אויף צוויי שעה, און זיך אומגעקערט צוריק נאָך זעקס יאָר מיט אַ חודש.

און דערציילן דערציילט זיך עס עפּיש, כ׳וויל זיך באַוואָרענען: דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, אין יענעם אויפדערנאַכט, מעג שעקספּירס האַמלעט און דאָסטאָיעווסקיס ראַסקאָלניקאָוו, הייצן ביי מיר אין אויוון: פּלוצעם, אַרום צוועלף ביי נאַכט, האָט אָנגעקלאַפּט דער מחבל, דער שומר פון דער טיר און אַ פרעג געטאָן: קטאָ נאַ בוקווו יאַ?* אַ מענטש האָט שוין דאָרט נישט נאָר קיין פּרצוף נישט געהאַט, נאָר קיין נאָמען אויך נישט. און ס׳איז געווען עפּעס גרויליש סימבאָלישעס דאָס פרעגן — „קטאָ נאַ

* קטאָ נאַ בוקווו יאַ? (פון רוסיש) וועמענס נאָמען הויבט זיך אָן מיט יאַ?

בוקווו יאַ?״ אַפילו קיין נאָמען האָט מען שוין נישט אָנגערופן. גלייך דו וואָלסט שוין געווען אַ מת.

„בוקוואַ יאַ״ בין איך איינער געווען.

אַלץ די געבענטשטע, פאַרשאָלטענע פאַמיליע יאַקיר. „וויכאַדי!״ גיי אַרויס! אַרויסגעגאַנגען, איך מיט די הענט אויף אַרונטער, ער — נאָך מיר. איך גיי, פאַרדעכע מיך און טראַכט; וואָס וועט זיין? מ׳וועט פרעגן צי מ׳וועט שלאָגן? מ׳וועט ווידער פרעגן, צי מ׳וועט שרייבן? מ׳וועט מיך האַלטן צוויי שעה, צי אַ גאַנצע נאַכט? איך זאָג אַ גאַנצע נאַכט, ווייל מערער פון אַלץ האָב איך מורא געהאַט נישט פאַר הונגער און נישט פאַר פעטש. כ׳האָב מורא געהאַט ס׳זאָל נישט געשען מיט מיר די דאָזיקע נאַטוראַליסטישע בושה, ווען דער מענטש ווערט שוין אויס מענטש און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גייענדיקן טואַלעט, איידל גערעדט, כּדי נישט צו זאָגן עפּעס אַנדערש.

און פּלוצעם, ווי פון דער ערד, וואַקסט אויס — פאַפּאָוו. איך וויל אים נישט שעלטן, די וועלט איז במילא פאַרשאָלטן, נאָר דאָס דאָזיקע סלאַווישע שמייכעלע ס׳כיטרעצו, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן צו מיר, איינער רעדט: העכטל מיינס, האָסט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פאַסטקע, אַ? און האָט מיר געגעבן אַזוי כיטרע אַ ווונק אויף דער פּרוי וואָס כ׳האָב נישט באַמערקט תּיכּף.

און מיט אַ מאָל — מיינע זיצט.

איך היט זיך פון פּאַטאָס. זי איז געזעסן אַזוי ווירדיק, אַזוי ייִדיש שיין, שיין אין זעלישן זינען פון וואָרט, אַז איך ווייס נישט צו עמיצער פון אירע באָבעס און עלטער־באָבעס, אין טעג פון שווערע נסיונות און גרויסע צרות און אומגליקן, האָבן געהאַט אַזאַ מין רויקן בּראשיתדיקן אויסזען ווי זי.

איך האָב געקענט אַ מאַניען מיט אַ ליכטיק פּנים מיט אַ סך יצר־הרע־דיקייט מיט אַ וויגנדיקן שיינעם גאַנג. דאָס אַלץ ביזן 16טן פעברואַר 1949. איצט איז שוין געווען עפּעס אַנדערש. דאָ איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער זאָג פון דעם גריכישן פילאָזאָף:

ליבסטו הימל — וועסטו הימל ווערן, ליבסטו ערד — וועסטו ערד ווערן.

זי איז געזעסן ווי אַ גרויסע ייִדישע טאָכטער דאַרף זיצן; נישט מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, נישט זיך צעוויינט, נישט זיך צעיאַכמערט. אַפּנים טרערן זיינען אויך אַ פאַרמעגן, מ׳טאָר זיי נישט צעטרענצלען..

מאַניע בלייבט מאַניע אין אַלע צייטן, מאַניע איז אייביק!

*

בדרך־כלל, אַז מ'וויל ווייך מאַכן דאָס האַרץ ביי נאָטשאַלסטווע פון דעם גהינום־לאַנד, קומען יידישע ווייבער צעכראַסטעט, צעיאַכמערט, ס'שלעפּט זיך זיי נאָך די גילדענע צויטן. ס'הייסט — דער צער איז אַזוי גרויס, אַז איך קען זיך אַפילו נישט אומקוקן אויף זיך.

ניין! דאָס איז געווען זייער אַ דיסציפּלינירטער צער. אַ שמייכל אַזאַ, אַ קאַרע־אויגיקער... אָבער דער טרויער — אַ געמאָסטענער, אַ געוויגענער, אָן איבערטרייבעכץ. אַזוי האָט געקערט זיין טרויעריק דבורה הנביאה אָדער משה רבינוס שוועסטער — מרים, ווען משה האָט געהאַט אויסצושטיין אַזוי פיל צרות פון זיין פאָלק.

אַ קוק צו מיר, ווי איינער רעדט: דער ווייבערישער ביסטו, איך בין דער מענלעכער. דו ביסט מיר צו אַ ווייכע יידענע. גיב אַכטונג אַז דער מיטאָס דיינער, זאָל פון אים נישט ווערן פוך און פּראַך.

און נאָך אַ מיין: דו האָסט שטענדיק ליב געהאַט צו באַשרייבן גרויסע מענטשן. אין די יונגע יאָרן, אין דיינע אַרטיקלען, האָסטו שטענדיק גע־שטרעבט צו פּראָמיטעאישע פיגורן, איז איצטער זיי כאָטש אַ ביסל געראָטן אין דיינע העלדן. אַז דו האָסט געקענט אַזוי שיין ריידן, זאָלסטו איצט קענען שיין לעבן, אַפילו אין אָט די דאָזיקע תהומדיקע באַדינגונגען.

בדרך־כלל, אַז מ'געפינט זיך אין אַזעלכע גרויליקע אומשטענדן און מ'דערמאָנט זיך אין זיי שפּעטער מיט יאָרן, איז כדי צו סטראַיען פון זיך אַ העלד, זאָגט מען אַז ס'האָבן אַרויסגעהאָלפן די אָבות, אַז כ'האָב געטראַכט צו שמשון הגיבור און בר־כוכבא. נו, מ'טראַכט זיך אויס אַ ביאָגראַפיע פון באָזשע־דוך. איך זאָג עס איצטער אויף דעם ניין און זעכציקסטן יאָר פון מיין לעבן, און יעדער טאָג קען זיין דער לעצטער טאָג, און יעדע שעה קען זיין די לעצטע שעה, זאָג איך אַז אויב ס'איז מיר געגעבן געוואָרן דעמאָלט כח איבערצוטראָגן דאָס וואָס כ'האָב איבערגעטראָגן, איז די ערשטע וואָס האָט מיך אַרויפגעפירט אויף דעם געשיכטלעכן דרך־הישר, כדי איך זאָל נישט פאַרשעמען דעם שטאָם, איז זי געווען!

*

זי איז פון אַן אוקראַינישער שטעטל — האָזאַרעניץ. זי איז נישט איינ־געטונקען אין פרומאַקישע צויטן, נאָר זי איז אַ גרויסע יידישע טאָכטער.

אין שטעטל האָט זי געהייסן מאַניע אָדער מאַניעלע און היינט מעג זי שוין הייסן, ווייל זי איז אַזוי געוואָרן ווי זי איז געווען דעמאָלט, אין יענער גרויסער שעה, די שעה פון גרויסע נסיונות, ווען איר צער איז אַפילו אויך געווען שיין, מעג זי שוין הייסן — מרים בת צבי.

ס׳איז אַ פראָסט, ס׳איז אַ מחיה

ס׳איז אַ פראָסט, ס׳איז אַ מחיה
ס׳איז אַ ווינט און אַ זאַווײ
ס׳איז אַ שליטוועגס אַ חריפות
פון רעדן אַזש ביז בודײ.

איינגעשפּאַנט שוין פערד און שליטן
זעץ זיך ליבינקע אַריין
האָב נישט מורא, שיינע מיינע
כ׳האָב מיט זיך אַ פלעשל וויין.

ס׳איז אַ פראָסט, ס׳איז אַ מחיה
ס׳איז אַ ווינט און אַ זאַווײ
גאָט אין הימל איז דאָך איינער
און מירביידע זיינען צווײ

ס׳איז אַ שליטוועגס אַ חריפות
און דיין קוש איז צוקער זיס
זאָל אַ רוח אין יענעמס טאַטן
ווער ס׳עט זאָגן אַז ביסט מיאוס

ס׳איז אַ פראָסט, ס׳איז אַ מחיה
ס׳איז אַ ווינט און אַ זאַווײ
ס׳קושט אַ בחור הייס אַ מיידל
ס׳צעגייט זיך אַזש דער שנײ.

זגוריצע, 1934סטן יאָר

אַ ווינט אַן איינזאַמער אין פעלד

אַ ווינט אַן איינזאַמער אין פעלד
און אַ ווערבע פליסטערט אומעט.
כ'האָב היינט אַ בריוו פון דיר געהאַט,
אַזאַ צער נעמט מיך אַרומעט.

דו שרייבסט — די בענקשאַפט דיך פאַרצערט
ווי דער פלאַקער־פלאַם פון דאָרן.
אויף אַלע וועגן קלאָגן טריב
אונדזערע פאַרשעמטע יאָרן.

עלנט אויסגעטריקנט האָט
דעם טוי פון דיינע קאַרע אויגן,
און ווי אַ גלויביקער פאַר גאָט
פאַר דיין צער טו איך מיך נויגן.

דו שרייבסט עס בענקט דער סיווער שליאַך
ווו מיר פלעגןביידע שפּאַנען.
עס רוישן בוימער אין דעם וואַלד —
אונדזער ליבע זיי דערמאַנען.

און אויב באַשערט מיר שטאַרבן דאָ,
אין וויטן לאַנד פון פראָסט און שנייען.
אייביק ווי די זון און ערד
וועט אונדזער ליבע נישט פאַרגייען...

קאָלימאַ, 1954

און אַז איך וועל קומען אַהיים

א

און אַז איך וועל קומען אַהיים
און אַז איך וועל קומען אַהיים,
וועט אַפּילו אַ גרעזל אויף שטיין —
פון נחת אַזש גיבן אַ וויין,
און די היימישע וועגן און שליאַכן
זיי וועלן מיך האַלדזן פאַרשמאַכטע.
און ווי דורשטיקע לעמער
לעקן דעם שטויב
פון מיינע מידע פאַרבלוטיקטע פיס.
אַזוי מאַמעדיק זיס,
אַזוי מאַמעדיק זיס,
אַז איך וועל קומען אַהיים.

ב

און אַז איך וועל קומען אַהיים
און אַז איך וועל קומען אַהיים,
וועט אַפּילו די שטעטלדיקע באָד פון ליים,
וואָס טוליעט זיך צום טייך, אַזוי שיין
מיט פרייד מיר אַנטקעגן גיין.
נאָר הערשל דער בעדער —
— ווי מיר, ווײ —
וואָס פלעגט זומערצייט שלאָפן —
אויף אַ סטויג פון היי.
און באַשיימפערלעך הערן

ווי עס פאַלן אים אין פאַדעלעק די שטערן.
הערשל דער בעדער —
וואָס רעדט רק מיט אם־ירצה־השם און בלי־נדר
אַ ייִד מיט אַזוי פיל זאַפט און חנען,
אים וועט נאָר אַן עלנטע ווערבע באַוויינען,
אַז איך וועל קומען אַהיים.

ג
און אַז איך וועל קומען אַהיים
און אַז איך וועל קומען אַהיים,
וועט די שניידערשע שיל
מיט איר גילדערנעם טויער,
אויף וועלכן ס'איז אַזוי פרום אָנגעשריבן
זה השער לאדוני,
מיט פענצטערלעך, גרינע, ראָזע און בלוי,
אויף דער אָרעמער גאַס אַלץ נאָך שטיין.
און דער ווייבערשער גאָרן
מיט אַלטמאָדישן האַנטפאַס און אָרון.
אַווו מיין מאַמע — איטע די פירזאָגערין
האָט יאָרן און יאָרן
זיך אויסגעטענהט אויף עברי טייטש
ביט איר צאָרניקן גאָטבאָרעכי
פאַר קינדער, פאַר פרנסה, פאַר כלל ישׂראל —
וואָס איז געגליכן צו אַ טשערעדע פי —
וואָס האָט דעם פאַסטעך פאַרלוירן,
און אין צער טוט ווינען און ברומען,
איז ווער וועט מיר זאָגן?
איז ווער וועט מיר זאָגן?
ווי דאָס געביין פון איטע בת יוסף —
איז אַהינגעקומען?!...
אַז איך וועל קומען אַהיים.

ד

און אַז איך וועל קומען אַהיים
און אַז איך וועל קומען אַהיים,
וועלן אַפילו די שטערן,
וואָס דרימלען אויף צווייגן, דערציילן
ווי מ׳האָט זיי געברענט —
אין קעלערס, אין גריבער, אין היילן,
און געזייט זייערע ביינער —
פון אַלט, און פון יונג, און פון קינד;
אויף אַש, און אויף שטויב, און אויף ווינט.
און עס וועלן די וואַסערן אַרויס פון די ברעגן
און די מאָכיקע שטיינער ביי וועגן,
און די כאַטקעלעך די אָרעמע, פרומע,
וועלן מורמלען: נקמה!... נקמה!...
אַז איך וועל קומען אַהיים.

ה

און אַז איך וועל קומען אַהיים
און אַז איך וועל קומען אַהיים,
וועל איך קושן יעדן שטויב, יעדן שטיין,
שטומע עדות פון זייער פאַרשניטן געביין,
און וועל מיר קיין רו נישט געפינען
קיין רו נישט געפינען
ביז וואַנען מיר וועלן אין הייליקן יום־הדין,
דעם צאָרנדיק־גערעכטן
פאַרטיליקן די מערדער, די שעכטער
פון אַלץ וואָס געווען —
אַזוי הייליק, און לויטער, און ריין —
אַז איך וועל קומען אַהיים.

1944

פּאָרטרעטן

דער לעצטער בעסאַראַבער גאון

(הרב יהודה לייב צירעלסאָן)

א

אין אַ סעפּטעמבערדיקן ערב־שבתדיקן נאָכמיטאָג פונעם יאָר 1925, האָט דער רב הכולל פון בעסאַראַביע, דער יושב ראש פון „אגודת ישׂראל", דער באַרימטער סענאַטאָר פון רומעניע דער מדינה — ר׳ יהודה לייב צירעל־סאָן, זיך אויפגעכאַפּט פּנים אל פּנים מיט אַ יונגערמאַן אַ פאַרפּוצטן אין „בגדי־דלות" און מיט אַן אויסזען ספק ראַסקאָלניקאָוו, ספק מאָניש.

שטיל, ממש אויף שטום־לשון, האָט דער זעליש־צעבראָכענער זעכצנ־יעריקער בחור אַוועקגעלייגט פאַרן מרא דאתרא אַ בריוו, אַ מגילה, געחתמעט פון די קעשענעווער טובי העיר אין וועלכן זיי בעטן אים תחנונים דאָס ער, דער ערן־דירעקטאָר פון דער אָרטיקער גימנאַזיע „מגן דוד", זאָל זיך מרחם זיין אויף דעם שעפּעלע התועה בדרכו... היידישיזם, וועלכן מען האָט אַזוי ביטער „מטריח" געווען פון דאָרט, פון דער זעלבער שול אין וועלכער עס איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון נתן אַלטערמאַן ז״ל, און פון נאָך און נאָך, היינט זייער באַוווּסטע ייִדן אין ישׂראל.

און אויף אַלע תּמיד איז מיר פאַרבליבן דעם רבס קוק, נאָך דעם ווי ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס, אַזוי האָט געקענט קוקן דער מַהר״ל פון פּראָג אויפן גולם, ווען יענער איז אַרויס פון זיין שליטה, אָדער דער תּנא אויף ר׳ אלישע בן אבויה — דעם „אחר" דעם אָפּטריניקן.

זיין ערשטער בלחשדיקער זאָג: — פייגע, האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו זיין באַשערטער — איז גיב קודם כל דעם ייִנגערמאַנטשיק אַ טעלערל צימעס, וועט ער ערשטנס דערשפּירן דעם זיסן טעם פון זיין פאַרלוירענעם שבת קודש, און צווייטנס וועט ער האָבן כּוח מיר מסביר צו זיין די מסתּרי... היידישיזם.

למאַי לייקענען? פון דעם געשמאַקן צימעס איז מיר ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אין אַ מינוטקעלע האָב איך מיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אים, און אַזוי איז שוין אַפּנים דער שדישער גאַנג פון סטרא אחרא, וואָס תּיכּף האָב איך, ווי מיין פּעטער עשׂיו, באַקומען אַ ווילדן חשק זיך צו לאָזן אין געפּעכט מיט דעם הויפּט־קלער פון די קלעריקאַלן.

אַ פּאָר מינוט האָט ער, צירעלסאַן, אַריינגעקוקט אין דער מליצהדיקער בריוו און דערנאָך גענומען אַ זייער פאַרמחשבהטער סיליען אַ שנירל פון פּיוט אין געדאַנק. מיט די יאָרן, אַז איך וועל ווערן אַ יודע חן, וועל איך עס זייער שיינאַרטיק באַצייכענען — אינערלעכער מאַנאָלאָג.

— פאַרשטייט זיך אַז אוסישקין האָט אונדז געטאָן אַ בערישע טובה ווען ער, דער יעקאַטערינאָסלאַווער ציוני האָט אין זיין קנאושן ירגזון אַ הילך געטאָן: עברית או רוסית! דאָס סאַמע טרויעריקסטע פּאַסירט דעמאָלט ווען אַ מנהיג ווערט געטריבן נישט פונעם אימפּעט פון זיינע רעיונות, נאָר פונעם טאַרעראַם פון זיינע שלאָגווערטער.

זעט אויס אַז ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג אַז פּאָר דעם דאַזיקן זאָג זיינעם וועלן מיר טייער באַצאָלן; מיט געשיכטלעך רבי געלט.

דערהערט דאָס וואָרט „רבי געלט” האָט אַפּנים די רבצין דערפילט אַז עס נעמט זיך כמאַרען אין איר שלווהדיקער נעסט, זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פאַראיבלדיקן קוק און זיך שטיל אַרויסגעשלייכט אין איר ווייבערישן חדר:

— נו זאָג אַליין, וואָס פאַר אַ טעם האָט עס, נעמען די חנעוודיקע באַרוועסע יידיש־שיפחה, וועמענס לויטערע טרער און מתיקותדיקער ניגון האָבן באַשיינט אונדזערע קינדער יאָרן, איר אָנטוען רויטע שפּאָרן און זי טרייבן אויף די אַלע סאָציאַליסטישע באַריקאַדעס, קעמפן פאַר זייערע סדומישע טעאָריעס? איך פיל זיין רחמימדיקע האַנט אויף מיינע שמאָלע אַקסלען, זיין יעמערלעך קול ריזלט ווי פון אַ טיפן צער־קוואַל:

— געשיכטע קענסטו אַ ביסל, האַ? צי נאָר געלעקט און געשמעקט? איז פאַרגעדענק: יידישיזם איז נישט קיין שיטה, נישט קיין תורה מסיני און יידיש איז נישט קיין מיטל צום ציל, ווי די לינקע האַרמידערן. איך געדענק נאָך ווען דער משומד וויקטאָר טשערנאָוו האָט פּאַסקודיעט אַז יידיש בלוט איז שמירעכץ אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע, און מאָרגן וועט דער רבי אייערער — ליטוואַקאָוו — קומען און זאָגן אַז יידיש איז שמירעכץ

אויף די רעדער פונעם קאָמוניזם. און אַזעלכע טויזנטער פאַרפירטע ווי דו וועלן אים גלייבן, איז צירעלסאָן אַריין אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז די ציין האָבן מיר אָנגעהויבן צו קלימפּערן אין מויל.

קאָנטיק אַז ער האָט זיך געכאַפּט, דאָס זיין צוהערער האָט נאָך אַפילו נישט קיין שפּראַציקל פון קיין וואָנצע, זיין קול איז מיט אַ מאָל געוואָרן סאַמעטן ווייך.

— יידיש איז איינע פון די שפּראַכלעכע זיבן וווּנדער אונדזערע. ס׳איז דען גלאַט אַ לשון, ס׳איז דאָך אַ מאַמע. אַ שאָד וואָס איך בין נישט קיין פילאָלאָג; וועגן דעם געבורט פון יעטוועדן יידיש וואָרט וואָלט מען געקענט פאַרפאַסן אַ ספר. נו, האָט דער אוסישקין אַריינגעוואָרפן אַ פּאַנישן שטיין אין אונדזער שפּראַכלעכן וויינגאָרטן און איבער נאַכט האָט גענומען קאָכן דער גהינום־קעסל. ס׳איז געוואָרן אַ ביטערער קידער־ווידער צווישן די צוויי שוועסטער לשונות, און זיי, די וויסטע דעמאַגאָגן פון ביידע צדדים צאַפּן אָפּ ריקעס שעפעריש בלוט פון אונדזער צעבראָכן יידיש הארץ. יאָ, איבער זיי איז יידישיזם געוואָרן דאָס טראָיאַנישע פערד, וואָס האָט זיך געשטעלט פּאָפּעריק אונדזער ביטערן געראַנגל פאַרן קיום האומה. און אַ גאַנצער דור גייט פאַרלוירן. והראיה: קוק דיך אָן מיט מיינע אויגן!

איך עפן אַ פּאַראַנטעז: איז גיי ווייס, אַז אין פּופּציק יאָר אַרום, וועל איך אין שפּעטן פאַרנאַכט פון מיין לעבן, יאָמערן און קלאָגן, אַז דעמאָלט האָב איך ווי ס׳רוב יידישע שרייבער בלינד געגלויבט אַז די גאולה פון אונדזער מאַמע־לשון וועט קומען פון מאָסקווע און די סאַמע געהייכטע און געבענטשטע וואָרט־צויבערער פון מיין דור, וועלן אַזוי מיתה־משונהדיק פאַרטיליקט ווערן פון די רויטע רוצחים, וועלכע האָבן די מדינה פון אונדזער געביין, פאַרוואַנדלט אין יאָמערטאָל פון אונדזער פאַרגיין.

אָבער דערווייל איז זעכציק — ער, און זעכצן — איך. און דער שמועס איז אַן ערב־שבתדיקער.

און שפּעטער, צוגייענדיק אַ פאַרמחשבהטער צום טעלעפאָן, האָט ער צו מיר מילד האַרציק אַ שמייכל געטאָן: פון עבירות איז קיינער נישט באַ־וואָרנט, נאָר אַ מיצווה דאַרף מען זיך איילן צו טאָן — ס׳קען אַ מאָל זיין צו שפּעט.

און אין טרייבל אַריין בהעברה אשכנזית: — אתה שומע אותי מר ליבון,

חבל שגירשת את יקיר מן הגימנסיה. מן הראוי לקבל אותו שוב. כנראה שכחת מה שלמדו אותנו חכמינו: היזהרו בבני העניים, מהם תצא תורה. וואָס באַדייט אין ייִדיש: „דו הערסט מיך מר ליבון, אַ שאָד וואָס דו האָסט פאַרטריבן יאַקירן פון גימנאַזיע. עס איז געווינטשן מ׳זאָל אים צוריק אַריינגעמען. זעט אויס אַז דו האָסט פאַרגעסן וואָס ס׳האָבן אונדז געלערנט אונדזערע חכמים: זייט פאָרזיכטיק מיט די קינדער פון דער אָרעמקייט, ווייל פון זיי וועט אויפגיין דאָס ליכט פון דער תורה״.

און נאָך אַ מאָל צו מיר: — גיי וואַש דיך אָרום און כאַפּ זיך אַריין אין שול און שוועַנק דיר אויס דיין אַפּיקורסיש מויל מיט אַ פרומען פסוק, כ׳לעבן עס וועט דיר נאָך צו נוץ קומען.

ב

יאָר 1940. בעסאַראַביע. אין דער אידילישער מדינה, צווישן דניעסטער און פרוט, ממשלטעווען שוין די רויטע שקלאַפן פון פרייהייט וועלכע האָבן געבראַכט, אויף זייערע טאַנקען, די פרייהייט פון קנעכט.

...און מיט אַ מאָל זענען אין קעשענעוו, דער עיר ואם בישׂראל, פאַרווישט געוואָרן די באַגריפן פון צייט און רוים. אין איין חודש האָט זיך אַ געדיכטע מרה־שחורה אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט, אַווו יאָר־צענדליקער האָט געברויזט מיט ייִדיש לעבן. אַלע שולן און שילן זענען פאַרריגלט געוואָרן. אין די גרויליקע נעכט זענען צענדליקער ציוניסטישע טוער און גלאַט ייִדן פאַרנעמיקע, אַרעסטירט געוואָרן, פאַרשוווּנדן אויך די זשוואַווע צייטונג־פאַרקויפער, די משהלעך, שלמהלעך, וועלכע פלעגן אונדז מהנה זיין מיט אַ „צייטונג־בלאַט״ אין מאַמע־לשון וואָס האָט געהאַט דעם געשמאַקן טעם פון אַ פרישן פּידפּאַלעק ערשט פונעם אויוון אַרויס.

אין די פאַלדן פון די באַלשעוויסטישע „גליקן״ האָבן זיך שוין געשאַרפט זייערע חלפישע צייך די אומגליקן. יונג און אַלט פלעגן זיך נאָכפרעגן מיט צאַפּל און גרויל, צי אונדזער רב צירעלסאָן איז נאָך אַ היגער?

ביז ס׳איז געקומען יענער גורלדיקער טאָג, צו וועלכן מ׳קען אָנווענדן יהושוע בן נונס זאָג: שמש בגבעון דום והירח בעמק איילון. ווען, דוכט מיר, די געשיכטע אַליין האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

...איז אָט דעם 22סטן יולי פונעם יאָר 1940, האָט אַריינגעשפּאַנט אין

רעדאַקציע פון דער צייטונג „סאָציאַליסטיטשעסקאַיאַ בעסאַראַביאַ" יהודה לייב צירעלסאָן. אַריינגעשפּאַנט מיט אַצילותדיקע טריט אין דעם גרוימיקן קאַבינעט פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר — איוואַן פּעטראָוויטש קאָסאָלאַפּאָוו.

דאָס איז דער קעשענעווער מרא דאתרא געקומען אָפּפרעגן די ווילדע באַהויפּטונגען פון דעם אַטעיִסטישן שוואַרצן לייט אַרטיקל „צוויי רעליגיעס אין דינסט פון דער רעאַקציע". פאַר וואָס אַזוי „דעליקאַט" רעאַקציע און טאַקע בפירוש נישט — פאַשיזם? ווייל, לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז ס׳איז געווען אין די סאַמע האַניק־חדשים פון דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט.

שוין פון די ערשטע מינוטן — ווי עס האָט מיר געגעבן דערציילט דער בייוועזנדיקער זשורנאַליסט־סטענאָגראַפיסט, דוד פייערשטיין, איז דער סאָ־וועטישער רעדאַקטאָר געבליבן ווי געפּלעפט.

אין זיין באָלשעוויסטישער פאַנטאַזיע און לויט די אים באַקאַנטע שיל־דערונגען פון די שונאי ישראל, האָט ער זיך אויסגעמאָלט די געשטאַלט פון זיין אָפּאָנענט אין די סאַמע גרעלסטע פאַרבן, דהיינו: עפּעס אַ מין ווילד רבל, רחמנא ליצלן, מיט אַ פאַרסאַרגעטער קאַפּאָטע און אַ באָרד מיט ווילדע קאָלטענעס. און דאָ זיצט גאָר אַקעגן אים — אַ הדרת פּנימדיקער ייִד. עס פעלט דאָס ווייסע העמד מיט דער מאַנישקע, און נישט ווייניקער זיין שפּראַך וועלכע פינקלט מיט אַלע אידיאָמאַטישע חנען פון די אורפּאָטערס פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור טורגעניעוו, טאָלסטאָי און טשעכאָוו.

— חשובער רעדאַקטאָר, איז ווי־זשע קומט עס וואָס איר, ווי איך זע, אַ מענטש פון עלטערן דור, וועלכער האָט זיך, וואַרשיינלעך, דערצויגן אויף די ווערק פון דער רוסישער הומאַניסטישער ליטעראַטור, איר וועלכער ווי אַלע פון אייער פּאַרטיי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פּאַרוועט מיטן ריבונו של עולם, כדי צו שאַפן אַ גן־עדן אויף דער ערד. איז יאָ, ווי־זשע קומט עס, וואָס איר און אייער צייטונג, באַשמוצט אַזוי די ערשטע פּרעדיקער פון מענטשלעכקייט און סאָציאַלן יושר: משה רבינו און זיין נאָכפאָלגער דעם סטאָליאַר — זון פון נצרת? און נאָך ווען, אין סאַמע האָניק חודש פון אונדזער באַפרייונג? האָט דער רב געלייגט דעם טראָפּ אויפן האָניק.

— עס פעלט אייך נישט קיין הומאָר. אַפילו סאַלטיקאָוו־שטשעדרין וואָלט אייך געמעגט מקנא זיין, כמורעט זיך דער רעדאַקטאָר און שליסט דערביי אויס דעם טעלעפאָן...

— ווען סאַלטיקאָוו־שטשעדרין לעבט וואָלט ער זיכער נישט געקליבן קיין נחת פון אַזעלכע אַרטיקלען. דוכט מיר, אַז פּלעכאַנאָוו און אַפילו אייער מיטצייטלער לונאַטשאַרסקין וואָלטן זיי אויך נישט געפעלן. פאַרגעסט נישט איוואַן פּעטראָוויטש, אַז אַט די ברונעמער פון פּאָעזיע, יושר און חכמה האָבן געלינדערט און וועלן נאָך לאַנג לינדערן דעם דורשט פון דורות. אויב איר וועט זיך טאַקע אָפּזאָגן פון זיי, ווי איר טוט עס איצט, וועט עס אייך זיין נאָר צום שאָדן. וואָס, וואָס, נאָר צום תּנ״ך וועט איר זיך פריִער אָדער שפּעטער, אַלע, אַלע אומקערן, ווייל ער איז אייביק.

— איז אפשר וועט איר אונדז אויך פאַרלייגן מיר זאָלן אַריינעמען אייער משהן און כּריסטוסן אין דער פּאַרטיי, האָט זיך דער גרייז־גרויער קאָסאָלאַפּאָוו צעלאַכט, און דערנאָך מיט אַ קול אַ וואָרנענדיקס: איר קענט מן הסתם לעבינס זאָג: רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק, און דער פּאַרטייס אַ וואָרט איז פאַר אונדז, סאָוועטישע בירגער, אַ געזעץ! ערגעצוווּ האָט איר נאָך אַ ביסל מזל וואָס איר האָט אָנגעטראָפן אויף מיר, אַ מענטש, ווי איר זעט, אַן עלטערער, וועלכער האָט דרך־ארץ שוין פּשוט פאַר אייער זעלטענער רוסישער שפּראַך. איז גייט אַהיים און לאָזט אונדז צו רו! פון אונדזער שמועס ווייסן מיר נאָר דריי...

דעם רב אויגן, וועלכע האָבן געזען פּלעווען און קרושעוואַגען, פּוריש־קעוויטשן און פּראַנאַיטעסן, קוזאַן און זעליאַ קאָדריאַנו און אַנדערע אומ־צייליקע שונאי ישׂראל, די אויגן וועלכע האָבן אַריינגעבליקט אין דער טיף פון דורות און געזען אַלע פּאַרטייליקטע פון אונדזער פאָלק, זענען מיט אַ מאָל פייכט געוואָרן. נאָר ער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען פון אַלע תּמיד, זיך אַדעליק אויפגעהויבן, מיט אַ פינגערל אַראָפּגעשנאָלט אַ דרויבעלע פון זיין שבתדיקן סערדעט און שטיל אַ זאָג געטאָן צום רעדאַקטאָר:

— איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, איוואַן פּעטראָוויטש, אַז אַ ייִדישער רב איז נישט ווייניקער העלד ווי די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן. אַ מענטש פאַרמאָגט טאַקע איין לעבן, און למאַי לייקענען? עס איז אַוודאי שווער עס מקריב צו זיין אַפילו אויף דעם הייליקסטן מזבח. אָבער אַלע מיינע אורזיידעס האָבן געלעבט און געשטאָרבן ווירדיק, און אויך איך, ווען די שעה וועט קומען — בין גרייט.

מיט שטילע פּאַרכטיקע טריט, האָט ער אין יענעם קעשענעווער בין־

השמשות געשפּאַנט צו זיין היים. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע מחשבותן, דאָס ער האָט אַפילו נישט באַמערקט זיינע טרייע שומרים — דעם רב יוסף עפּעלבוים און דעם סעקרעטאַר זיינעם בערל פּרילוצקי, וועלכע זענען אים נאָכגעגאַנגען און געשוויגן.

ערשט ווען ער האָט גענענט צו זיין שטוב, האָט אַ שמייכל אויפגעלויכטן אויף זיין פּנים און ער האָט קאַטאָוועסדיק זיך אַ וויצל געטאָן מיט זיינע באַגלייטער:

— אַ, זייער גוט וואָס איר זענט דאָ, איך קלייב מיך אַריין אין זייער קאָמסאָמאָל, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, דאַרף איך טאַקע האָבן צוויי רעקאָמענדאַציעס. איז פאַרקאַטשעט, זייט מוחל, די אַרבל, און שרייבט זיי מיר אָן תיכף ומיד...

✶

אַ פּאָר וואָכן פאַר היטלערס אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, איז דער בעסאַראַבער יידישער ישוב, וועלכער האָט שוין קוים געזיפצט, פון ס׳ניי אויפגעשוידערט געוואָרן: אין דער קיִעווער טעגלעכער צייטונג „דער שטערן״, דעם אָרגאַן פון דער אוקראַיִנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין זייער חלפישן יידיש, האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל: „דער בעסאַראַבער הויפּט־ראַבינער צירעלסאָן — אַן אַגענט פון דער צאַרישער אָכראַנקע״, פול מיט ווילדע בילבולים און מסירות.

און ביז היינטיקן טאָג, איז נישט קלאָר פאַר וואָס די סאָוועטישע מאַכט־האָבער פון מאָלדאַוויע האָבן, פון דעסטוועגן, נישט געוואַגט צו אַרעסטירן דעם רב.

זאָל זיין אַז זיי האָבן באַנומען אַז צירעלסאָן איז צו פיל אָנגעזען און באַליבט ביי יידן ווי נישט יידן, און ס׳איז פאַרלויפיק נישט כדאי אויפצו־רודערן די געמיטער? צי זאָל זיך טאַקע האָבן פאַר אים איינגעשטעלט דער אַלטער אָנשטענדיקער באַלשעוויק קאָסאָלאַפּאָוו? דאָ ליגט דער תלמודישער זאָג — תיקו.

אָבער... — און דער אָבער — איז די גרויל אַליין. איז מילחמה. און דעם אימהדיקן פאַר נאַכט פון דעם 25סטן יולי 1941, ווען דער רב הכולל איז געגאַנגען דאַווענען מינחה און מעריב אין דערנעביקן שילעכל, איז ער צעמערשט געוואָרן פון אַ באָמבע.

היינט געפינט זיך זיין קבר אויפן קעשענעווער בית־החיים. אַהער קומען ייִדן און ייִדינעס, די רעשטלעך פון דעם טויזנטיעריקן פאַרוואָרצלטן ייִדישן ישוב, זיך אויסריידן, אויסוויינען און אויך געפונען ביים גרויסן נפטר טרייסט און געזעגענונג. ס׳קומען אויך אַלטע און יונגע — זיך געזעגנען פאַר זייער עולה זיין קיין ישׂראל.

...און עס וועט נישט זיין אַ גלאַט אַזויזיכדיקע מליצה, ווען איך וועל פאַרענדיקן: ער איז געבליבן אַ טרייסטער נאָך זיין אָפּלעבן, פּונקט ווי ביי זיין לעבן.

אַ יאָרצייט־ליכטל פאַר סאָלאָמאָן שור

און ווייל דער סוף פון דער געשיכטע, וואָס איך קום דאָ דערציילן, איז זייער אַ האַרצרייסנדיקער, וועט מיר דער קורא חביב מוזן מוחל זיין, וואָס איך שרייב זי אין אַין אַזאַ קאַטאַוועסדיקן נוסח. ווייל אַנדערש וועט מיר נישט סטייען קיין כוח זי אויסצולייגן אויף פּאַפּיר.

א

אין די ערשטע וואָך, ווי נאָר איך האָב מיך אַרויסגעלאָזט פון מיין שטעטעלע פּערליץ קיין קעשענעוו „שטודירן", האָט מיך מיין פעטערל, דאָס בייגל־בעקערל, משהלע טראַכטמאַן, מיט גרויס פּאַראַד, געפירט אויסווייזן די קרוינשטאָט פון דער בעסאַראַביע.

דאָס פּיצעלע פעטערל מיינס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט... בונדיס־טישער תורה. איז דעריבער, זאָל זיך דער לייענער נישט וווּנדערן, וואָס צווישן די אַלע גרויסשטאָטישע חריפותלעך וואָס מיין „סיציליטל" האָט מיר געוויזן, איז געווען אַ פאַרנעמיקער ייִד, אַ שטאַלטנער, פאַרפּוצט, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אין אַ יום־טובדיקן קאָסטיום און מיט אַ פּריצישן צילינ־דער אויפן קאָפּ.

דער אויסנעמלעכער ייִד, מיט וואָנצעס פון אַ פּוילישן כראַביע, איז פּירשטלעך אַרויס פון זיין גילדערנער קאַרעטע, און זיך אַ לאָז געטאָן, צו דער דעמאָלטיקער פּרימאַריע (שטאָט־פאַרוואַלטונג בלע"ז), אַוווּ ער איז אַפּנים אַ היימישער מענטש.

— זעסט יאַנקעלע — האָט מיך ס׳פעטערל אַ טאַרקע געטאָן — דאָס איז דער גרעסטער בורזשוי.

דערהערט דאָס גלינצערדיקע וואָרט בורזשוי, האָב איך מיך תיכף נאָכגענומען נאָך דעם שיינעם ייִדן, און למאַי לייקענען? — ער איז מיר בפירוש געפעלן פונעם ערשטן קוק.

קודם כל, איז מיר געווען זייער צום הארצן זיין מלכותדיקער גאַנג, אויף די מירמלנע טרעפּ, בשעת די אַלע גרעסערע און קלענערע האַווקערס און האַווקערלעך פון דער פּרימאַריע, האָבן זיך גענייגט און געבויגן אין דרייען פאַר אים.

עס איז מיר שיין אָנגעשטאַנען צו זען, צום ערשטן מאָל, מיט די אייגענע אויגן, אַזאַ ייִדן, וואָס די גויים האָבן דאָס ביניעריקע קדחות פאַר אים, און נישט פאַרקערט.

דער ייִד איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש שור.

איז לאָמיר, אַלע קעשענעווער תּושבים, זיך וואַרעמען ביי די האָלאָ־ ווערשקעס פון אונדזער זכרון.

סאָלאָמאָן שור איז געווען, אין יענע צייטן דער אַלמעכטיקער מלך איבער דער „קאַראַבקע”.

און קיניגן איבער דער „קאַראַבקע” — די אינסטיטוציע, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן אויף אירע קאָסטנס דאָס גאַנצע ייִדישע קעשענעוו, האָט באַדייט, טראָגן אַחריות פאַר דער אויסקומעניש פון דער סאַמע ייחוס־ דיקסטער קהילה קדושה.

דעריבער האָט ער, דער קלוגער, מאַכט ליבהאָבנדיקער, סאָלאָמאָן אַב־ ראַמאָוויטש, ממשלטעוועט ביד חזקה, און זיין וואָרט איז געווען אַ געבאָט. דערווידערן אים? פאַוואָליע, לא מיט אַן אַלף!

שור, דער ייִד, וואָס האָט געשטאַמט פון דער „פּאַן” פון דורות ייִדן גערימטע אוטערנעמער אין צאַרישן רוסלאַנד (זיינער, שורס, אַן עלטערזיידע איז געווען אַ יוצא ונכנס ביים צאַר אַלעקסאַנדער, דער זיגער איבער נאַ־ פּאָלעאָן באָנאַפּאַרט), האָט סיי אין זיין אָרט שמועסן, סיי אין זיינע מעשׂים, געהאַט אַ באַזונדערן „וועליקאָ דיערזשאַווני” (גרויסמאַכטיקער) נוסח איבער וועלכן מ׳האָט אים געקריינדלט מיטן צונאָמען „קישעניאָוו פּעטראָגראַדאָ־ וויטש”.

ער, שור, פלעגט שניידן ווי אין קרויט, די רומענער האָבן ביי אים געהייסן נאָר ציגיינער („עטי ציגאַני”).

די באָלשעוויקעס, בונדיסטן און סאָציאַליסטן מכּל המינים — רויטע באַנדיטן. די פּועלי ציון — „פּעצעקי”. און די כּלערליי פּאַרטיי־טוערס — ליידיקגייערס („בעזדיעלניקי”).

פאַרשטייט זיך, אַז די דעמאָלטיקע קעשענעווער דריישפּראַכיקע צייטונג־בלעטער, וועלכע האָבן איבערגעמאָלעגיירעט — נישט ווי איצט — אַלטע נייעסן, אויס מאַנגל אין... נייע אומגליקן, זענען געווען פּשוט איבערגליקלעך פון דער באַשטענדיקער טעמע — שור.

זלמן ראָזענטאַל ז״ל, האָט זיך פאַר מיר איבערגענומען, דאָס ער וואָלט געקענט צונויפשטעלן אַ גאַנץ בוך, פון אַלע זיינע פאַמפלעטן קעגן שורן.

אַלע יעמאָלטיקע צייטונג־מענטשן, מיט די געשליפענע פעדערס, ווי בענאַני, יורי קאַלוגין, מ. לעוואַנדאַ (מיכאל לאַנדאַו ז״ל) און ווער נישט, האָבן געשאָסן מיט זייער שווערער פען אַרטילעריע אין שורן.

און איר זאָלט זאָגן: עס זאָל אַפילו אים האָבן גענומען אַ קויל... ער פלעגט זיך וויצלען: דאָס אַז ער לייגט זיך די אַלע צייטונגען צו קאָפּנס איז אים ווייכער צו שלאָפן.

מאָלט אייך, אַז אַפילו דער רב הכּולל דבעסאַראַביע — ר׳ יהודה לייב צירעלסאָן ז״ל, האָט אים פירגעהאַלטן: פאַטשעמו, פאַר וואָס גאָספּאַדין שור, זענט איר אַזאַ ספּילטשעווער און האַמפּערט זיך אַזוי מיט אַלעמען״!?

אָבער שור האָט אַזוי האַמפּערנדיק זיך צוגלייך מיט אַנדערע חשובע יידישע מנהיגים — געטאָן אַלץ, אַז קעשענעוו, זאָל זיין אַן עיר ואם במאָל־דאַוויע.

ס׳פאַרגעדענקט זיך מיר אַ שטערן־שעה אין סאָלאָמאָן שורס לעבן: מנחם מענדל אוסישקין ז״ל איז געקומען קיין בעסאַראַביע, און אויף דעם פייערלעכן אויפנעם פאַר אים, איז בייגעווען די גאַנצע קעשענעווער סמע־טענע, און בתוכם — שור.

האָט מען געדאַרפט צוקוקן מיט די אייגענע אויגן, ווי סאָלאָמאָן אַבראַ־מאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן, מיט אַן אַדעליקער מינע, און בפני די טובי העיר, דערקלערט דאָס ער וויל, נעמלעך לייענען אַ ליד וועגן... סיאָן.

און אין דער יום־טובדיקער זאַל, האָבן זיך דערהערט די לאַשטשענדיקע טענער פון ליערמאָנטאָווס ליד:

„ס׳קאַזשי מניע וויטקאַ פאַליעסטינאַ גדיע טי צוויעלאַ, גדיע טי ראַסלאַ״?

אין מאַמע לשון: „זאָג מיר צווייגעלע פאַלעסטינע, אַווו האָסטו געבליט, אַווו האָסטו געוואַקסן״ ?...

אָפּגעזאָגט לערמאָנטאָוון, און פּופּטערנע* איז ער אַרויס, שור מיט זיינער אַן אייגענער שאַפונג וועגן... ירושלים.

און דאָ האָבן זיך די קעשענעווער פּני ממש געטאָפּיעט פון „נחת״: — אַזאַ גראָסאַרטיק רוסיש, האָט מען שוין לאַנג נישט געהערט. און ייִדן, אין שטיוואַליעס, שליחים פון שטעטלעך און דערפער, האָבן זיך געקוויקט: — אוי, יאָכלט ער!

האָט זיך אוסישקין בכבודו ובעצמו אויפגעהויבן און אים אַרומגענומען און געקושט, ווי איינער זאָגט: אחינו אַתה! אַלץ אין מיין נוסח: עברית או רוסית, און נאָך אַזאַ רוסיש דערצו...

ב

...ווען כ׳האָב מיך אין יענעם חשבונדיקן סעפּטעמבער פונעם יאָר טויזנט ניין הונדערט פיר און פערציק, אומגעקערט קיין קעשענעוו, האָב איך גע־טראָפן אפשר פינף מנינים ייִדן.

איז איינער אַ ייִד, מיט אַ יענוועלטיקן אויסזען, האָט מיר איינגערוימט, אַ סוד אין אויער, אַז שור לעבט און פרעגט זיך נאָך אויף מיר.

— ווי זשע וווינט ער?

— ביי עפּעס אַן עשוטע אין באַשקע, ביי אַ געוועזענער דינסט זיינער, וועלכע האָט זיך מרחם געווען אויף אים, זי וווינט אַ שפּאַן וועגס פון דיר, אויף ריינסקי גאַס.

...און אָט בין איך אין שורס איצטיקער... „רעזידענציע״. אויף אַ צעטרעפּקעט דיוואַנדל זיצט אַ שאָטן אין אַ... יאַרמעלקע. איין אויג איז אין גאַנצן אויסגעלאָשן און דאָס צווייטע איז אַ פּאַרקיסניעטס: צי פון טרערן, צי פון זיקנה.

און אַזוי איז שוין אָנגענומען ביי אונדז: מעגסטו דיר זיין אַ שפּראַך מאדים און קענען אַלע שבעים לשונות. נאָר אַז דו ווילסט זיך אַראָפּוויינען אָדער אַראָפּקרעכצן, קרעכצסטו פון דעסטוועגן אין ייִדיש.

האָט שור טאַקע לגמרי פאַרגעסן אַז ער איז געווען אַ מאָל קישעניאָוו פעטראָגראַדאָוויטש און האָט אויסגעלייגט פאַר מיר זיין קינה אין מאַמע־לשון.

---

* פּופּטערנע — לאָקאַליזירן־תּיכּף.

כ׳גיב זי דאָ איבער בקיצור נמרץ:

לאָזט זיך אויס, אַז ווען דער רומעניִשער מלך פערדינאַנד פאָן האָהענ־צאָלערן, מיט זיין פלוניתטע די „צנועה״, די קייסערין מאַריע, האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן „באַערט קעשענעוו״, מיט זייער באַזוך, זאָל זיך האָבן די ראָמאַנטישע מלכה אַזוי פאַרקאָכט אין אונדזער שורן — וועלכער איז געווען צווישן די „עמפפאַנגערס״ אירע (זייגס אַ וואָרט), דאָס זי האָט אים — בשעת דער מלכותדיקער סעודה — אַוועקגעזעצט נעבן זיך, און אויך דערנעבן איר אַדיוטאַנט דעם מאַיאָר יאָן אַנטאָנעסקו, דער שפּעטערדיקער מאַרשאַל — ימח שמו וזכרו — און מלאך המות פון דעם גאַנצן בעסאַראַבער יידישן ישוב.

פאַרשטייט זיך, אַז דער „היסטאָרישער באַנקעט״ פאַרן קיניגליכן פּאָר איז פאַראייביקט, משמע אָפּגעפיקטשעוועט געוואָרן. און — שפּיץ מעסער — סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש, האָט אַזוי נושׂא חן געווען ביי דער „הייליקער״ מאַריע, הן מיט זיין פּרעכטיקן פראַנצויזיש, און הן מיט זיינע נאָבעלע מאַנירן, דאָס ער איז בין לילה געוואָרן דער ריטער פונעם העכסטן אָרדען — „דער הייליקער סאַוואַ״. (אין רומעניש — ספינטול סאַוואַ).

— איז אָט דער סאַוואַ האָט מיך פאַראומגליקלעכט — האָט שור געיאָ־מערט פאַר מיר — מען האָט מיך אַרויסגעטריבן פון דער געטאָ און אַוועק־געפירט קיין בוקאַרעשט״.

אַזאַ איז געווען דעם רוצח אַנטאָנעסקוס באַפעל.

שור האָט זיך באַזעצט שפּעטער צו אין דער חורבה, אין וועלכער כ׳האָב אים געטראָפן.

אַנטאָנעסקוס מיין: נאָכן ניצחון ווייזן דעם רומעניִשן „אַדל״ דעם לעצטן לעבעדיקן עקזעמפּליאַר פונעם „יודעאָ קאָמוניזם״.

און מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן: אַסיגנאַציעס, בריליאַנטן, דימענטן — וועלכעס איז געווען פאַרזיכערט אין דער בוקאַרעשטער נאַציאָנאַלער באַנק — „געשמירט״ אַלע מערדערס פון די „היכע פענצטער״, כּדי אַרויסצוראַ־טעווען כאָטש אַ פּאָר הונדערט יידן. אַ קליין רעשטעלע זאָל כאָטש פאַרבלייבן.

— וואָס איז איוב אַנטקעגן מיר — האָט שור ממשיך געווען — כ׳בין איינער, אָן ווייב, אָן קינדער. אָן מיינע טייערע שונאים און ליבע גוטע פריינט; כ׳האָב זיך אַליין איבערגעלעבט.

...איז אַלע פאַר טאָג, פלעג איך זיך אָנטרעפן אין אָטשערעט, אין דעם

געשפּענסט — שור, וועלכן עס פלעגט פירן ביי דער האַנט זיין שיפחה אָדער סתּם אַ ייִד, בכדי צו באַקומען זיין לחם עוני, אַ קווערטעלע פּאַרוואַ־סערטע מילעך און די פאַרפוילטע שאר ירקות, אַלץ מיט וואָס די צוריק־געקומענע סאָוועטישע מאַכט האָט „באַגליקט" אירע בירגער.

מען האָט געדאַרפט צוקוקן ווי שור האָט עס איינגעווייקט מיט זיינע ציטעריקע פינגער דאָס פּעניצל ברויט אין דער מוטנער מילעך, כדי צו פאַרשעלטן דעם טאָג, ווען דער כביכול האָט פאַרטראַכט דאָס מין מענטש.

און אין די נעכט האָט שור, אין אַ מליצהדיקן ייִדיש, געשריבן די מגילה פון אונדזער פאַרטיליקטן ייִדישן שבט, פון דעם קאַנט צווישן דניעסטער און פּרוט.

ער פלעגט אונדז פאַרלייענען ווי אַ פאַרצייטיקער מקונן און מיר פלעגן כליפּען.

...ווען כ׳האָב מיך אין אַפּריל 1955טן יאָר אומגעקערט פון די סטאַלי־נישע לאַגערן, איז שוין געווען אויס שור.

נעמליך: די רויטע באַנדיטן האָבן זיך טאַקע אויף אַן אמתן דערמאָנט אין דעם אַלטן „געפערלעכן" בורזשוי און „רעאַקציאָנער" — סאַלאָמאָן אַבראַמאָוויטש שור און אים פאַרטריבן קיין סיביר מיט נאָך אַזעלכע „ענלעכע שׂונאים פונעם פאָלק".

ער האָט אָבער פאָרט געהאַט אַ שטיקל זכות ביי דעם וואָס לעבט אייביק: האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה אין דעם פאַרגראַטעוועטן פּי־וואַגאָן. און זיין געביין רוט ערגעץ דערנעבן דער אַלט־רוסישער שטאָט פּערם.

זענען אָט די שורות — מיין יאָרצייט־ליכטל אויף זיין קבר.

דער אַפּאָקאַליפּטישער שרייבער בנימין טוטשינסקי

...איז גיי ווייס, אַז דאָס וועט זיין דער לעצטער שמועס מיט אים, מיט דעם לעצטן בעסאַראַבער מאָהיקאַנער — מיט דעם שיין ייִדיש־שרייבער בנימין טוטשינסקי.

ס׳איז געווען אַ פרילינג־טאָג, איינער פון יענע בעסאַראַבער טעג, ווען עס טריפט פונעם הימל מיט פּאַטעק, און ער, דער וואָלעכישער כּביכול, האָט אַליין אַ הנאה פון איינעם פון זיינע געראָטענע עטיודן צו דער פּרשה וועלט־יצירה המכונה — מאָלדאַוויע.

האָט זיך טאַקע דער איבערשטער פאַרכלינעט פון נחת דאָרטן אין זיינע הימלישע רחבותן. און דאָ, אויף דער זינדיקער קעשענעווער ערד זיינער, נעמלעך אויפן הוהאַדיקן מאַרק האָבן אַרומגעשלאָגדערט צוויי זיינע אונטער־שטע מישטיינס געזאָגטע ייִדישע פען־מענטשן. ער, דער אַמאָל געוועזענער עסטעט פאַר עקסעלאַנס, קריטיקער און עסייִסט — בנימין טוטשינסקי, און איך — דער ערשט קוים צו זיך געקומענער — נאָך אַ גרויליקער איבער־לעבעניש — יאַנקל יאַקיר.

דאָס מאָל האָבן מיר שוין בײדע נישט אָנגעגורט — ווי אַ מאָל — די ליטעראַרישע לענדן און געפּאַכעט מיט די פּאַלעמישע... שווערדלעך, ווי אין יענע ראָמאַנטישע טעג און נעכט, ווען אונדזער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער מאַן האָט געבליט אונטער דער הערשאַפט פון דער צען מאָל פאַרשריגענער און פאַרזינדיקטער — פאַרשטייט זיך „פאַרשאָלטענער" קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

עס האָט שוין דעמאָלט — אויף טוטשינסקיס נוסח גערעדט — „באַראַ־מעטערט אויף שטורעם". אָט יענער שטורעם פון עליה אין לאַנד פון די אָבות, וועלכער האָט ממש צעוויכערט דעם בעסאַראַבער קאַנט אונדזערן פון מאַמעליגע און מילך, פונעם דניעסטער ביז צום פרוט.

— שיקט זיך — האָט ער טריב־טרויעריק געשמייכלט — אַז עס איז טאַקע אמת, אַז אויך איר זענט צווישן די מעפּילים און עס וועט שוין קיינער נישט זאָגן אַפילו קדיש אויף מיין קבר? זיי זאָלן כאַטש, די ערלים, מיך נישט פאַרשלעפּן אויף זייער צווינטער.

— טוטשינסקי — האָב איך זיך געפּרוווט מענטשלען — עס געשעען איצטער נסים און עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז אויך איר, וואָס איר זענט אין משך פון צוויי־און־דרייסיק יאָר פאַרשוואַרצט געוואָרן ביי זיי... אָן עושר און אָן כבוד, וועט אויך קומען.. אַהיים. און מיר'ן עס מיט אייך זיין — ווי דער דיכטער זאָגט — די לעצטע פּליטים פון מאַטקיית.

— קוויקט מיך נישט, יאַקיר, מיט חלשות־טראָפּנס האָט מיט אַ מאָל זיך צעצונטערט זיין בלייך אויסגעמאַטערט פּנים — איך בין שוין אַ פאַר־פאַלענער לעולם ועד. מיין ברוסט־אַסטמע דערקיטשעט מיר.

איז גיי ווייס, אַז ער וועט זיך אַזוי גיך אויסלעשן אין אַ האַרבסטיקן סעפּטעמבער־טאָג.

איז יאָ, האָט גראָד געדאַרפט אַזוי געשען, אַז אין אָט די פיבערדיקע רייזע־טעג זאָל „דער בלייכער גאַסט" אַנקלאַפּן אין דער טיר פון זיין אויס־טראַכטער — בנימין טוטשינסקי. אמת, אויפן צווינטער האָט מען אים נישט פאַרשלעפּט. אָבער עס איז געווען אַ סטאַנדאַרטנע סאָוועטישע לוויה מיט אַלע זייערע קליפּ און קליפּערלעך.

עפּעס אַ פאַרכריפּעטער חזן האָט געמאַכט אַ נח מיט זיבן־גרייזיקן אל מלא רחמים. אַ סלאָוויש שנירל — טוטשינסקיס — האָט געגעבן אַנוויי־זונגען אויף רוסיש. אַ פּאָר צעלאָמעטע ייִדן האָבן געפּרוווט אויפצומונטערן זייער פאַרשטאַרטן זכרון. אפשר וועלן זיי זיך פּאַרט דערמאָנען, וואָס נעמלעך דער נפטר האָט אַ מאָל געשריבן אויף ייִדיש. און די אַנדערע דריי מנינים גייערס נאָך זיין מיטה האָבן געוווסט, אַז עס איז געשטאָרבן דער לערער־פּענסיאָנער פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער סאָוועטישער אימפּעריע — וועניאַמין אָסיפּאָוויטש טוטשינסקי.

✶

וואָכעדיק, האַ? איר הערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען גאַרנישט געבוירן ווערן.

יאָ, איז ער געבוירן געוואָרן, בנימין טוטשינסקי, אין קעשעניעוו, מיט

כמעט צוויי און זיבעציק יאָר צוריק — איידל געדעדט — אין אַן עלעגישער שעה, אַפּנים, ווען די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ סך סקעפּסיס און ביטערן צווייפל און פאַרצווייפל.

אויף וויפל מיין געשיכטלעכער זכרון פאַרפירט מיך נישט, געדענק איך עפּעס ניט, אַז טוטשינסקי זאָל זיך געווען נאָך אין יענע בורזשואַזע יאָרן, ווען די קליינבירגער האָבן געריסן שטיקער פון די גרויסבירגער, און פאַר זיי האָט שוין באַצייטנס געגראָבן אַ קבר דער „העגעמאָן פון דער הערא֞ישער עפּאָכע — דער אַרבעטער און פויערים קלאַס" — איז יאָ, דערמאָן איך מיך עפּעס נישט, אַז ער זאָל זיך עס געווען איינגלידערן אין דעמאָלטיקן חיותדיקן בעסאַראַבער יידישן ישוב.

ער פלעגט אין יענע יאָרן ,מיט אַן אויבנאויפיק שמייכעלע אַריינקומען אין דער רעדאַקציע פון — זיין עפּיטעט — די גראָבע ייִנגען" פונעם קעשע־נעווער „אונדזער צייט" און מיט אַן אַצילותדיקער מינע, אָפּגעבן זיין עסיי — ווי איינער זאָגט: נאָט, זעט ווי כ'האָב אָפּגעוואָרפן אין אייער אָרעמער אַכסניה מיין גייסטיק האָב און גוטס.

אַפילו אין דער אָרטיקער יידישער פּראָפּעסיאָנעלער שול פאַר מיידלעך, ווו ער האָט געצויגן זיין חיונה, אַלס לערער פון ליטעראַטור, איז טוטשינסקי נישט געווען קיין לערער ווי אַלע לערער, נייערט ער פלעגט זיך אַרומדרייען מיט אַ מינע פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן אַדעליקן ריטער פון גייסט.

...און ווער ווייסט, וויפל טוטשינסקי וואָלט נאָך געווען אַ בן בלי שם, אין דער דעמאָלטיקער בעסאַראַביע, ווען ער שרייבט נישט אַן זיין באמת געראָטענעם עסיי, וועגן דוד בערגעלסאָן, זיין ליטעראַריש־קריטישער ערשט־לינג „בין השמשותן און שטורעמווינטן".

איך זאָג ערשטלינג, ווייל ערשט אין יאָרן אַרום איז דערשינען זיין ליטעראַרישער צווייטלינג „אונטער דער האַק" (וועגן ה. לייוויקס „דער גולם" און „די גאולה־קאָמעדיע") און קיין דריטלינג האָט ער שוין נישט דערלעבט צו זען.

נישט ווייל דאָס שעפערישע לעמפל זאָל האָבן אויסגעצאַנקט, נאָר ווייל די אומגעריכטע רויטע מאָלדאַוויע־באַפרייער פונעם פערציקסטן יאָר האָבן עס פאַרלאָשן... טאַקע נאָר, ווי זיי קענען פאַרלעשן — אויף שטענדיק.

אָבער „בין השמשות און שטורעם־ווינטן" האָט אָנגעזאָגט דאָס באַווייזן

זיך אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַן ערודירטן, אייגנאַרטיקן קריטיקער, מיט אַ צאַרטער, באַדאַכטער פעדער, איינגעטונקען אין האַרבסטיקן דעמער, און אין דער געלער פאַרב פון די „נישט פאַרגעס מיך"־קווייטלעך.

מיר דאַכט זיך, אַז ס'וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען כ'וועל זאָגן, אַז איך קען נישט דעם צווייטן יידישן ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכער זאָל זיך אַזוי האָבן דערגרונטעוועט צו דער טויט־זעונג, וואָס הילט איין ווי אַ טרויער־געפּל בערגעלסאָנס פּראָזע.

האָט זיך טאַקע דאָס יידיש־לאַנד דערפרייט מיט אים. אַמעריקע האָט זיך אַפילו געפרווט מיט אים נעמען רעוואַנש איבער פוילן. דהיינו: אַבי איר האָט געמיינט, אַז איר האָט די בכורה איבער שיינגייסטיקייט; נאַט, זעט אָבער וואָס פאַר אַ ליכט עס גייט אויף פון דער פּאַרוואָרפענער בעסאַראַביע!

אָבער ב. טוטשינסקי, האָט זיך אַליין געטאָן אויף צו להכעיס, עפּעס טאַקע נאַר, ווי ער זאָל זיך נישט האָבן פאַרגינען זיין ליטעראַרישן נחת. טוטשינסקי האָט גענומען די ווערק פון די אַמעריקאַנער „יונגע" און זיי אַריינגעלייגט אין זיין קריטיש... בעטל, און זיי געמאָסטן מיט דער מאָס פון לעוו טאָלסטאָי און טאָמאַס מאַן, און אַז ער האָט געזען, אַז זיי גייען אים נישט אונטער, האָט ער מיט איין פען־שטריך גוזר געווען.

„יוסף אָפּאַטאָשוס — איך ציטיר לויטן זכרון — צוואַנציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט, זענען שוואַכלעכע און אַנטוישנדיקע.

משה נאַדיר איז נישט מער ווי אַ ליטעראַרישער קלאָון.

גלאַטשטיין און לעיעלעס — „פען־אַקראָבאַטן". און אַפילו דער היימישער איציק מאַנגער „איז ריינער מאַריאַ רילקעס אַן עפּיגאָן".

נו, און וואָס נועג דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, האָט ער זיך מיט איר גיך געספּראַוועט: מאַרקסיסטישע דאָגמאַטיק און ווייערוויכדיקע פּראָלעטאַרישקייט.

ווייל ער, דער קעשעניעווער טוטשינסקי, איז געווען אַן אייראָפּעער נישט נאָר בביתו, נאָר אויך בצאתו. דאָס האָט ער געוואָלט איבערצייגן די וועלט, אַז כאָטש אַזוי און דאָך אַזוי, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין זיין מגושמדיקער בעסאַראַביע שפּאַנט אַפילו אַרום משה רבינו אין פּאַסטעלעס, איז זי דאָך פּאַרט אייראָפּע. און אין איינעם, אַ שיינעם טאָג, וועלן געאָרג בראַנדעס און קאַרל קראַוז, די באַרימטע גוייִשע יידן, אָדער יידישע גויִים — צערוקן

די מזרח־שטולן פון דער וועלט־קריטיק, און וועלן זאָגן: — מאַכט אַ וואָרע, טוטשינסקי גייט.

✶

איז טראַכט איך איצט, מיט אַן אַ שיעור טרויער צו ב. טוטשינסקיס ניט נאָר טראַגיש ליטעראַריש אָפּלעבן, נאָר אויך צו טוטשינסקין דעם פּועלי־ציוניסט, דעם געזעלשאַפטלער.

און עס קלעמט מיר באמת דאָס אַרץ, וואָס איך האָב אים אַפילו אין יענע יאָרן נישט געזען אַז ער זאָל זיך געווען רעכט אַנוואָרעמען ביי די פייערן פון זיין לינק־ציוניסטישן אני מאמין. ניין, אַפילו דאָ ווו עס איז געווען פריילעך, וואָרעם און גלויביק, האָט קוים־קוים געטליעט אַ האַלאָוועשקעלע אין זיין עסטעטיש, אינטעליגענטיש אייוועלע.

און אויב ער, דער סאַמע ניכטערסטער ייִד, אין דער מדינה צווישן דניעסטער און פּרוט, איז יאָ אַ מאָל שיכור געוואָרן פונעם ציוניסטישן יין המשומר, איז נאָר פון דער ברכה זיינער איבערן כּוס פון ירושלים של מעלה, אָבער בשום אופן נישט פונעם וויין...

ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער, מיט אַן אייביקער טענה צום רבונו של עולם, וואָס האָט אַזוי בחפזונדיק, צווישן יאָ און ניין, באַשאַפן אַ וועלט, וועלכע טויג אויף טויזנט כּפּרות.

✶

ווען איך האָב מיך אין דעם אַפּאָקאַליפּטישן טויזנט ניין הונדערט פער־ציקסטן יאָר — אומגעקערט פון רומעניע אין דער סאָוועטישער בעסאַראַביע איז שוין ב. טוטשינסקי געווען אַ... נשרף.

ער האָט פאַרכאַפּט פאַר־פרי. דהיינו, ווי יענער מלמד פון פרישמאַנס דערציילונג, האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ גייסטיקן... פּאָגראָם. פאַרברענט זיינע ביכער און כּתב־ידן און יעטוועדן שרייבער און לייענער אָנגעזאָגט מיט אַ יענוועלטיק קול, אַז ער איז שוין אויס... שרייבער.

ב. טוטשינסקי האָט גוט געוווּסט, אַז „אין רחמים בסאָוועטישן דין" און האָט דעריבער זיך געוואָלט כאָטש ראַטעווען דאָס נפש.

נויט ברעכט אייזן. און בין לילה האָט ב. טוטשינסקי — מיט מאַקאַ־

רענקאָס שפּרוך אויף די ליפּן — אַרויסגעפּישופּט פון זיך אומגעהויערע קענטעניש אין דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, און איז געוואָרן איינער פון די בעסטע רוסיש־לערער אין קעשענעוו...

ער פלעגט זיך נאָר בעטן רחמים ביי זיינע סאָוועטישע באַלעבאַטים, מען זאָל אים חס ושלום נישט באַלוינען פאַר זיין פּעדאַגאָגישער עבודת פּרך מיט מעדאַלן, כּדי מען זאָל זיך חלילה נישט דערגרונטעווען צו זיין נישט־כּשרער ביאָגראַפיע.

איין קלייניקייט: אַ קריטיקער, אַ דעקאַדענט — און ווי אַ צוגאָב צו דער עסייִסטישער... מכּה, דערצו נאָך אַן עקס־לינקער פּועלי־ציוניסט.

זיין פּעדאַגאָגישער טייטל, דאָס איז געווען זיין שם־המפורש, וועלכער האָט אים געדאַרפט באַשירעמען און באַהיטן פון די דריי חלפישע סטאַלי־נישע... ראשי־תּיבות...

איז ב. טוטשינסקי מיט די חדשים און יאָרן אַלץ מער ענלעך געוואָרן אויף זיין בלייכן גאַסט — אַזוי האָט ער אָנגערופן דעם מלאך המוות אין זיין בוך וועגן בערגעלסאָנען. ער האָט זיך דורך זיינע זין משדך געווען מיטן „גרויסן רוסישן פאָלק" און ייִדישלעך אונטערגעקרעכצט, אויף די היימישע שׂמחות, ווען די בגילופנדיקע גוייִשע מחותנים האָבן פאַניבראַטיש געקלאַפּט אין זיין אויסגעדייווערטער ייִדישער פּלייצע.

עס זענען געגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. דער פאָטער פון די... פעלקער — סטאַלין, האָט איינגענומען אַ מיתה משונה, און מלך איז געוואָרן איבער ראַסייע ניקיטאַ כרושטשאָוו. טוטשינסקי אָבער האָט אויך אין דער עפּאָכע פון רעהאַביליטאַציע פאַרגעזעצט זיין... חוני־המעגל־שלאָף.

...ווען איך האָב מיך אומגעקערט פונעם קאָלימער אַרקטישן גיהנום קיין קעשענעוו, האָט זיך ביי מיר טוטשינסקי ממש געבעטן רחמים, איך זאָל אים גאָרנישט דערציילן וועגן די גרוילן, וויל... וויל... אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם טאָר מען פון קיין שטריק נישט רעדן.

ווען איך האָב אים אַ מאָל אַ פרעג געטאָן: עד מתי, ר' בנימין, וועט איר זיין אַ יושב אוהל?... האָט ער מיר געמאַכט אַ שניידערשן חשבון: וועגן כּך וכך מוסרים, מלשינים, קאַגעבעניקעס, עמוועדעניקעס וכד', וועל־כע זאָלן זיך האָבן געפונען אין זאַל ביי יעדער פאַראַנטשטאַלטונג, און זאָלן האָבן אָפּגעפּיקטשעוועט הן די שפּילערס, זינגערס און זאָגערס, און הן די

בראָוואָ־פּאַטשערס. וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו די ייִדענעס וואָס פאַרגינען זיך אַן איבעריקן ווײַן אָדער לאַך.

למאַי לייקענען!... פון אַט דעם בילאַנס איז מיר אַליין איבערגעגאַנגען אַ דראָזש איבערן לייב. און איך האָב שוין אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער.

✶

...עס דעמערט אין ראַטנפאַרבאַנד. שקיעה פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַ בלוטיקע שקיעה. ירמיהו דרוקער ראַנגלט זיך יעטוועדע שעה מיטן טויט. איציק קיפּניס איז שוין נאָכן צווייטן און דריטן אַרעסט. שמואל גאָרדאָן זעט קוים.. מ. שאַפּיראָ הערט קוים... מ. לעוו גייט קוים... יאָ, די ביטערע אַנגסטיקע יאָרן האָבן מקצר געווען הן די חבלי היצירה, הן דעם קיום. שיקע דריז, מאָטל גרוביאַן און איטשע באָרוכאָוויטש זענען גיך אויסגעכאַפּט געוואָרן. עס לעשן זיך אויס הן די נגלים, הן די נסתּרים.

און צווישן די פּען־נסתּרים.. דער בלייכער גאַסט אויף דער סאָוועטיש־בעסאַראַבער ערד, דער — אויף וועלכן עס איז שווער צו זאָגן — צי ער האָט טראַגישער געלעבט, צי ער איז טראַגישער געשטאָרבן — בנימין טוטשינסקי.

ירמיהו דרוקער
(שטריכן צו אַ פּאָרטרעט)

א

...צום ערשטן מאָל איז ער געקומען, ירמיהו דרוקער, צו אונדז — בעסאַראַבישע ייִדישע שרייבער — ווי פון אַ לעגענדע.

יעקב שטערנבערג, דער ראַפינירטער שיינגייסט, דער קפדן און דער מוכיח, דער קנאַפּער שבחים־שאַסטער, איז אין 40־סטן יאָר — דאָס ערשטע יאָר פון אונדזער „באַפרייונג" — געקומען פון טיראַספּאָל, מיט אַ פול מויל און פול האַרץ מיט „שבחי דרוקער".

ומעשׂה שהיה כך היה. שטערנבערג איז דעמאָלט געווען דער רעזשיסער פון קעשענעווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. איז ער עס געווען דער בוטאַ־פאָרישער משה רבינו וואָס האָט געשפּאָלטן דעם דניעסטער און האָט „זוכה" געווען אַריבערצופירן זיין בורזשואַזנע „טריפהנע" טרופּע אויף גאַסטראָלן אין דער לינק־ברעגיקער מאָלדאַוויע.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, אַליין און פאַר זיך אַ העראָיש קאַפּיטל דאָס יאָר ייִדיש טעאַטער אין מאָלדאַוויע, אונטער דער סטאַלינישער הערשאַפט. אָבער, ווי זאָגט דער זיידע מענדעלע — נישט דאָס בין איך אויסן.

איז אָט דעמאָלט האָט עס שטערנבערג, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט אַן אַ שיעור קינסטלערישן שאַרם און עספּרי, געמאָלט דעם פּאָרטרעט פון דעם אָדעסער בעל־שם פון ייִדישער חדווה — ירמיהו דרוקער.

ערשטנס — אַ כל עצמותי תאמרנה־רעדנער. שייך צו זאָגן אַן אָראַטאָר. ער פאַרגייט זיך אַזוי, אַז ער פאַרגעסט שוין בין אָרור טשערטשיל ובין ברוך סטאַלין.

צווייטנס — אַ מזג טוב. שרייבער זענען בטבע אַ פריקרע נאַציע... ביי זיי איז פון דאָברי זאָגעלע ביז דאָברי טועלע, ווי פון הודו ביז כוש... און אָט

דער דרוקער, דער אָפּשטאַמלינג פון דער טשערנאָבילער צדיקים דינאַסטיע, איז טאַקע באמת אַ... ליובע פון אַ מענטשן.

דריטנס — אַן אַזוינס ווי אַזעלכעדיקער בעל־מנגן. ווער ס׳האָט דרוקערן נישט געהערט זינגען, דער האָט קיין עכטע נגינה נישט געהערט.

און נאָך אַ שבח:

...הערט, הערט אַ ייִד, אַ סאָוועטישער שרייבער — רעדט אָפּ גאַנצע דריי געזונטע שעה וועגן שלום־עליכמען און דערמאָנט נישט קיין איין מאָל, נישט דעם „שיינעם" אַלמעכטיקן „פאָטער פון די פעלקער". כ׳לעבן, דאָס אַליין איז שוין אַן אַקט פון „גבורה". היינט צווישן פיר אויגן, וואָס ער שיט אויס אויף דעם גרוזינישן ירום הודו. באַזונדערס ווען ער האָט נאָך אַ גלעזל ווײַן אין קאָפּ. אמת, דערנאָך צעוויינט ער זיך און בעט למען השם, מען זאָל פאַרגעסן, ווײַל „וואָס ער האָט גערעדט האָט ער געבילט". און הייבט זיך אָן צו קוויקן מיט געשיכטלעכע... חלשות־טראָפּנס: אַז „ייִדן האָבן שטענדיק געהאַט ס׳געניאַר פאַר מלכות... און ביי סטאַלינען איז פון דעסטוועגן צו דער־ליידן... מ׳איז אַ ייִד און מען בליט".

און דאָ פאַרגייט ער זיך אין אַזאַ מין גישטער, אין אַ מין שלשלתדיקן קרייענדיקן געלעכטער — אַז מען ווייסט שוין נישט צי ער לאַכט, צי ער וויינט.

...אויסגעהערט יעקב שטערנבערגס ירמיהו דרוקער וווּנדיירים, און באַשלאָסן ביי זיך — אַ מאַראַן, ווי פיל אַנדערע סאָוועטישע שרייבער.

נישט מער אַ ייִד אַ בן־תורה, און צו דערצו אַ בעל־מנגן, אַ בדחן און אַ לץ. אפשר דער לעצטער בדחנישער לץ אין אָט דער סדומיקער מדינה.

ב

...דערנאָך איז מיר די ירמיהו דרוקער־לעגענדע אָקעגנגעקומען אין 1950סטן יאָר, אין קאָלימאַ, אויף מיין אַרקטישער קאַטאָרגע.

אין די נעכט, אויף די נאַרעס, האָבן זי מיר פוילישע ייִדן פאַרציילט אַזוי:

אַ מעשׂה מיט איינעם אַ ייִדישן אַדעסער שרייבער, אַ דאַרער און אַ קוואַרער, אַ פריילעכער און אַ זינגעוודיקער, וואָס פּעכטעט זיך מיט די לאַגערנע רוצחים־אדונים, מיט אַ וויץ און מיט אַ... ניגון.

און דערציילט האָט זיך די געשיכטע אַזוי:

ערגעץ, אין דעם מקום־פּורעניות־אינדיגירקע, ווו די קעלט דערגרייכט ביז 50 גראַד, איז ביים סוף יאָר, דער לאַגערנער מושל, פּאָלקאָווניק נאַמאַרדניקאָוו, מטריח צו זיך, אין זיין חדר־מיוחד, דעם אַדעסער שרייבער — קאַטאָרזשניק ירמיהו דרוקער, און רעדט צו אים אַזוי:

— הער, פּיסאַטיעל — דאָ קומען אַ פּאָר געדיכטע סלאַווישע „יאָפּעכ־צער" — איך האָב אַ קוק געטאָן אין דיין אַרבעטס־טאַבעל און האָב געזען, אַז פאַרן גאַנצן יאָר האָסטו בסך־הכל דרייצן אַרבעטס־טעג. דו ווייסט, אַז דו שפּילסט זיך מיט פייער?! איך קאָן דיך מיט איין שמיר פון דער פּען צוגעבן נאָך צען יאָר פּאַר סאַבאָטשאַזש... פּופצן האָסטו שוין, וועסטו האָבן אַ גאַנצ פערטל יאָרהונדערט.

— אַ שיינעם דאַנק דיר פריץ־לעבן פּאַר דיין געגנאַדיקייט, וואָס דו פאַרלענגערסט מיר דאָס לעבן. נאָר זיי מיר מוחל, ס׳איז נישט אמת, אַז איך האָב דרייצן אַרבעטס־טעג.

דער נאַטשאַלניק איז אויסער זיך. ער טופּעט מיט די פיס. ער איז גרייט דורס צו זיין דעם יידישן שרייבער, דעם „פּאַרפּוצטן" אין טראַנטעס און אין לאַטעס — הייסט עס, איך זאָג ליגן, האַ?

— ניין, חס־וחלילה, דו ביסט אַן אמת־מענטש. נאָר די קלענערע נאַ־טשאַלניקעס זענען מסוכּנע ליגנערס...

...אין אַ פּאָר מינוט אַרום, רופט שוין אַרויס דער אש־להבהדיקער נאַ־טשאַלניק אַלע חשבון־פירער פון דער קאַטאָרזשנער עבודת־פּרך. און אַלע, על פּי חכמת המאַטעמאַטיקע, דערווייזן זיי דרוקערן, אַז יאָ, ער האָט טאַקע נאָר דרייצן אַרבעטס־טעג.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן און ס׳לאָזט זיך נישט אויס — רעדט זיך דער טשערנאָבילער אירמענקע קאַלטבלוטיק — איר מעגט אַפילו נעמען פייער אין מויל וועט איך קיינער נישט גלויבן. איך בין נישט אַזאַ משוגענער איך זאָל אַרבעטן אויף אייך!... איך האָב נישט און וועל נישט האָבן אַפילו קיין איין אַרבעטס־טאָג.

...און מיינע פּוילישע יידן פאַרענדיקן די טשעקאַווע מעשׂה, זייערע, אין באַלאַדעסקן, פּרצישן נוסח:

...איז דער פּריץ אַריין אין אַ גרויסן גרימצאָרן און האָט אים געשיקט

אויף גאַנצע צוואַנציק טעג אין קאַרצער אַריין. און ער איז זיך געגאַנגען אין זאַווי, ירמיהו דרוקער, און זיך אונטערגעזונגען אַ טשערנאָבילער ניגון.

ג

...כרושטשאָוו איז שוין געווען מלך איבער ראַסייע, ווען אין אַ 50־גראַדיקן ווינטער טאָג זענען מיר בײדע, איך און דער שרײַבער נאָטע לוריע, מגולגל געוואָרן אין דעם סאַמע שוידערלעכסטן קאַלימער לאַגער — ביע־לאַווא.

אין עטאַפּ, אויפן וועג, האָב איך שיעור געמאַכט אַ שטאַרב, און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אויף אַ שפּיטאָל־בעטל.

...איז שלײַך איך מיך אַרום אין דעם טענדע־ווערענדיקן שפּיטאָל־כאַלאַט, איבער דעם פֿינצטערן קאָרידאָרל, מיט אַ מײַן אויסצוקליאַנטשען בײַ די סאַניטאַרן אַ גלעזל טיי אויף צו דערקוויקן דאָס פּאַרכליאַמעטע האַרץ.

...מיט אַ מאָל, צעפּראַלט זיך די טיר און אין אײנעם מיט דעם געוואָי פֿון דער זאַווערוכע, רײַסט זיך אַרײַן אַן אויסגעדײַווערט ייִדל, מיט אַ פּענעצל, ווי אַ פֿײַג די גרויס, און פֿון אַ טיפֿער קעשענע, ווי פֿון אַ ברונעם, שלעפּט ער אַרויס אַ פֿלעשל און טיטשעט עס מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן:

— שלום עליכם, איר זענט יאַקיר... איך האָב געבראַכט אַ פֿלעשל פֿיש־שמאַלץ... איר קענט עס עסן מיט ברויט. ס׳וועט אײַך שטעלן אויף די פֿיס.

און נאָך אײדער איך האָב אים, ירמיהו דרוקערן, באַוויזן אָפּצוגעבן דעם שלום־עליכם, און דעם דאַנק, אַז ער פֿאַרשיט מיך שוין מיט ליטעראַ־רישע... תּרעומות:

— אומזיסט האָט זיך שטערנבערג געלויבט מיט זײַנע בעסאַראַבער, אַז זײ זענען גרויסע טאַלאַנטן. אָט האָב איך געלייענט אין „סאָוועטישע ליטעראַטור״ לידער פֿון אײנעם סראָל ווײַנשטײן... גראַפּאָמאַניע שבגראַ־פֿאָמאַניע...

איך פּרוּוו האַמעווען דרוקערס ווערטער־געווירבל, און אים דערווײַזן, אַז דער ישׂראל ווײַנשטײן האָט דאָס ליד געשריבן באונס, און אַז געווען

איז ער גאָר אַ פּרעכטיקער פּעליעטאָניסט און עסייִסט, נאָר ער האָט זיך געמוזט רײַנוואַשן פון זײַנע ברוזשוואַזע זינד. און ער איז לסוף פאַרפרוירן געוואָרן אין אַ לאַגער... און ער האָט שוין אויסגעקויפט נעבעך מיט זײַן טויט דעם גראַפאָמאַנישן חטא...

אַ נעכטיקער טאָג. דרוקער לאָזט זיך נישט. ער פאַרגייט אַזש אין אלף השישי. ער האָלט שוין ערגעצוו, ביי שלמה איבן גבירול, ביי אלחריזין, ביי ר׳ יהודה הלוי, און באַווייזט מיר באותיות ובמופתים, אַז ביי עכטע דיכטער איז דער רוח השירה און דער רוח הגבורה אַ זיווג מן השמים.

און דערביי פליצט אויף מיר אַ שפּריי־רעגן פון מאַמרי חז״ל... פון בריליאַנטענע זאָגעכצער און פריילעכע קאַטאָוועסלעך, מיט איין וואָרט פון הערן און געדענקען.

...אַרום אונדז שלייכן זיך אַרום שאָטנס אין צעטרעפּקעטע שפּיטאָל־כאַלאַטן. עס דעמערט אַריין דורך די סומנע שייבלעך דער אַרקטישער פאַר־נאַכט. אין דרויסן וואָיעט, ווי צען טויזנט וועלף, אַ ווילדע זאַווערוכע... און דרוקער שווימט נאָך אַלץ אין ים הפּיוט והשירה...

— הער, יאַנקל — דוקעט ער מיך שוין, עלעהיי מיר קענען זיך שוין פון יאָרן און יאָרן — איך האָב מיר דאָ געעפנט אַ געדאַנקען־קרעמל. פאַר אַן אייגענעם געדאַנק נעם איך אַ צײַנדל קנאָבל און אַ פרעמדן געדאַנק, לאָז איך אַ ביסעלע אַראָפּ, מעג זײַן אַפילו אַ פאַרפרוירענע קאַרטאָפליע.

— איך קויף, איך קויף, דרוקער. גראָד האָב איך ביי זיך אַ גאַנץ הייפּטל קנאָבל.

— זייער גוט. פּרימע דעפּרימע. איך וועל דיר פאַרקויפן אַ פרעמדן רעיון, וואָס איז אַנגעלייגטער, ווי טויזנט אייגענע, מײַנע און דײַנע. דו האָסט געהערט פון אַזאַ פּיסאַטיעל, רבי עקיבא?

— יאָ — בין איך גאָלע נייגיר.

— איז פאַרשרייב דיר: הכל צפוי והרשות נתונה. ערשט דאָ דאַרפן מיר דערווייזן, אַז מיר שטאַמען פון אים, און נישט פון גאָרקיס סאָצ־רעאַליזם.

...נאַכט. אַרקטישע צעיושעטע נאַכט אין אַ קאַלימער שפּיטאָל, ביים צאַנקענדיקן שײַן פון אַ קאַטאָרזשנע קאַניצל.

ד

איך בין אַ ייִד
אַן אינוואַליד.
איך בין מיד
און איך זינג מיין ליד.

...אַט דעם זינגעוודיקן ברוך הבא פלעגט מיר ירמיהו דרוקער אָקעגנ־טראָגן אויף דער שוועל פון זיין פּאַרשנייעטן און פאַרווייעטן אינוואַלידן־באַראַק, ווען איך פלעג אַוועק אַלע גאַנצפרי אויף אַ גאַנצן טאָג עבודת פּרך.

איך בין נישט קיין מיסטיקער, נאָר פון דעסטוועגן, טראַכט זיך מיר, אַז עפּעס אַ העכערע ווונדערלעכער כּוח האָט באַשירעמט און באַהיט דרוקערן נאָך זעקס יאָר לאַגער און נאָך דעם ווי אַלע לאַגערנע דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

און דער העכערער כּוח איז געווען די זעלבסטפאַרצערנדיקע ליבע צו זיין פאָלק, צו זיין געשיכטלעכן געטלעכן געניוס און צו זיין דורותדיקן ניגון, וועלכער האָט געריזלט אין דרוקערס כּמעט פאַרקילטן בלוט.

אַ ייִד, אַ שאָטן פון אַ מענטשן, האָט זיך אַרומגעשלייכט איבערן לאַגער און געשיט מיט ווערטלעך, וויצן פעפערדיקע מימראלעך און פאַרזיסט אייגענע און פרעמדע צרות מיט אַ האַרציק ייִדיש אָדער אוקראַיִניש ליד.

איז ער עס געוואָרן, בין לילה, דער געקריינדלטער גייסטיקער מנהיג פון די צענדליקער ייִדן־לאַגערניקעס און דער געאַכפּערטער ייִד ביי די גויִים.

און אַפילו די סטאַלינישע שוטרים האָבן נישט געוואָגט דרוקערן פּוגע בכבוד צו זיין. כ׳גלייב, באמונה שלמה, אַז נישט נאָר זיין הויט און ביינ־קער אויסזען האָט זיי באַוויגן דערצו, נאָר אויך דער זיו השכינה, וועלכער האָט זיך געליכטיקט אויף זיין פּנים.

...געוויינלעך, אַז מיר — נאָטע לוריע און איך — פלעגן זיך אומקערן פון דער אַרבעט און זיך אַריינכאַפּן צו דרוקערן אין באַראַק, זען צי ער איז נאָך אַ... היגער, פלעגן מיר אים טרעפן אין סאַמע ברען פון אַ הייסן ויכּוח צווישן אים און די איבעריקע אינוואַלידן — נישט־ייִדן.

דאָס מאָל האָט ער ממש געדונערט און געבליצט. אין קלייניקייט: אַ פלוגתּא איבער משה רבינו און יעזוסן.

כ׳לעבן, ס׳איז דעמאָלט נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין דעם סטאַליערס זון פון נצרת. דרוקער האָט אין אַ פּליסיקן אוקראַיִניש דערוויזן זיינע היידאַמאַקישע אָפּאָנענטן, אַז דאָס יויזל איז נישט מער ווי משה רבינוס אַ שלימיסטער עפּיגאָן, אַ טויגעניכטס, אַ גאָרנישט שבנישט, און אַז ער האָט מיט די יאָרן צעטאָכלעוועט משה רבינוס גייסטיקע ירושה.

— איר ווי איר ווילט, שטייט דאָ און טייעט אָן פון זיינע קענטעניש — האָט לוריע מיר אַ שושקע געטאָן אין אויער — נאָר איך שטעל פּיס. ווייל איינס פון די ביידע — אָדער די אוקראַיִנישע רוצחים וועלן פון אים מאַכן פּאָרפּל און אין איינוועגס פון אונדז אויך, אָדער מיר וועלן אַלע דריי ווערן אַ גרופּאָוואַיאַ[1] און אַריינכאַפּן אַ נייעם „סראָק", ווייל מיר האָבן געקריוודעט כריסטאָסן. נאָר דאָס פעלט מיר נאָך אויס.

און טאַקע אויגנבליקלעך האָט לוריע עוקר געווען און איך בין געשטאַנען און אויסגעהערט דעם גראָטעסקן העפּי־ענד פון דרוקערס דרשה וועגן משהן און יעזוסן. נעמלעך, ווי אַזוי ר׳ יהודה חסיד האָט אין די הימלישע ספערן באַכרעגצלט דעם גויִשן גאָט און אים געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט.

ה

ירמיהו דרוקער האָט אונדז, די יידן, די לאַגערנע אַרעסטאַנטן געקאָר־מעט נישט נאָר מיט תורה און נגינה, נאָר אויך מיט וווּנדערלעכע... ליגנס.

צוויי דעזשורנע שקרים האָט דרוקער אונדז אונטערגעטראָגן, פון וועלכע מיר האָבן געהאַט אַ ווילדע הנאה און פאַר וועלכע מיר האָבן אים געווינטשע־וועט דאָס אייביקע לעבן.

דער ערשטער — אַז נאָך כרושטשאָווס באַוווסטן פאַרטראַג וועגן קולט פון דער פּערזענלעכקייט, האָט מען פאַרמאַכט די „פאָלקס־שטימע" און אַז אַלע רעדאַקציע־מיטגלידער זענען אַוועק קיין... ישראל.

דער צווייטער — אַז פּסח אָדער פּאַול נאָוויק, אָלגינס יורש און תלמיד, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און אַז ס׳איז שוין אויס מיט דער „מאָרגנ־פרייהייט".

בכלל האָט דרוקער נישט געשאַנעוועט די אַמעריקאַנער... באָלשעוויקעס.

---

1 גרופּאָוואַיאַ — רוסיש — עטלעכע אַרעסטירטע געמישפּטע פאַר איין און דעמ־זעלבן חטא".

האָווארד פאַסט האָט זיך ביי אים געשאָסן, און פּאָל ראָבסאָן האָט מען קוים אַ לעבעדיקן אַראָפּגענומען פון דער תּליה, ווייל... ס׳האָט זיך אָפּגעריסן דער שטריק.

און טאָמער האָט איר חלילה געספקט אין די ידיעות, זענט איר נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

— אירמעטשקע — האָט אים איין מאָל, לאַשטשענדיק אַ פרעג געטאָן לוריע — ווו האָסטו געגומען, ליובע מיינער, די גוזמאות ?

— גוזמאות ?... אַדעסער שמענדריק וואָס דו ביסט !... גוזמאות זאָגט ער... דער ייִדישער שאַלאַכאָוו — האָט דרוקער געצאָרנט. משה איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט ביי זיין אונטערערדישן ראַדיאָ, זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און האָט זיי פאַרשריבן.

אויב משה — איז טאַקע באמת תּורה מסיני... משה, דער פּאַניעוויעזשער משה, איז געווען דער בעסטער ראַדיסט און ראַדיאָ־טעכניקער אויף דער גאַנצער קאָלימער פלאַנעטע, און דעריבער איז ער געווען אַ יוצא ונכנס ביי די נאַטשאַלניקעס. ער פלעגט זיך אייביק בויבלען אין זייערע ראַדיאָס, פּריזשידערס, טעלעוויזאָרס און וואַש־קאַסטנס. און בשעת זיי פלעגן כערען, פלעגט ער הערן די אויסלענדישע ראַדיאָ־סטאַציעס.

משה — דער ערנסטער, באַדאַכטער ליטווישער יונגערמאַן איז געווען דרוקערס נושא כּלים.

ער פלעגט אים אונטערוואַרפן אַ לייטישן ביסן, פאַרצירעווען און פאַר־לאַטען זיינע לאַגערנע בגדים און אים צושטעלן פרישצאַפּלדיקע נייעס פון אַלע עקן וועלט און דרוקער פלעגט זיי „רעדאַגירן״ אויף זיין אופן : ער האָט זיך קיין עין־הרע אַזוי געפּעדערט, אַז אַ האַלב יאָר נאָך סטאַלינס מיתה־משונה, האָט ער ליקווידירט ביי אַ האַלב טוץ קאָמפּאַרטייען און „אויסגע־שאָסן״ און „אויפגעהאַנגען״ כּמעט אַלע זייערע פירער, אַזש ביז... זשאַק דיוקלאָ...

ו

— „מען מעג שוין !״...

— מע מעג שוין, האָט געהייסן, אַז ביי כרושטשאָוון מעג מען שוין זאָגן וואָס מען מיינט, און טראַכטן... אין דער הויך.

דאָס איז געווען דרוקערס שלאָגפּערטיקע בשורה.

לויט אים איז אויסגעקומען, אַז היינט, מאָרגן באַפרייט מען אונדז אַלע און מירן אם ירצה השם אין גיכן פאָרן אַהיים.

אויף אַזוי פיל, אַז נישט נאָר דרוקער, איך און די איבעריקע קאַטאָרזש־ניקעס, נאָר אַפילו אַזאַ פאַרפאַלענער סקעפּטיקער ווי לוריע האָט זיך אויך גענומען פאַרבן... דאָס קעסטל און פרעסן די נאַזיטיכלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז דרוקער האָט אַ שפּאָר ביסל דאָ מגזים געווען, ווייל אויך אונטער כרושטשאָווס ממשלה זענען מיר נאָך אָפּגעזעסן אַ שיינע... פאָר יאָר.

איז אויב „מען מעג שוין" איז פאַר וואָס זשע זאָלן מיר טאַקע נישט פּראַווען דעם ערשטן סדר ? אַזוי האָט אונדז איינגעשמועסט דרוקער.

און כך הווה. אין דער ערשטער פּסח־נאַכט זענען מיר אין דרייען געזעסן ביי דרוקערן אין באַראַק און געפּראַוועט דעם סדר.

אַלץ הייסט געזעסן.

נאָטע לוריע איז געזעסן אין געהאַקטע ווונדן, עפּעס קרומקיילעכיק, מיטן רוקן צום עולם, אַז עס זאָל אים חס־וחלילה קיינער נישט זען און אים נישט אַריינהאַקן קיין פרישע „סטאַטיאַ" פאַר... ציוניזם.

זיין חשבון איז געווען אַ פּשוטער : מצרים איז עגיפּטן, און עגיפּטן איז פּראָגרעסיוו, ווייל זי קעמפט קעגן דער ענגלישער אימפּעריע. דאַקעגן משה רבינו האָט אַרויסגעפירט די ייִדן קיין ארץ־ישראל, און ארץ־ישראל איז ציון, און ציון איז ציוניזם, איז משה רבינו אַ... ציוניסט.

הייסט עס דעריבער אַ ציוניסטישע פאַרזאַמלונג פון דריי ציוניסטן... אימפּעריאַליסטן.

מיט דעם אַלעמען איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט פון דעם מתיקות־דיקן ניגון מיט וועלכן דרוקער האָט אויסגעזונגען דעם „הא לחמא עניא".

עס איז אים אויך זייער שיין געפעלן מיינע פיר קשיות פרעגן.

אַלץ איז געגאַנגען ווי אַ מזמור...

די אַלע אינוואַלידן, אַרעסטאַנטן מכל המינים : באַנדעראָווצעס, וולאַ־סאָווצעס, טראָצקיסטן, באַפּטיסטן און גלאַט „פאָלקס־שונאים", האָבן גע־שעפּט נחת פון דרוקערס מעלאָדישע קאָזשעלקעס... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט... מען ווייסט נישט פון וואַנען, מען ווייסט נישט פון וווּ, נאָר פּונקט ביי „והיא

שעמדה לאבותינו" איז אויסגעוואַקסן ער אַליין, דער „קום"[2] דער מאַיאָר, דער הויפּט־אויפּזיכטלער איבער דער אינערלעכער אָרדענונג אין לאַגער, און זייער שטיל, זייער געלאַסן, ממש מיט אַ סאַמעטן קעלעכל, האָט ער אונדז באַגריסט:

— גראַזשדאַניע פּיסאַטיעלי, ס׳פּראַזדניקאָם פּאַסכאַ...

ס׳הייסט: בירגער שרייבער, אַ שיינעם יום־טוב פּסח אייך!...

ביי נאָטע לוריע איז אַנטפּאַלן געוואָרן דער מאַמעס מילך. נאָך אַ רגע און ער חלשט אויף טויט.

איך בין פּאַרהילצערט געוואָרן מיטן ביסל מרור אין מויל.

נאָר ירמיהו דרוקער האָט זיך אויפגעשטעלט און עפּעס גאָר גוטברו־דעריש זיך אַ ווענד געטאָן צום אדון:

— איר ווייסט, בירגער מאַיאָר! פּסח איז אַ פּראָגרעסיווער יום־טוב. ער איז קעגן די אימפּעריאַליסטן. אַפילו אין אונדזער סאָוועטישער ענצי־קלאָפּעדיע לויבט מען אים.

און אַ רייב געטאָן דעם שטערן, און טאַקע שוין אָנגערופן דעם באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע, דאָס זייטל, ווו מען רימט אַזוי דעם יום־טוב אונ־דזערן, און אויך דעם מחבר פון די... שבחים.

און טיטשענדיק דעם מאַיאָר דאָס טעלערל מיטן געריוכערטן פישל, האָט ער זייער זיס אַ זאָג געטאָן:

— פּאַרזוכט גראַזשדאַנין[3] מאַיאָר פון אונדזערע פּסחדיקע מאכלים.

און דאָ איז געשען אַ נס. דער אדון האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול:

— ביסט אַ מאָלאָדיעץ, דרוקער. דו, אַז דו וועסט אַרויס אַ גאַנצער פון דאַנען, וועסטו נאָך ווערן פּרעזידענט אין... בּיראָבּידזשאַן.

ז

...שוין אַ גוטע פּאָר יאָר, ווי ירמיהו דרוקער מיט זיין משפּחה וווינען אין אַ ניי הויז. פון אָט דער נייער, גערוימער וווינונג אין אָדעס ביז צום שוואַרצן ים איז ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. פּאַרווילט זיך אים,

2 „קום" — רוסיש: „גוטער ברודער". אַזוי האָט מען איראָניש גערופן דעם סאַמע גרויזאַמסטן הערשער אין לאַגער.

3 גראַזשדאַנין — רוסיש: בירגער.

נעמט ער זיין אַלטמאָדישן שטעקן פון פּימסנהאָלץ און לאָזט זיך אַוועק אויף אַ שיינעם, מעשׂה־אַרטיקן שפּאַציר פּאַזע דעם שוואַרצן ים. דאָס כאַפּט ער זיך אַרויס אויף אַ ווײַלינקע אַ שמועס טאָן מיט די ביידע בכבודיקע אָבות פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים און חיים נחמן ביאַליק. איר מעגט זיין זיכער, אַז ער קען יעדעס סטעזשקעלע און ווייסט יעדעס בערגעלע, ווו אונדזערע ביידע קלאַסיקער האָבן אָפּגערוט און ווו זיי האָבן אין זייער גייסטרייכן שיחת־חולין געשפּינט דעם צויבער־חלום פון אַ גרויסער ליטעראַטור.

וואָס איז נוגע דעם עצם שמועס, איז פאַרלאָזט זיך אויף ירמיהו דרו־קערס ערודיציע, געפּאָרט מיט ליבע און געכפּלט אויף ראַפינירטער קינסט־לערישער אינטויציע — זיי שאַפן וווּנדער. אויף אַזוי פיל, אַז נישט נאָר איר הערט ווי אונדזערע ביידע יוסטע אָבות רעדן, אַמפּערן זיך, נאָר איר זעט אַפילו אַלע זייערע תּנועות און העוויות. און אויב איר צווייפלט אין מיינע רייד, מישט פאַר אַ נאָווינע אויף זיין פּרעכטיק בוך „דער זיידע מענדעלע״, וואָס איז דערשינען אין די זעכציקער יאָרן אין פּוילן, און איר וועט זיך גלייך איבערצייגן, ווי היימיש און אייגנבלוטיק־נאָענט ס׳זענען אים אָט די ליבע צוויי טייערע געשטאַלטן פון אונדזערע ראשונים.

...ס׳האָט זיך מיר אויפן גאַנצן לעבן פאַרגעדענקט דרוקער אין זיין אַמאָליקער טונקעלער דירה פון מתושלחס צייטן, אין אָדעס. איין קלייניקייט: איר גיט אַ קוועטש דעם „סאַמאָדיערזשאַווני״ קלינגער, און סע גיט אַ יאָדעשליוון קרעכץ די אַלטמאָדישע טיר, וועלכע זשיפּעט קוים אויף די פאַרזשאַווערטע זאַוויעסקעס אירע.

איר עפנט אויף אַ צווייטע „קאַפּריזנע״ טיר — און עס באַגעגנט אייך אַ טיפער קרעכץ פון אַן אַלטער, אין יאָרן זאַטער ייִדענע, מיט אַ פּנים, וואָס דערמאָנט אַ פאַרצייטיקן פּנקס... דאָס איז דרוקערס שוויגער.

— איר מעגט אַריינגייך... ער זינגט שוין... אַ סימן אַז ס׳איז אים גרינגער...

איז, ווי געזאָגט, מיך מקבל צו ערשט אַ ניגון. שייך צו זאָגן אַ ניגון. ניגונים צו ניגונים זענען נישט גלייך. עס איז די דבֿיקות און די דממה־דקהדיקייט אַלייך.

עס זינגט ירמיהו דרוקער... אַ טירל העגנט פאַרחלשט אויף אַ זאַוויסע, דאָס פאַרגייט זיך עס אין נחת, עס נעמט זיך ממש איבער, וואָס נאָך אַזוי פיל

און אַזוי פיל וויסטע יאָרן פון פוסטעוועז... איז שוין דער שראַנק נאָך אַ מאָל אָנגעפּראָפּט מיט ספרים. דער טיש, אַ פאַרוואַלגערטער מיט כתבים און בריוו מארבע פּינות, דערמאָנט אַ שיף אין אַ ימישן געווירבל. אויגנבליקלעך ווערסטו מיטגעריסן פון אָט דעם פריילעכן, שעפערישן האַרמידער.

אָט לייענט ער דיר אַ נאָוועלע פון זיין ערשט פאַרענדיקטן בוך וועגן שלום-עליכמען... עס פאַרכאַפּן דיך בײדע, אי די ריטמישע, זינגעוודיקע פּראָזע, ווי אויסגעקושט אויפן פּאַפּיר, אי דער מעלאָדישער טאָן פון דעם פאַרלייענער. אָט דערציילט ער דיר נסים ונפלאות וועגן דעם לעגענדאַרן שקלאָווער קלעזמר מיכאל-יוסף גוזיקאָוו, וועלכער ליגט שוין ביי אים אויף זיין שרייבערישן וואַרשטאַט. אָט אימפּראָוויזירט ער אַ גייסטרייכן עסיי וועגן אַן איבערגעלייענטן בוך. ער איילט זיך, ירמיהו דרוקער, ווי ער וואָלט וועלן אָניאָגן די פאַרלוירענע, פאַרשעמטע יאָרן, די צעזייטע איבער קאָלימער און סיבירער אייזיקע פליינען...

ער איילט זיך — ווייל יעדער טאָג איז ביי אים אַ געווינענער... און יעטוועדן טאָג שפּילט ער מיטן לעבן...

טראַכט איך וועגן ירמיהו דרוקער, דער מענטש און שרייבער וועגן זיין מערקווירדיקן שאַפן און אויסטערלישן לעבן, קומט מיר אויפן זינען דער טיפזיניקער זאָג פון אַבאַ גאָרדין, אַז: „די עסטעטיק פון יידישן שרייבער איז די עטיק פון אויפפיר, די שיינקייט פון האַנדלונג, נישט דער סטאַטישער חן פון פאָרם, נאָר דער דינאַמישער חן פון טאָט"...

סאַראַ פאַרביקע, ממש קאַפּשווינדלדיקע ביאָגראַפיע פאַרמאָגט אונדזער שרייבער-מאַרטירער: געבוירן געוואָרן צוריק מיט אַכט און זעכציק יאָר, אין דער אַלטער יידישער שטאָט טשערנאָביל, וואָס ליגט ביים טייך פּריפּעט — איינער פון די גרעסטע אוקראַיִנישע צענטערס. דער פאָטער זיינער — אַליין אַן אָפּשטאַמלונג פון אַ יחוסדיקער רבנישער גזע — איז געווען כל ימיו אַ חזן ביים רבין. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן. אויף ימים-טובים פלעגט ער צונויפשטעלן אַ כאָר פון צוויי מנינים זינגערלעך צווישן וועלכע דער זשוואַווער אירמעגקע איז געווען דער סאָליסט. (אַ פאַרליבטער אין נגינה, האָט דער פאָטער זיינער פאַרפאַסט ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער אומגעגנט, אַזוי אַז מ'האָט אים בדרך וויץ גערופן „חיים דער נאָטן-פּרעסער").

איז אָט דער דביקותדיקער ניגון פונעם טאַטן און דאָס צאַרטע, חיות־דיקע וואָרט פון דער מאַמע סימע (אַגב, דעם דיכטער בוזי אַליעוווסקיס אַ מומע) האָבן אים, ווי גוטע מלאכים, באַשירעמט און באַהיט אויף אַלע זיינע שטעגן און וועגן.

פרי פאַרלאָזט דער קליינער אירמענקע זיין ליבע, אָבער אָרעמע היים. ער קנעלט אין דאָרפישע ישובים מיט פאַרגרעבטע אָרענדאַרסקע בנים. ער שרייבט אין העברעיִש געקווייטלטע אַקראָסטיכן, פון וועלכע ייִדן אַלצ־ווייסער און אַלצקענער קאָנען זיך נישט אָפּלויבן. עס קומען יאָרן פון וואַנדערן, יאָרן פון בירגערקריג, יאָרן פון הונגעריקע טעג און שלאָפלאָזע, פחדימדיקע נעכט, יאָרן פון אַנגסט און גרואַנגל, אָנגעפּראָפּטע מיט פּיל־צאָליקע געפּאַרן און צערפולע איבערלעבענישן.

אין 1926סטן יאָר הייבט ירמיהו דרוקער אָן זיך צו דרוקן אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע. אַלץ הייסט זיך דרוקן. מען דריקט אים מער, ווי מען דרוקט אים. מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך וועגן די גראָטעסקיש־טראַגישע פּאַסירונגען פון זיין דעמאָלטיקער שרייבערישער טעטיקייט.

אויך אין יענע נסיונותדיקע טעג, האָט געלינדערט זיין ייִדישן צער די... נגינה. ער לערנט זיך ביים באַוווסטן קיִעווער פּראָפעסאָר דאַבראָ־זשאַנסקי אויפן וואָקאַלישן אָפּטייל און טרעט אויף מיט גרויס דערפאָלג אויף פילצאָליקע קאָנצערטן.

נאָך לאַנגע געפּאַרפולע וואַנדערונגען באַזעצט ער זיך אין 1930סטן יאָר אין אָדעס, וווּ ער איז איינער פון די וויכטיקסטע אָנפירער פון דער ייִדישער ליטעראַרישער סטודיע. דאָ ווערט ער דער מורה דרך, דער כאַוווער פון אַ גאַנצן דור ייִדישע שרייבער, איינער פון זיי איז דער דיכטער יוסף קערלער.

אָדעס איז דעמאָלט געווען אַ צענטער פון ייִדישער קולטור. און ער, דער אימפּעדיק־שעפערישער יונגער שרייבער, באַגאַבטער רעדנער, איז נישט קיין גאַסט אויף די פילצאָליקע פאַראַנשטאַלטונגען און ליטעראַרישע אָוונטן. זיין וואָרט איז שטענדיק, תמציתדיק, באַדאַכט, מלא וגדושדיק, און מיט רמזים. קאַפּוליער אָנצוהערענישן, וועלכע האָבן אים שיעור נישט געקאָסט דאָס לעבן...

אַט איין פֿאַל פֿון הונדערטער:

נאָך איינעם זיינעם אַ פֿאָרטראַג וועגן מסעות בנימין השלישי, ווו ער האָט געשפּילט אויף די נאַציאָנאַלע סטרונעס פֿון מענדעלעס יִדישן דאָן־קיכאָט, האָט אים דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון אָדעסער געגנטקאָם, דער יעווסעק אַבראַם, „איינגעלאַדן" צו זיך.

אַבראַמס קאַבינעט איז געווען אַ פּרוזדור צו דער סאָוועטישער... „ישיבה של מעלה" פֿון וואַנען מען האָט זיך שוין קיין מאָל נישט אומגעקערט.

ער האָט גערעדט מיט אים דברים קשים: — דרוקער — האָט ער געפּינעט, — איר האָט אַפּנים געטראַכט צו הערצלען... גיט אַכטונג, אַז דאָס זאָל נישט זיין אייער לעצטע דרשה. איך וואָרן אייך!

און דרוקער איז אויף אַ גאַנץ יאָר פֿאַרשווינדן געוואָרן ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף פֿון כערסאָנער גובערניע, צווישן יִדן ערד־אַרבע־טער און געוואָרן אַן... עובד האדמה.

ער האָט דאָרט אין קאָלווירט איבערגעוואָרט עד יעבור זעם... ביז וואַנען ס׳וועט אַריבער דאָס פֿורכטלעכע 37סטע יאָר.

אין יענע יאָרן אַנטפּלעקט זיך ירמיהו דרוקער ווי אַ פֿאָרשער און ליטע־ראַטור־קריטיקער. פֿאָרשער, דאָס איז אַ צו טרוקן וואָרט. ער וואַנדערט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך, זוכט און נישטערט אין אַרכיוון, שמועסט מיט הונדערטער יִדן און יִדענעס, און אַנטפּלעקט גאַנצע אוצרות פֿון יִדי־שער פּאָעזיע און חכמה. ער שרייבט טיף־אינספּירירטע עסייען וועגן גאָט־לאָבערן, יוסף פּערל, עטינגערן און צענדליקער אַנאָנימע פֿאָלקס־זינגער, און מטיפֿים. ער דערקלייבט זיך אַזש צום דובנער מגיד.

בקיצור — ער שרייבט דער עיקר וועגן די, וואָס קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן צו שרייבן. אמת, דאָס איז שווערער און אַחריותדיקער און — למאַי לייקענען — סכנותדיקער, אָבער ער ווערט נישט מיד צו גראָבן אין דער ברייט און אין דער טיף.

אין 1939סטן יאָר שרייבט ער אַן צוזאַמען מיט ש. בילאָוון, שלום־עליכמס ביאָגראַפֿיע, וועלכע דערשיינט גלייכצייטיק אין יִדיש, רוסיש און אוקראַיִניש. אין דעם זעלבן יאָר דערשיינט זיינע אַ גרונטאָוועדיקע אַרבעט „קריטישע עטיודן וועגן שלום־עליכמס שאַפֿן" ווי אויך אַ פּאָעמע אין פּראָזע וועגן שלום־עליכמס קינדער־געשטאַלטן.

אין 1940סטן יאָר באַווייזט זיך דער ערשטער וואַריאַנט פון זיין בוך „קלעזמער". און איידער דרוקער האָט באַוויזן זיך צו קוויקן מיט די באַגייסטערטע אָפּרופן פון די לייענער און מיט די פּאַרדינטע שבחים פון די ליטעראַטור־קריטיקער, איז אויסגעבראָכן די מלחמה און ער איז אַוועק פריייוויליק אין דער אַרמיי.

און דערנאָך... דערנאָך האָב זיך אַ שיט געטאָן אין דער חרוב געוואָרענער אָדעס, אַמעריקאַנער סאָוועטישע גליקן־זוכער און צווישן זיי די פּראָגרעסיווע שרייבער ב. צ. גאָלדבערג און פּ. נאָוויק, וועלכע האָבן אים „מהנה" געווען מיט זייערע באַזוכן. טייער, זייער טייער האָט ער באַצאָלט פאַר די וויזיטן פון אָט דיביידע ראַדיקאַלע... „דענקער".

אין 1950סטן יאָר האָט מען אים פאַראורטיילט ווי אַן אַמעריקאַמער שפּיאָן צו פופצן יאָר לאַגער.

ח

„קלעזמער" — וואָס איז דערשינען אין רוסיש אין 1964סטן יאָר — אַ דאַנק דעם באַרימטן רוסישן קאָמפּאָזיטאָר שאָסטאַקאָוויטשעס אינטערווענץ — און טיילווייז אין יידיש אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געבראַכט דעם מחבר הונדערטער בריוו און באַגייסטערטע לויבגעזאַנגען פון יידן און נישט־יידן. עס איז נישט נאָר אַ ווערק וועגן דעם טראַגישן גורל פונעם יידישן קינסטלער אין דער צאַרישער חשכות. עס איז דער עיקר אַ שיר השירים פאַר דער יידישער שעפערישער גאונות, אַ קרוין אויפן קאָפּ פונעם יידישן קינסטלער, וועלכער איז נישט נאָר געבענטשט, נאָר אויך פאַרשאָלטן מיט טאַלענט.

אין צענטער פונעם בוך געפינט זיך די טאַלאַנטפולע משפחה לינעצער קלעזמער, בראש מיטן פּאַטריאַרך שלמה און זיין גערעטענעם זון עזרא, דער פּראָטאָטיפּ פון דעם באַרימטן אָדעסער ווירטואָז, דעם דערציער פון אַ גאַנצן דור ערשטראַנגיקע קינסטלער, — פּיאָטר סטאָליאַרסקי.

ירמיהו דרוקער האָט דאָ אויפגעהויבן גאַנצע געשיכטלעך־שטייגערישע פלאַסטן, אָנגעפיקעוועטע מיט פּאָעזיע און טיפער לעבנס־חכמה. פאַר אים איז ווי אָנגעמאָסטן די אַפּאָריסטיש־תמציתדיקע שורה זיינע אַז: „אַ פראַזע דאַרף טראָגן די ווערטער, ווי אַ הענגל טראָגט זיינע זאַפטיקע אָנגעגאָסענע

ווייַנטרויבן״. לייענט מען די „קלעזמער״ ווי אויך די ווונדערלעכע נאָוועלן, וועלכע געהערן צו דעם ציקל „זינגען מוזן אַלע״ און „שטייט אויף צו נגינה״, איבערצייגט מען זיך, אַז דאָס איז פּאָעטיש־ריטמישע פּראָזע, וועלכע באַזינגט די זאַפטיק־אָנגעגאָסענע ווייַנטרויבן פונעם יידישן שעפערישן פאָלקס־גייסט.

„די יידישע נגינה — זאָגט פרהצור, איינער פון ירמיהו דרוקערס קאָלירפולסטע געשטאַלטן — האָט קיין מאָל נישט פאַרמאַכט אירע טירן פאַר די ניגונים פון דרויסן. זי האָט זיי שטענדיק אויפגענומען גאַסטפרייַנד־לעך. ווילט איר וויסן די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, זייַן נע־ונדעוודן, אויף וועלכע ערדן עס האָט געטראָטן און אין וועלכע לענדער עס האָט געוווינט, איז פרעגט ביי די ניגונים זייַנע, זיי וועלן עס אייך דערציילן. יאָ, יאָ, ניגון — דאָס איז געשיכטע״.

דרוקערס פּראָזע, דאָס איז נישט די עפּישע, רויקע, באַזאָכטע און באַדאַכטע שילדערונג, נאָר אַ מין „כל עצמותי תאמרנה״ נוסח. עס איז ריט־מישע פּראָזע, אין וועמענס אינגעווייד עס ריזלען עסייאיסטישע שטראָמען. ער מאָביליזירט דאָ זייַן גאַנצן פילקאָלירקן עפּישן אַרסענאַל: פון דעם פליישיקן פאָלקס־אידיאָם ביז צו די תלמיד־חכמדיקע מאמרי חז״ל, פון הויכ־באַרגיקע סענטענצן וועגן קונסט ביז אַפאָריסטישע מגידישע זאָגעכצן. לייענט איר אים, איז פּונקט ווי אין זייַן שיחת־חולין, אַזוי אויך דאָ, פּלייצט אויף אייך אַ גווירבלדיקע ווערטער־סטיכיע, אַזוי, אַז צו מאָל האָט איר דאָס געפיל, דאָס איר האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ווילדן ווערטערוואַלד. אַ געניטער לייענער, אין אַ פּריי לאַנד, קאָן אים פאַרוואַרפן אַז ער מיסברויכט צו פיל מיט עפּיטעטן, פאָלקס־ווערטלעך און אַרכאַאישער אַנעקדאָטיק פון וועלכע עס ווייעט מיט אַלטמאָדישקייט. ער וועט מיט רעכט זאָגן, אַז צופיל איז נישט ווייניקער חסרון ווי צו ווייניק, און אַז דער מחבר אונטערשעצט אַ ביסל דעם קורא־נכבד...

אָבער מען קאָן פאַר דרוקערן געפינען אַ געשיכטלעכן זכות:

ערשטנס — אין די ביטערע סאָוועטישע אומשטענדן, ווו אַ יידיש בוך איז נישט בנמצא, האָט אַפילו אַזאַ אַלוויסיקער שרייבער און דענקער ווי דרוקער, געמוזט אָנקומען צו דרדיקישער ליטעראַרישער עברי, אין וועלכער דער מיט אויפגעצווונגענער עם־הארצות פאַרוואַקסענער יידישער לייענער אין „לאַנד פון פעלקער־גלייכהייט״, נייטיקט זיך אַזוי.

צווייטנס — מיט די אַלע טיפּזיניקע זאַגעכצן און מאמרים, וועלכע זענען אַזוי אָרגאַניש איינגעוועבט אין דרוקערס סיפּור־המעשׂה, איז דער שרייבער אויסן אַן איבעריק מאָל צו דערמאָנען די אַלע, וועלכע זענען געשטראָפט מיט שכחה, אַז זיי, די אַלע ווערטלעך, גלייכווערטלעך, קרום־ווערטלעך, שפּריכ־ווערטער און ברוך־ווערטער זענען אַ ירושה פון דורות חכמים און נבונים, וועלכע מען דאַרף אָפּהיטן, ווען זייער זין לעבט נאָך.

— —

פון מיין געוועזענער היימשטאָט קעשענעוו, ביז אָדעס איז אַ שפּאַן וועגס. און איך פלעג מיך זייער אָפט אַריינכאַפּן צו דרוקערן אין זיין וואַרעמער נעסט.

און כמעט שטענדיק פלעג איך טרעפן אַ פולע שטוב מיט ייִדן און ייִדענעס פון אַלערליי עלטערס, וועלכע זענען געקומען מבקר חולה זיין דעם סאַמע באַליבטסטן ייִדישן שרייבער אין יענעם קאַנט.

דעם לעצטן זינגער און זאָגער פון דער סאָוועטישער מדינה. איך זאָג מבקר חולה זיין — ווייל איך געדענק נישט קיין איין געזונטן טאָג ביי דרוקערן, זינט ער האָט זיך אומגעקערט פונעם סטאַלינישן גהינום.

די גאַנצע צייט שפּילט ער מיטן לעבן. און אויב דער מלאך המוות האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין שליטה איבער אים, וויל איך טראַכטן אַז ס'איז נאָר אין זכות פון זיין הייליקער קינסטלערישער עבודה.

עס גלויבט זיך און עס ביטחונט זיך אַז: כּל זמן ער האַלט די פעדער אין דער האַנט, וועט דער טויזנטאויגיקער נישט האָבן קיין צוטריט צו אים.

און דערווייל צווישן אַלע וויסטע פּלאָגענישן און קרענק, וועלכע האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים, איז ירמיהו דרוקער נאָך אַלץ דעם מים־חיימדיקער שרייבער, וואָס באַווירקט, צויבערט הן מיט זיין תּורה שבכתב, און אפשר נאָך מער מיט זיין תּורה שבעל פּה.

דאָס פאָלק האָט ליב דעם שרייבער, וועלכער האָט אויף אַלע זיינע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן נישט אויפגעהערט בלייבן אין דער באַ־ווירקנדיקער קראַפט פון זיין שרייבעריש וואָרט, אין דער אינערלעכער דערקענטעניש פון זיין דערהויבענער שליחות. ווי זאָגט דרוקערס העלד, עזרא: „יעדער דור גייט אַוועק, און דער ניגון בלייבט, און אין יעדן פּאָר־

בליבענעם ניגון דערקענט מען דעם אַוועקגייענדיקן דור. לעבט דער ניגון, וועט קיין מאָל נישט שטאַרבן די געדעכעניש פון פאָלק".

— —

דאָס לעצטע מאָל, פאַר מיין עולה זיין קיין ישראל, האָב איך דעם גאַנצן וועג, ביז אַדעס, נישט אויפגעהערט צו קלערן, טראַכטן, ברייען, ווי טראָגט מען אים אונטער די בשורה פון מיין אַוועקפאָר, און ווי אַזוי געזעגנט מען זיך מיט אים.

גראָד האָב איך אים געטראָפן אין אַ ניחהדיקער שעה, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם שטעקן פון פימסענהאָלץ און פריילעך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: — קומט צום ים!...

...ס׳איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. אַ גינגאָלדענער בין־השמשות ווי אַ מאָל אין יענע, ווייטע גוטע יאָרן. אַרום אונדז האָט געהאַוועט, געטומלט, געהאַרמידערט אַ פרעמדע וועלט, אַ וועלט וועלכע האָט גערעדט אין אַלע לשונות, נאָר נישט אין יידיש.

און מיר, צוויי סיווע מידע יידן זענען געזעסן ביים ברעג ים, אויף יענעם מאָכיקן פעלדז, ווו דער זיידע מענדעלע און ביאַליק פלעגן אָפּרוען. געזעסן און געשוויגן.

ביז כ׳האָב נישט אויסגעהאַלטן און אים אַ זאָג געטאָן: — איר ווייסט ירמיהו, איך בין דאָ צום לעצטן מאָל...

— כ׳ווייס אַלצדינגס. פאָרט געזונטערהייט און זייט מצליח. און זאָגט דער מוטער רחל זי זאָל בעטן גאָט פאַר מיר...

...דערנאָך האָב איך גענומען מיין קלומעקל און בין אַוועק. און ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען אויפן גאַניקל ווי אַן אַלטער בוים פון וועלכן עס פאַלן שוין די לעצטע בלעטער, און זיין מידע האַנט האָט מיר נאָכגעפאָלגט לאַנג, לאַנג...

הערץ ריווקין־הייסינער ז״ל

(שטריכן צו אַ פּאָרטרעט)

א

גלייך ווי ס׳איז נעכטן געווען.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אין דער קעשענעווער טאָגצייטונג „אונדזער צייט״ באַוויזן אַ שפּילעוודיק־פּאַרשייט ליד פון איינעם הערצל הייסינער, אונטערן נאָמען „ס׳איז צעבראָכן די מלוכה־קאַסע״, אַ פריילעכע פּאַראָדיע אויף דעם פאָלקסטימלעכן זלמן ראָזענטאַלס געווירציק ליד — „ס׳איז צעבראָכן אונדזער דעכל״.

דערנאָך, תּיכּף אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״ הייסינערס אַ טריבע באַלאַדע וועגן אַ גאַסנפּרוי וואָס אירע יאָרן וויאַנען אָפּ, ווי די בלעטער אין אָסיען.

און ביי מיר — וואָס האָט שוין אויך צו ביסלעך אונטערגעשריבן — האָט אַלץ מער געוואָקסן דער נייגער צו קענען דעם קאָפּרעשטער הערצל וואָס אָט איז זיין מוזע ווי אַ קאַיאָריקער טראָפּן טוי, און אָט איז זי מיר אַ גרעלע ווי אַן עלנטע ווערבע.

גראָד דעמאָלט האָבן מיר אין צווייען, מיט דעם טראַגיש־אומגעקומענעם דערציילער הערש לייב קאַזשבער, פּאַרטראַכט אַרויסצוגעבן אַ מין פּראָגרע־סיוו זשורנאַלעכל, ווו עס זאָלן קומען צום וואָרט די אַלע אָנהייבער — דער נאָכוווקס — וואָס איז שפּעטער געקרוינט געוואָרן — פון די ראשונים — מיט דעם נאָמען „יונג־רומעניע״.

איז אין איינעם אַ וועסנעדיקן פּאַר נאַכט האָט זיך אַריינגעיאַוועט אין דעם רחבותדיקן גרויסשטאָטישן לעזע־זאַל אַ שטאַלטנער בחור מיט אַ ליבן שמייכל, און מיט עפּעס זייער אַ געשמאַק גריבעלע אין זיין גאָמבע. און ווען

ער האָט זיך אַזוי אומישנע, און שפּעטער אַזוי גורלדיק, צוגעזעצט זיך צו אונדזער טישל, האָט ממש פון אים אַראָפּגעזונגען דער קאָסטיום זיינער און דאָס גאַנצע פּנים האָט אָנגעטייעט — וואָס ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע צוויי קלאָמפּערשטע „גאונים" ווי קאַזשבער און איך — אי דאָס חנעוודיק גריבעלע זיינס און נאָך מער די אויגן זיינע, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פון די וואָלעכישע קאָדרעס.

הערש און איך האָבן זיך איבערגעוווּנקען. ביידע אָנגעטוענע אין קרועה־בלועה בגדים, האָט אונדז הערצל הייסינער געוּנומען ניט נאָר מיט זיין שטאָלט און בפירוש גערעַטענעם דעביוט, נאָר, ניט וויניקער, מיט זיין יום־טובדיקן אויסזען און גאָר גאָריקן זילבערנעם זייגער מיטן גילדערנעם קייטעלע. און אַז מיר — די ביידע האָלעדראַנצעס — זיינען נאָך געוווּיר געוואָרן אַז ער לערנט זיך אויף בוי־אינזשיניער אין אַ גראָסאַרטיקן... טעכניקום, איז — יאַוונע וועיאַסנע: מיר האָבן געפונען אַן אוצר...

קליפּ און קלאָר; מירן אין דרייען שרייבן. ער, הערצל, וועט אויך קעכלען די „טאַלאַנטן" און נאָך זיין דער געלט־שידוך פאַר אונדזער געפּלאַנטער „וועלט־איבערקערערישער צייטשריפט".

און מיט אַ מאָל איז נעלם געוואָרן דער יחוסדיקער זייגער זיינער. און ניט נאָר דער פּירגענומענער אָנצוג איז אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן, נאָר ער אַליין האָט זיך אויסגעבלייכט, איבער די אָפּטע תעניתים על קידוש היידיש. טאָג און נאַכט האָט ער געחשבונט: וויפל וועט עס דאַרפן באַטרעפן דער צוימענבערעכערישער זשורנאַל אונדזערער?

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער פאַרזיצער פון דער קאַפּרעשטער ליי־און שפּאַר־קאַסע, ר' אליעזר הייסינער האָט דערפילט פון דער וויטנס, אַז זיין אויסגעשפּילטער מיזיניק האָט איבער נאַכט פאַרלוירן אי דעם געלט־חשבון, אי דעם וועלט־חשבון.

און ער האָט אָנגעיאָגט, דער רוב־תורה און רוב־חכמהדיקער פאָטער שוואָליאָם מיט אַ באַלעגאָלע, אַזש... פון קאַפּרעשט — קיין קעשענעוו. אָבער פאַרפאַלן: דעם געשיכטעלעכן „פאָיעזד" אויף וועלכן זיין זון האָט זיך אַרויפ־געכאַפּט, האָט ער שוין במילא געהאַט פאַרשפּעטיקט.

עס פאַרגעדענקט זיך מיר יענע ליל שימורים: זענען מיר עס געזעסן אין פּירן און ער, רב אליעזר, האָט אַלץ אין אונדז אַריינגערעדט, געברייעט,

דערוויזן — מיט אַ געבראָכן קול — אַז די גאולה וועט נישט קומען פון מאָסקווע. און אויב זי דאַרף קומען, איז נאָר פון ירושלים.

ווי געזאָגט איז שוין אָבער געווען צו שפּעט; איבער די וואָלכיש־יידישע ישובים האָט זיך ווי אַ וויכער געטראָגן די צייטשריפט פאַר ליטע־ראַטור, קונסט און צייטפראַגן „אַנזאָג", וועמענס רעדאַקטאָרן זענען געווען הערצל הייסינער, הערש־לייב קאָזשבער און דער שרייבער פון די שורות.

„אַנזאָג" — משמע די בשורה אַז אָט, אָט און דער רויטער משיח... איז שוין דאָ.

און — עיקר! דעם אָנקום פון גאַנצע צען אָנפאַנגער אין דער יידישער ליטעראַטור פון רומעניע.

שלמה ביקל ז"ל — אונדזער שפּעטערדיקער מורה דרך — האָט אַזוי מסביר געווען: „'אַנזאָג' האָט דערפאַר געמיינט אַז די יונגעלייט נישט סתם זיי קומען, נאָר זיי קומען מיט פּראָגראַם און מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות". (זע ש. ביקל, „רומעניע", זייטן 291־292).

אַוודאי איז אין אונדזער דעמאָלטיקער פּראָלעטאַריש־געזאָגענער „גע־זעלשאַפטלעכער אחריות" נישט געווען נאָך דער פּונקט פון יענער הייליקער שליחות, וועגן וועלכער ר' נחמן בראַצלאַווער האָט געזאָגט: „יעטוועדער מענטש דאַרף טראַכטן אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון זיינעט וועגן, אָבער נישט ער זאָל זי באַהערשן, נאָר כּדי ער זאָל טראָגן איר זאָרג".

איז כאָטש די פּאָעזיע, פּראָזע און פּובליציסטיק פון דעם מנין „אַנזאָגער" איז נאָך געווען היפּשלעך אומרייף, דאָך האָט געוויעט פון איר מיט אַזוי פיל צאַרטקייט און גלויבן־דופט, אַז איציק מאַנגער ז"ל האָט די צייטשריפט באַצייכנט ווי אַ „יונגער פרישער פרילינג־ווינט און אויסגעטיילט הערצל הייסינערס לידער ווי די סאַמע גערעטנסטע. און שמואל ניגער ז"ל האָט גע־שריבן אין אַמעריקאַנער „דער טאָג": „אין בעסאַראַביע האָט זיך באַוויזן אַ טאַלענטירטע חבריה אָנהייבער, נאָר אַ שאָד וואָס זיי בלאָנקען שוין אום אויף די באָלשעוויסטישע סטעזשקעס". דער באַוווסטער קריטיקער וועלכער האָט גראָד דעמאָלט געוויילט אין קעשענעוו, האָט אין אַ שמועס מיט אונדז דריי, גערעדט מיט ניט ווייניק צער וועגן דעם, וואָס מיר זענען אַראָפּ פונעם דרך הישר. „די אידישע ליקוי־חמה", ווי ש. ניגער ז"ל האָט זי באַצייכנט.

ב

אַ ביסל ביאָגראַפיע נוסח הערץ ריווקין־הייסינער: ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1908, אין אַ שטעטל מיט אַ קאַטאָוועסדיקן נאָמען — קאַפּרעשט, וואָס באַדייט אין מאַמע־לשון — דאָס ציגן־שטעטל. דעריבער האָבן ליצים עס געקריינדלט — די קהילה קדושה פון ציגן און צאַפּעס.

אָבער אָפּנים כּדי צו הייבן די מדרגה פון זיינע צאַן־קדושים, פּלעגט זיך דער אָרטיקער מרא־דאתרא איבערנעמען מיט דעם, אַז קאַפּרעשט האָט זוכה געווען אַז ער אַליין, דער הייליקער ר׳ ישראל בעל שם טוב, זאָל טרעטן אויף איר ערד.

ה. הייסינערס פאָטער איז געווען אַ ייד פון תורה און חכמה, דערצו אַ הייסער ציוניסט, האָט ער דעריבער זיין מוזיניק — דעם קינפּטיקן פּאָעט און דערציילער — אַ נאָמען געגעבן נאָכן ד״ר הערצל ז״ל.

ניט דער בליץ־לאָמפּ פון זיין טאַטנס חיבת־ציון־יידישקייט האָט באַהעלט הערץ ריווקינס (זיין שפּעטערדיקער פּסעוודאָנים) פּאָעזיע און די פּראָזע זיינע, נייערט דער זשאַר פון די קוילן אויף וועלכע קאַפּרעשטער עובדי־אדמה האָבן געבראָטן פּאַפּשויעס (קוקורודזעס).

די סביבה פון וועלכער ער האָט געשעפּט זיין אינספּיראַציע, — אַן אידיליש־דאָרפיש־שטעטלדיקע. אויף אַזוי פיל איז ער געווען אָנגעהעפט אין דאָרף, אַז ער האָט אַפילו זיין ערשט ספרל, וועלכעס איז דערשינען אין יאָר 1938 אין בוקאַרעשט, אין פאַרלאַג „שויבן״, אַ נאָמען געגעבן „פון שכנישן דאָרף״. דאָס הייסט ווען די שענסטע טעג אין לעבן זענען די ווייסע דאָרפישע נעכט...

לאָמיר דאָ ברענגען זיין ליד מיטן זעלביקן נאָמען, צו וועלכן דער בעלצער פאָלקסזינגער זעליק באַרדיטשעווער ז״ל האָט פאַרפאַסט אַ ניגון און וואָס האָט ריווקינען באַרימט געמאַכט אין דער וואָלעכישער מדינה.

נאַכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף
פאַרבלאָנדזשען אַמאָל צו מיין גאַניק,
זיי לעשן מיין טרויער, זיי גלעטן מיין אומעט
און פליסן ווי זאַפטיקער האָניק.

לידער כאָכלאַצקע, מונטערע, פרישע,
וואָס שמעקן מיט פעלד און מיט שייער —
זיי פילן די לופט אָן מיט וואַרעמקייט ליבער,
וואָס שטראָמט פון אַ היימישן פייער.

נאַכט איז אין שטעטל, איך ליג אויפן גאַניק.
ווער דאַרף איצט דער מאַמעס גלעגער,
איז וואָס אַז ס'איז איינס,
איז וואָס אַז ס'איז צוויי,
איז וואָס אַז ס'איז דריי שוין דער זייגער?

הער איך און ווייס ניט, ס'איז יום־טוב אין דאָרף,
צי ס'הוליען דאָרט גלאַט אַזוי יינגען,
אַז וואָס איז דער חילוק,
אַבאַלד וועט מיר דאַכט
די לבנה אויך אָנהייבן זינגען.

גיסן אַזוי זיך פון שכנישן דאָרף
היימישע, זאַפטיקע טענער,
ביז ס'הייבט אָן פרימאָרגן צו וואַרגן די נאַכט
און ס'הייבן אָן קרייען די הענער.

(זייטן 6־7)

מערקט איך ווי צאַרט ריווקין איז פאַרליבט אין זיין היים. דעם פרישן קלאַנג און די לאַשטשענדיקע ווייכקייט פון די פערזן. ממש עס טריפט פון זיי מיט פאָטעקע און פינע־מילך.

נאָך מער האָט ער זיך קונה־שם געווען ביי טויזנטער לייענער מיט זיין פאָלקסטימלעכער פאָעמע: „חיים ברוך אָטאָ פאָרעך", זיין „ליריש־עפּישער אַדערויף אויף בעסאַראַבער חדווה", ווי ש. ביקל האָט זי טרעפלעך באַצייכנט.

זיין קאָפּרעשטער חיים־ברוך איז אַ פּראָסטער באַלעגאָלע, וואָס זיצט זיך ברייטלעך אויף דער קעלניע — עלעהיי ווי אויף אַ כסא־מלוכה, און לאָזט ער זיך אין וועג אַריין, מיטן וואָלעכל אויף די ליפּן, הוליען מענטשן, פעלדער

און שליאַכן פון פרייד. ווי פלעגט ער זיך פאַרגיין פון נחת הערץ ריווקין:
— זאָל די וועלט וויסן אַז אויב בעסאַראַביע איז דאָס זעמלמעל פון רומעניע, איז מיין קאַפּרעשט איר נאָפּל.

ג

יאָרן גייען און אָט זענען מיר אין יענעם אימהדיקן 1937סטן יאָר. מיר שטייען ביידע, הערץ ריווקין און איך, אויפן ראָג פון דעם סאַמע ייִדישסטן קוואַרטאַל אין בוקאַרעשט — קאַלעאַ וואַקאַרעשט — און „קוויקן" זיך מיט... גיפט טראָפּנס, נעמלעך: די חלפישע שורות פון רוצחישן אַרטיקל פון דעם פויליש־רוסישן שרייבער, פון ייִדישער אָפּשטאַמונג, ברונאָ יאַסענסקי — אין דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ", אונטערן קעפּל „די שטיוול פונעם גאַס־פּאַדין טראָצקי".

ווער־זשע זענען עס געווען די גערימטע שטיוול פונעם „אויבער־פּאַר־רעטער" לייב דאַווידאָוויטש בראָנשטיין־טראָצקי?!

לאָזט זיך אויס: ניט קיין אַנדערער ווי דער חריפותדיקער פּובליציסט און וויצלער קאַרל ראַדעק. דער ביאַליסטאָקער ייִד ראַדעק, צו וועלכן אַפילו סאָלזשעניצין באַציט זיך מיט געוויסן דרך־ארץ, און ווען מ'האָט באַצייכנט ווי דער לץ פונעם קרעמל.

הייסט עס, אַז צום לץ איז שוין אויך געקומען אַ סוף... און אַז מ'הרגעט שוין ליצנים אויך, איז שוין טאַקע באמת עק וועלט. דעמאָלט האָט הערץ ריווקין מיך אַזוי כּהאי לישנאדיק אַ פרעג געטאָן: צי געדענק איך דעם איינאַלייניקן דעמב, דעם ריז, וועלכן ס'האָט געטראָפן אַ דונער און אים פאַרקוילט? איז אָט צו דעם בוים בין איך איצט געגליכן.

און תיכּף האָט ער, בעסאַראַביש גערעדט, געשטעלט פּיס, גענומען אַזוי אימפּעטיק יאָגן צווישן די האַנדל־וואַנדלדיקע בוקאַרעשטער ייִדן, ווי ער וואָלט אין דער אמתן וועלן אַנטלויפן פון זיך אַליין.

ד

ויהי ערב, ויהי בוקר — יום שני.

אין דער רעדאַקציע פון אונדזער צייטשריפט „שויבן", וועמענס רע־דאַקטאָרן עס זענען געווען יעקב שטערנבערג ז"ל און שלמה ביקל ז"ל,

איז זיך שוין געהאַט צונויפגעקומען גאַנץ „קעקעלע קהל" ווי ביקל פלעגט זיך, אויף זיין קאָלאָמייער שטייגער, וויצלען איבער אונדז.

און דאָ, שוין גאָרניט לויט זיין מיושבדיקער טבע, צעספּראָלעט עס ריוזקין די טירן און וויכערט אַריין אין דער רעדאַקציע אַן אויסגעבלייכטער, מיט רויטע אויגן, קענטיק אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגע־מאַכט. אַן דעם ער זאָל אַפילו אַ פּיפּס טאָן „אַז ער האָט געבראַכט אַ פרישן פּידפּאָלעק", ווי ער פלעגט געווייינטלעך הלצהדיק אָנרופן זיינס אַ ניי ליד, האָט ער אַ טיפּן דעכע געטאָן און גלייך עס גענומען פאַרלייענען. דאָ זענען נאָר אַ פּאָר געציילטע סטראָפן פון זיין „עלעגיע".

ס'האָט בלוט אין מיר פאַר בושה, פאַר פאַרדראָס
זיך היינט צעברויזט, צעזשומעט.
נאָך קיינמאָל האָט ביז היינט דער נאָגנדיקער אומעט
ניט אַזוי צעבראָכן מיך, פאַראומערט,
ווי אַ ווונד האָט צווייפל מיין געמיט צעיאַטערט.
ווי אַ ווונד.

און ווייטער:

זוך איך ווערטער מיך אַליין צו טרייסטן,
וויל ביי מיר פאַר מיר אַליין כאָטש עפּעס פועלן,
און ס'ברענט און בריט די ווונד
ווי זשאַרענדיקע קוילן.
גאולה, וועלט־דערלייזער און מאַרטירער,
מענטש, ווער ביסטו, זאָג !
פירער צי פאַרפירער ?
— מענטש !

שטיי איך איצט און ציטער,
ציטער פאַרן מאָרגן,
פאַרן סודותדיקן שפּעטער,
איך און דו און ער —
ווער זענען מיר עס, ווער ?

כאָטש ניט קיין קינפּטיקע פאַררעטער,
ניט קיין קינפּטיקע פאַררעטער!

(פעברואַר 1937, זייטן 41־43)

...ווער ווייסט צי הערץ ריווקין האָט שוין דעמאָלט ניט געאָנט אַז מיט אָט דעם ליד זיינעם, — וועלכן ער האָט אָנגערופן „עלעגיע" — האָט ער זיך געחתמעט אַ טויט־אורטייל.

ווי זאָל דאָ ניט קומען אויפן זינען דער מאַקאַברער זאַג: אַז אַ האָן באַ־דויערט וואָס ער האָט אויפגעוועקט דעם בעל־הבית אַזוי פרי, ווען ער זעט שוין זיין קאָפּ אויפן קלאָץ...

ה

קורא חביב! געוויינטלעך זאָגט דאָס פאָלקסווערטל אַז נאָך אַ שׂריפה ווערט מען רייך. מיט ריווקינען איז געשען להיפוך: ער איז ליטעראַריש נתעלה געוואָרן פאַר דער שׂריפה. פּשוטער: פאַר דער סטאַלינישער לעצטער שחיטה.

ער האָט אַפילו באַקומען אַ פּרעמיע פון דער מאָסקווער „איניקייט" פאַר זיין מייסטערהאַפטער נאָוועלע „דער טאַטע און דער זון". און יודעי חן, בראש מיט יחזקאל דאָברושין ז"ל, האָבן אין אים געזען אַ דערציילער אויף וועלכן מ'קען לייגן גרויסע האָפענונגען.

*

איז לאָמיר פאַרגעדענקען:

מיט הערץ ריווקין האָבן מיר — משה אַלטמאַן, מאָטל סאַקציער און איך זיך אָפּגעזעגנט אויף אַלע תּמיד אין דעם קיבישעווער גיהנום־התחתון, די אַזוי־גערופענע „פּערעסילקע", געמיינט איבערזידלונגס־תּפיסה, סוף חודש נאָוועמבער, יאָר 1949.

ער איז אַוועק מיט אַ ספּעץ־עטאַפּ אויף אַ בויונג, אין דער קאַזאַכישער קאַטאָרגע־שטאָט עקיבאַוסטוס, ווי ער האָט אין יאָר 1951 אויסגעהויכט זיין נשמה.

עס איז פאַרבליבן נאָך זיין אָפּלעבן אַ ביכל פּראָזע — „אָרום קעסל־צעך", דערשינען געציילטע חדשים פאַר זיין אַרעסט, אין מאָסקווער פאַרלאַג

„דער עמעס״. און, ווי שוין פריער דערציילט, זיין „פון שכנישן דאָרף.״
אין אָט דעם ערשטלינג זיינען זענען פאַראַן פערצן לידער, וועלכע זענען ראוי פאַרעפנטלעכט אָדער איבערגעדרוקט צו ווערן פון ס׳ניי.

און צווישן זיי די „עלעגיע״, די קינה וואָס האָט — לעניות דעתי — איבערגעלעבט לדורות איר שאַפער.

הערש־לייב קאַזשבער

...וואַכבעדיק, האַ? איר הערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען שוין בעסער גאָרניט געבוירן ווערן.

איך שרייב עס אין שייכות, מיט דעם פינעף און דרייסיקסטן יאָרצייט פונעם סאַמע טראַגישסטן און סאַמע טאַלענטירטסטן דערציילער פון דעם לעצטן דור בעסאַראַבער שרייבער — דער אַמאָליקער נאָכוווקס — הערש וויינשטיין ז״ל.

ער האָט געשטאַמט פון אַ ציגיינעריש דערפעלע קאַזשבע.

ווי געזאָגט איז ער אויסגעוואַקסן אין אַ דאָרף פון גאָלע ציגיינער, ביי אָרעמע ייִדן — ישובניקעס, וועלכע האָבן געצויגן זייער בידנע חיונה פון עבודת האדמה. האָט אין עלטער פון פינעף יאָר, געטראָפן מיט אים אַ גרויסער אומגליק. טאַטע־מאַמע זענען אַוועק פּראַצעווען, צו אַ פּאַסעסער, און געלייגט זייער הערשאַלע שלאָפן אויף אַ סטויג היי. איז ער אַראָפּגעפאַלן אויף אַ קאַסע און אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן אַ ביטערער קאַליקע.

בעסאַראַבער שרייבער יונגען שטאַלטנע און וווקסיקע ווי די ביימער פון די גערימטע וואַלעכישע קאָדרעס — זענען בדרך כלל געווען אַן עולם הזהדיק פאָלק; זיי האָבן פּונקט ווי זייערע אָבות, זייער פיין אויסגעטייטשט און איינגעטייטשט דעם טעם פונעם וואָרט — חי!

דאַקעגן הערש וויינשטיין איז אין משך פון זיינע קאַרגע דרייאונדרייסיק יאָר לעבן געווען איינגעטונקען אין צרות און אין אומגליקן.

כמעט שטענדיק אַן אָפּגעריסענער און אַן אָפּגעשליסענער, אַ הונגעריקער און אַ שלעפּעריקער, האָט ער אַרומגעשלאָנדערט איבער די שטעטלעך און דערפער. און מיט זיין אַנגסטיקן אויסזען אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אונדזערע היימישע חי־וקימניקעס.

אַ גייסטרייכער מטיף, אַ שפרודלענדיקער אימפּראָוויזאַטאָר, האָט ער

איבער זיין שווערער אויסקומעניש, און נאָך מער איבער זיין שוידערליכן מום, שטענדיק געדונערט און... געבליצט. געשטורעמט מיט צאָרן די פּאַס־טאָראַל אידילישע צוהערער זיינע, וועלכע פלעגן אַרויס פון זיינער אַ דרשה ווי פון אַ... שוויץ־באָד.

האָבן טאַקע די פון אים פאַרשר׳זענע „קליינבירגער״, אים נישט אַנדערש גערופן ווי דער „ליטעראַטורישער גיהנום־שמש״. נאָר די מער איידעלע פון זיי, און די טייערע מיידלעך און בחורים אונדזערע, האָבן זיך געספּראָוועט מיט אים אויף אַ מלמד־זכותדיקן אופן — „דער פּיסאַטיעל דער דעמאָן״.

איז וויינשטיין, מיט די יאָרן געוואָרן אַ שרייבער. און האָט אַפילו זוכה געווען אַז שלמה ביקל ז״ל, זאָל אים קרוינען פאַר דעם „בעסאַראַבער בער־געלסאָן״. האָט ער דעמאָלט, דעם... וויינשטיין, פאַרלוירן אונטערוועגנס, און איז אַרויס אויף דער ליטעראַרישער וועלט, מיט אַ שפּאָגל נייעם יחוס־דיקן נאָמען: הערש לייב קאַזשבער.

כ׳ווייס נישט: אפשר האָט ער געטראַכט, אַז משנה שם, מיינט אויכעט משנה מזל. אָבער אים האָט אַפילו זיין בכבודיקער פּסעוודאָנים, — ווו מען זאָגט אין פאָלק — „געהאָלפן... ווי „אַ טויטן באַנקעס״. וואָס יאָ? אַדורך אים, איז דאָס פאַרוואָרפענע ציגיינערישע דערפל זיינס, נתעלה געוואָרן.

ווי כמעט אַלע שרייבער, פון זיין וואָלעכישן קאַנט, האָט זיך אויך ער, דער זעליש־צעבאָרשטענער עפּיקער — געוואָרעמט ביי דער זון פון מאָל־דאַוויש־ציגיינערישן לעבנסשטייגער.

אַזוי אַז די העלדין פון זיין ערשטער דערציילונג „ראַצע״ — דאָס באָרוועסע, יידישע מיידל, די האַרפּאַשניצע, קויכעט זיך אַזוי אין איר שטיקל פעלד: „אַזש זי וואָלט אַוועקגעלייגט איר האַרץ צווישן די ווייצענע זאַנגען. עס זאָל איינזאַפּן אין זיך די שטילקייט פון דער אויסגעשטערנטער זומער נאַכט״.

עס פאַרגעדענקט זיך מיר מיין ערשטע קענטשאַפט מיט הערש וויינ־שטיין אין 1929־טן יאָר. נעמלעך: אין קעשענעוו צווישן אַנדערע אומצייליקע יידישע ביבליאָטעקן, איז געווען אויך אַזאַ ביכער־שאַף מיט אַ שלשלתדיקן רוסישן נאָמען: „ביבליאָטעקאַ אָבשעסטוואַפּריקאַזשטשיקאָוו״ (די ביבליאָ־טעק פון די אָנגעשטעלטע).

איז אין איינעם מיטן דיכטער הערצל ריווקין־הייסינער ז״ל זענען מיר

עס גאַר צעפּריילעכט געזעסן און געבלעטערט גרודעס יידישע צייטשריפטן פון אַלע עקן וועלט. מיט אַ מאָל: האָט ביי אַ טישל אַ הילך געטאָן אַזאַ „בראַוואָ!“, אַז אַלע לייענער, זענען פאַרציטערט געוואָרן.

דאָס האָט אַ צעשויבערטער יונג, אַ דערוואַקסענער מיט קאַלטענעס, אַזאַ געשריי געטאָן פאַר פריידן, וואָס לייוויק, אָפּאַטאָשו, אברהם רייזען — זיכרונם לברכה — און אַנדערע, האָבן פאַרלאָזט די דעמאָלטיקע קאָמוניסטישע שמדניצע — די אַמעריקאַנער „יידישע צייטונג“ — מאָרגן־פרייהייט מיש־טייגס געזאָגט, וועלכע האָט זיך ממש געטאָפּיעט פון רוצחישן נחת, וואָס די „נעביך אונטערדריקטע אַראַבער“ שעכטן אויס די „פאַלעסטינער יידן, די „אַגענטן“ — לויט זייער חאַלאַפּישער באַצייכענונג — פונעם „ציאָניסטיש־בריטישן אימפּעריאַליזם“.

דער טייערער פאַרוואַלטער פונעם לייענזאַל, דער הדרת־פּנימדיקער מיכאַיל סאַלאָמאַנאָוו ז״ל, האָט במחילת כבודו געמוזט מטריח זיין דעם צעוווּיוועטן בחור — הערש וויינשטיין איז זיין — סאַלאָמאַנאָווס — חדר מיוחד, כּדי צו האַמעווען אַ ביסעלע זיין באַרעכטיקטע פרייד. די פרייד, וואָס, ענדלעך, האָבן זיך אַזעלכע שיינדלינגען פון מלכות יידיש, אַרומגעזען ווי זיי האַלטן אין דער וועלט און זיך אויסגעטשוכעט פון דער עיפּושדיקער פאַרבלענדעניש.

הערץ ריווקין און איך האָבן זיך נאָכגענומען נאָך אָט דעם טשעקאַוועדיקן פאַרשוין. און דעמאָלט האָבן מיר דערפילט די אימהדיקע ווערטער זיינע, וויינשטיינס, וועלכע זענען אַזוי חשכותדיק אין די שפּעטערדיקע יאָרן — מקוים געוואָרן. — מיר וועלן אַלע פריִער אָדער שפּעטער געניזוקט ווערן. נאָר איך? אויך איך! אוי, זאָגט ער גוט דער וואָלעך: אַז פאַר דעם וואָס האָסט מורא, פון דעם וועסטו זיך נישט אויסדרייען“. איר וועט נאָך זען, אַז איך וועל אין אָט דער זאַטער וועלט שטאַרבן פון אַ הונגער־טויט. נאָר דערוויל, גיט מיר עפּעס אָפּצועסן, כּדי איך זאָל האָבן כּח זיך צו ...פרייען.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין פאַרכליאַמעטער איז ער שוין נישט אַרויס. און אַז ער איז זאַט געוואָרן, האָט ער מיטן קרומען פוס געטאַנצט ממש, וואָס „די אויבנדערמאָנטע שרייבער זענען חוט־השדרהדיקע און לאָזן זיך נישט פירן ביי דער נאָז פונעם „שיינעם קאָמינטערן“.

איז אָט פון יענער שעה, זענען מיר געוואָרן אַ דריילינג. ווען היציק,

עד חרמה, זיך געפעכטעט, און ווען זיך ליב געהאַט נישט ווייניקער ווי יהונתן און דוד.

...און אַט, וואָס עס האָט מיר דערציילט דער אַרגענטינער דיכטער משה קנאַפּהייס, וועגן זיין — הערש־לייב קאַזשבער — וויינשטיינס לעצטן טאָג.

אין די מלחמה יאָרן האָט אין דעם וויסטן שרייבער־פאַראיין פון סאַמאַר־קאַנד (אוזבעקיסטאַן), אין איינעם אַ טאָג, זיך אַריינגעשלעפּט הערש וויינ־שטיין, און האָט אַ כּליפּנדיקער זיך געבעטן ביי קנאַפּהייסן — יענער איז מישטיינס געזאָגט אַ טויגער — דאָס ער זאָל אויסקליאַנטשען פאַר אים, אַ הונדערטער, ביי די אוזבעקישע... „גאונים־שרייבער״.

— פאַר וואָס נאָר עפּעס אַ הונדערטער ? — האָט געגאַפט קנאַפּהייס. ער וועט אייך סטייען נאָר אויף אַ כּזיתל ברויט.

— אָ, אָ! איך דאַרף נאָר איצטער, דאָס וואָס גראַמט זיך מיט ברויט... איך וויל אַוועקהינקען אויף יענער וועלט, ווי מיינע עלטערן, אין תּכריכים, וועל איך מיר קויפן אַ שטיק מאַרלע.

אַרויסגעזאָגט די ווערטער און נאָך באַוויזן אָנצוזאָגן: דעם הונדערטער זאָלט איר געבן נאָטע מאַנגער (איציק מאַנגערס ברודער — י. י.). מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ליטעראַרישן וויכּוח מיט אים. וועלן מיר אים פאַרענדיקן אין... גן־עדן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט הערש־לייב קאַזשבער אויסגעהויכט זיין נשמה.

...הערש לייב קאַזשבער־ווינשטיין האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ רייף בוך פּראָזע — „קאַזיאָנע גימנאַזיע״, און נישט ווייניקע געראָטענע דערציי־לונגען, צעוואָרפענע אין די פאַרוועלקטע צייטונגען און זשורנאַלן. (וועגן זיי האָב איך שוין געשריבן אין פאַרשידענע אויסגאַבן, ווי אויך אין „ביי זיך״ נומער פיר, פונעם 74סטן יאָר).

איצט, פינעף און דרייסיק יאָר נאָך זיין גרויליק אָפּלעבן, בין איך נישט אויסן דאָ קיין ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע ער האָט הייליק פאַרדינט.

דער מערווינער ניגון

...די דערמאָנעניש איז אַ לאַנגסטיקע און איצט — אין טיפן האַרבסט פון מיין לעבן — ריזלט זי אין מיר ווי אַ לויטערער קוואַל.

אין מיין בעסאַראַבער שטעטעלע פּערליץ, איז געווען אַזאַ שטייגעריש־היימישדיקס, אַז אונדזערע דעמבענע ייִדן פלעגן זיך נחתדיק וויטען איבער דעם: מן־הסתם ווען דער וואָס לעבט אייביק, האָט די וועלט באַשאַפן, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטייט זיך מיט פּערליץ. איי, איי, אַ שטעטל! ווייל מאָלט איך, אַז איינער ניסט ביי נאַכט, ווען אים אַלע אויף פאַר טאָג און ווינטשן אים צו געזונט.

איז אָט, אין אָט דעם שטעטעלע מיינעם, האָט זיך אין איינעם אַ טאָג באַוויזן אַ קעשענעווער ייִדישער „צייטונגס־בלאַט" מיט אַ וואַזשנעם ייִחוס־דיקן נאָמען — „דער ייִד".

עס פאַרגעדענקט זיך: ווי איך, דאָס דעמאָלטיקע בר־מיצווה־בחורל האָב מיך אַזש פאַרכלינעט פון הנאה, פאַרקוקנדיק זיך אויף די געקווייטלטע אויסגעקיצלטע טייערע ייִדישע אותיות.

לאָזט אייך אַ רגעלע אַוועקטראַכטן צו יענעם יאָר 1921, ווען ס'איז געשען אָט דער אַזוינס ווי אַזעלכענער ווונדער.

קודם־כּל דער נאָמען. אַלץ הייסט אַ נאָמען! ערשטנס, איז דאָס וואָרט „דער" געווען אָנגעמאָלט ווי אַ באַלקן, זאָגן מיר אַ מין בלויע סטעליע — אַ רמז אויפן הימל. די ביידע „יודן" האָבן געלויכטן ווי צוויי שטערן און דער סופיקער אות, דער „דָלֶת", איז געווען אַקוראַט ווי אַ גרינע טאָלעקע.

איז ווי איינער זאָגט: נאַט, קוויקט אייך און טייעט אָן, בעסאַראַבער ייִדן. זעט! אַ בלויער אויסגעשטערנטער הימל איבער אייערע קעפּ און איר טרעט אייך מיט אַזעלכע פאַרהאָליובעטע טריט איבער אייער מאַמעדיקער וואָלעכישער ערד.

איז אַט אין יענער לויכטנדיקער צייטונג, האָב איך מיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן אויף אַ נייעם „פרישצאַפּלדיקן שראַבער" — ווי מיין מאַמע איטע האָט מיר אים אַ יום־טובדיקע אונטערגעטראָגן — נח סיגאַלאָווסקי.

בשכנות מיט אים, דעם צוואַנציק־יעריקן אָנהייבער, האָבן זיך גע־קריינדלט אַזעלכע נעמען ווי מרדכי ספעקטאָר, רחל פייגענבערג, אַלץ שריי־בערס וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער אין בלוט־אָפּגייענדיקער אוקראַינע.

סיגאַלאָווסקיס דערציילונג איז געווען וועגן זיין ספק־דאָרף, ספק־שטעטל — מערווין. ער האָט דאָרטן נישט געחומשט און נישט גערש"יט. מיט אַנדערע ווערטער: נישט געבליאַסקעט מיט באַזונדערע תורה־קענ־טעני‏שן.

עס איז געגאַנגען דאָרט אַ רייד וועגן אַ ליבע צווישן אַ ייִדישן בחור און אַן אוקראַינישער געשמאַקער שיקסע. און זי, די כּלבטע, ווענדט עס אָן אַלע אירע ווייבערישע שמד־שטיקלעך, כּדי אַראָפּצופירן דעם תּמימותדיקן בחור פונעם דרך־הישר.

זי מאַניעט אים, זי לאָקט אים, און ציט אים ממש אַרויס דאָס חיות פון די ביינער.

די בעלעטריסטישע ראָזשינקע פון יענער געשיכטע, איבער וועלכער עס האָט „מיטגעסטראַדאַיעט" דאָס גאַנצע ייִדישע ווייבער־פאָלק פון מאָל־דאַוויע, איז, ווען די שענסטע טעג אינעם לעבן, זיינען געווען די וועסנע־נעכט.

אַן עלעגישע, האַרצרייסנדיקע אָפּווייכונג: שוין אין ישׂראל, האָב איך קריק מיט אַ צייט, פון ס'ניי איבערגעלייענט סיגאַלאָווסקיס דעמאָלטיקע ראָמאַנטישע געשיכטע.

עס איז אַזוי אימהדיק שטיל געווען אין אַט די צעקנוידערטע, בדרך־נס אָפּגעראַטעוועטע געציילטע פּאָר צייטונגען. און איך האָב מיך געפילט אַזוי אַנגסטיק אַליין ווי אויף אַ בית־עולם.

למאַי לייקענען: איך האָב מיר אויסגעקוקט ווי אַ פאַרזעסן מיידל וועלכע זוכט אַלטע אויסגעלייענטע און אויסגעוויינטע ראָמאַנען.

אָבער לייענענדיק האָט זיך מיר אָפּגעפרישט יענער בראשיתדיקער איינדרוק, וועלכן איך וועל איצטער, שוין אַליין אַ שטיקל שרייבער ביי ייִדן, פּרווון אַזוי אויסרייסטערן.

ער האָט זיך שוין דעמאָלט, סיגאַלאָווסקי, און דוכט מיר, אויך שפּעטער, אַרומגעוויקלט מיט שיינאַרטיקע דופּטנדיקע ווערטער, עלעהיי אַ דאָרפישע קראַסאַוויצע באַצירט זיך מיט קאָלירטע סטענגעס.

לייענסט און האָסט אַזאַ געפיל: אָט איז אַ וואָרט צעכראַסטעט ווי אַן אוקראַאינישער פּאַרובאָק, און אָט איז אַ וואָרט ביי אים, ווי אַ צניעותדיקע כּלה, וועלכע גייט צו דער חופּה.

און די אַלע ווערטער־פּאַטשערקעס זיינען איבערגעשמעלצט אין שמעלצ־טיגל פון זיין האַרצן. זיי פאַרמאָגן אויך צו מאָל אַן אונטערזוים פון אַ נחתדיקן שמייכל. דאָס קוועלט ער אַזוי אַן: וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן פאַר זיינע אונטערשטע אַזעלכע קלוגע טעג און נעכט.

אָט דעם דאָזיקן פּשטותדיקן אַרט פון דערציילן, האָבן זיינערצייט באַמערקט אַזעלכע שרייבערס ווי ראובן אייזלאַנד, מאַני לייב, י. י. שוואַרץ און אַנדערע, וועלכע האָבן אים געגעבן שבחימדיקע אַדערויפן.

...אין זיין אויטאָביאָגראַפישן לירישן עטיוד „ווי שטיל", דערציילט סיגאַלאָווסקי: „דאָס ייִנגעלע האָט זיך ליב געהאַט איינצוהערן אינעם שטילן־שטילן פליסטער פונעם אַלטן באַרנבוים. ער האָט געהערט, און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. יעדער בוים רוישט אַנדערש ווי אַ פלוימען־בוים, און אַ פלוימען־בוים גיט אַרויס אַנדערע קלאַנגען ווי דער עפּלבוים. מען דאַרף זיך נאָר איינהערן, וועט מען דערהערן".

אויך איך האָב דערהערט דעם דאָזיקן מעלאָדישן ניגון זיינעם אין יענע אַמאָליקע דערציילונגען, וועלכע בעסאַראַבער ייִדן האָבן געלייענט מיט אַזוי פיל הנאה אין די עליו־השלומדיקע „דער ייִד" און „פאַרן ייִדישן קינד".

איך הער אים אויך צו מאָל אין זיינע איצטיקע מערווינער שטייגעריש־עטנאָגראַפישע זכרונות.

און אין זכות פון אָט דעם ניגון בלייבט ער, נח סיגאַלאָווסקי, אַ וואַכער און אַ דויערהאַפטיקער אין דער געדעכעניש פונעם ייִדיש־לייענער.

זייליק באַרדיטשעווער

זייליק באַרדיטשעווער... אין זיינע פרי־יִינגלשע יאָרן, האָט ער געלערנט אין ישיבה, פריינד און גוטע פריינד האָבן געחלומט אים צו זען אַ גע־קריינדלטן מרא דאתרא...

נו, האָט מעשׂה־שטן דורך די ברודיקע ישיבה־פענצטערלעך אַריינ־געגרינט דער בייליגנדיקער סטעפּ. באַלמעלאָכעס, פּראָסטאַקעס פלעגן זיך אַריינ־יאַווען מיט פאָלקסווערטלעך און מעשׂיות, וואָס האָבן געלאָקט און געמאַניעט, און איבער אַלעמען האָט געציטערט דער מאַמעס האַרציק־עלעגיש ליד, וועלכעס האָט געמאָנט, גערופן און... זייליק איז — אַוועק אין פאָלק. אַוועק און, ווי זיין שטייגער איז געווען מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעטאָן אין סאַמע אינגעווייד פון דער ביטערער, האַרטער פאָלקס־אויסקומעניש, זיך געגנצלעך אידענטיפיצירט מיט איר, געוואָרן דער נישט געקרוינטער קעניג פון דער יִידישער פּעריפעריע... און אַלע באַלמעלאָכעס, געזעלן־יִינגלעך און סתם האָרעפּאַשניקעס פון זיין שטאָט בעלץ און דער אומגעבונג האָבן געוווּסט, אַז „ס׳זאָגט זייליק איז הייליק". שוין פון זיין נאָמען אַליין ווייעט מיט עכטן יִידישן פאָלקס־נוסח, יִידישן אָרעמאַנסקע לעבנסשטייגער, וועלכן ער האָט אויסגעזונגען אין זיינע אומצייליקע לידער. איז זי, די פאָלקס־אינטויִציע זיינע, האָט אים אונטערגעזאָגט אַז איצט, אין צייט ווען די יִידישע דיכטונג האָט דערגרייכט צו שפּיצבאַרגיקע הייכן, איז אַ סכּנה אַרויסצולאָזן זיינע צאַרטע לידלעך־עופהלעך אָרעם און בלויז ווי די מאַמע מאַסע האָט זיי אים געבוירן. האָט ער זיי דעריבער טאַקע אָנגעקליידט אין אַזעלכע האַרציקע מעלאָדיעס ניגונים, וועלכע זענען אויגנבליקלעך געוואָרן דאָס אייגנטום פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

אַן אויסגעמאָגערטער, אַ געבוירענער מיט בלאָע, מילד שמייכלענדיקע אויגן, האָט ער, דאָס וואַרע געראָטענע אייניקל פון דעם באַליבטן פאָלקס־

טרובאַדאָר וועלוול זבאַרזשער — אַרומגעשפּאַנט צווישן דער ייִדישער אָרעמשאַפט, און באַוווסט, אַז דאָס געבוירנלאַנד פונעם ייִדישן פֿאָלקסליד איז דער ווערקשטאַט און זיינע פריילעכע געזעלן, האָט ער אַן אויפגעהייטערטער אין איינעם מיט זיי געזונגען!

לעבעדיק און פריילעך
לעבעדיק און פריילעך
וואָס איז דאָ דער חידוש
מלאכה — מלוכה
זינג במנוחה
אַ לידעלע אַ ייִדיש.

ער האָט די באַלמעלאָכישע נויט־טראַגיק נישט געשטורעמט מיט צאָרן און וווטגעזאַנגען, נישט געפּרוווט אַפילו ווייכער מאַכן איר שטיינערדיק האַרץ מיט קלאָג לידער, נאָר ווי טעוויע דעם מילכיקנס אַ לייבלעכער ברודער זי פרובירט אויפלייזן מיט אַ דין שמייכלענדיק איראָניש לידל:

„גיסט און גיסט אַ רעגנדל
וואַקסט און וואַקסט די בלאָטע.
זיץ איך אויפן בענקעלע
לאַטעווע און לאַטע
ווויל איז דעם וואָס איז אַ שוסטער
אין אַזאַ פּאַגאָדע,
מאָנט דאָס ווייב ביי מיר אויף פּיטע
כ׳מאַך זיך כּלא־ידע.“

אין זיין אָפּטימיסטישער וועלט־אַנשויונג און טיפער דערקענטעניש פון עכטער פאָלקס־שׂמחה, וועלכע קוועלט אַרויס פונעם ייִדישן בטחון, וואָס קיין שום צייטגעוויטער קען זי נישט אונטערברעכן, האָט ער דעם מיזערנעם, פינצטערן ייִדישן לעבן אַקעגנגעשטעלט די ליכטיקע פרייד פונעם ייִדישן פאָלקס־ליד. פון יענעם זוניקן פאָלקס־ליד, דורך וועלכן ס׳קומט צום אויס־

דרוק די טראַדיציאָנעלע, שיינע יידישע „שׂמח בחלקו"־איינשטעלונג, וואָס איז נישט קיין פּאַטאַליסטישע בלינדע הכנעה צום גורל, נייערט אַ פריידיק טראַגישע מיט אַן אַ שיער פּיין און מיט געשיכטלעכער דערפאַרונג איבער־פולטע לעבנס־אויפפאַסונג:

„ווילסטו שאָף און רינדער, האָב איך
פייגל אַ גאָטס וואונדער, האָב איך.
שאָף און רינדער ווייב און קינדער,
אוי זיי זינגען אַ גאָטס־וואונדער,
עלע בעלע.
צער גידול־בנים — האָב איך
ברוגזע מחותנים — האָב איך.
מיינע בנים ביי די יונים,
אוי, איז דאָס שוין מחותנים!...
עלע, בעלע...

און דאָך אַזוי, און איבער אַלע דורותדיקע שטרויכלונגען און שווערי־קייטן, מיט וועלכע ס'איז אָנגעפּראָפּט דעם יידישן האַרעפּאַשניקס לעבן, פלאַקערט אויף דער טראַדיציאָנעלער „הוליע קבצן", וואָס האָט זיך ביי אים אַזוי האַרמאָניש באַהאָפטן מיט דער באַהנטער קינדישער עלע־בעלעדיקער פרייד:

„...געפעלט דאָס אים אַוודאי
רייץ איך אים און יאַדע.
עלע, בעלע, דלות, דלות...
דו האָסט גאָרנישט איך האָב אַלעס.
ווער צעזעצט און ווער צעשפרונגען!...
וועל איך דווקא לידער זינגען!...
עלע!... בעלע!...

אין זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער, איז געווען עפּעס פון די אַמאָליקע בעסאַראַבער צדיקים־וואַנדערער, וואָס קיין פּדיונות נעמען זיי נישט, קמיעות גיבן זיי נישט, נאָר מען שפּאַנט אַזוי אַרום, טאָג ווי נאַכט, מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט און מיטן רוק־זאַק אויף די פּלייצעס פון דאָרף צו דאָרף און מען דערקוויקט גייסטיק־פאַרשמאַכטע ייִדן־ישובניקעס מיט אַ ייִדיש וואָרט. אָט אַזוי פּלעגט ער זיך אומבאַמערקט פאַר קיינעם אַרויסשלייכן פון דער קאָכיקער שטאָטישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער סביבה, ווו ער איז געווען שרייבער, לעקטאָר, רעזשיסער און וואָס נישט... און אַראָפּכאַפּן זיך אין די ביילינגדיקע דערפער אַלס לשון־קודש־לערער, און אין אַ קורצער צייט אַרום... האָט דער בעסאַראַבער סטעפּ אַ רעד געטאָן אַ געשמאַקן ליטע־ראַרישן ייִדיש, און ייִדן־אַרענדאַרן האָבן אין זייערע סוחרישע שמועסן אַריינגעבראַקט שטיקער שלום־עליכם, פּרץ און שטיינבאַרג, וואָס דער „טשו־דנע לערער" האָט מיט זיי איינגעלערנט..

דאָ, אויף די רחבותריקע סטעפּעס, האָט אויפגעציטערט זיין פלאַמיקע ליבע צו דער צויבערפולער בעסאַראַבער לאַנדשאַפט, וועלכע ער האָט אויך געזען מיט די אויגן פונעם איינגעזעסענעם פּאַטריאַרכאַלן ייִדן, פאַר וועמען די טייכן דניעסטער און פּרוט זענען אויף אַ כּישופדיקן ראָמאַנטישן אופן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ירדן און כּנרת — און אויף די גרינע בעסאַראַבער סיני־בערג האָט אַרומגעשפּאַנט משה רבינו... נישט קיין בייז־צאָרנדיקער — נאָר מעשׂה בעסאַראַבער — אַ מילד־שמייכלענדיקער, ווייל בראשית איז געווען די גוטסקייט און ליבע...

...פון דאַנען, פון די גאָלדיק באַזונטע פעלדער פון דער ייִדיש מאָלדאַ־ווישער פאָלקס־דיכטונג, האָט ער מיט שטילע לייכטע טריט אַראָפּגעשפּאַנט אין דער צויבערפולער וועלט פונעם ייִדישן קינד, ווו ער האָט זיך געשפּירט אַן אייגענער און נאָענטער. באַרדיטשעווער איז נישט קיין שרייבער פאַר קינדער אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט, ווי ס׳זענען עס די מערער קינדער־שריפטשטעלער אונדזערע. עס האָט נישט עקזיסטירט ביי אים די מער־ווייניקער אָנזעבאַרע מחיצה צווישן קינדער־שרייבער און זיינע קליינינקע לייענער. ניין! אַ גרויס קינד, באַנאָמענט באַרדיטשעווער, זינגט עס פאַר קליינוואַרג אַזעלכע חנעוודיקע לידעלעך און דערציילט מעשׂהלעך שיינינקע...

איז עס געווען די נאַטירלעכע באַגעגעניש פון דיכטער מיט די איינ־

ווינער פון קינדערלאַנד, צו וועלכע ער האָט געהערט לויט זיין גאַנצן אינערלעכן וועזן.

...אין יאָר 1938, האָט ער אין יאַס דער שטאָט, אויף אַן אָרעמען שפּיטאָל־בעטל אויסגעהויכט זיין שווערגעפּרוווּט לעבן. מיט זיין פּריצייטיקן טויט איז אַוועק אַ וווּנדערלעכער פאָלקס־זינגער, איינער פון די איידלסטע ליכ־טיקסטע געשטאַלטן פון אונדזער בעסאַראַבער שרייבערישער משפּחה.

זיינע פאָריתומטע שריפטן זענען פאַרטיליקט געוואָרן, פּונקט ווי זיינע בעסאַראַבער ייִדן, פון היטלערס און סטאַלינס רוצחישע הענט.

נאָר זיינע געציילטע פאַרעפנטלעכטע לידער האָבן געפונען אַ תיקון אין לאַנד פון זיינע חלומות — ישׂראל, וווּ עס זינגען זיי זיינע בעסאַראַבער ברידער — און שוועסטער.

אַ וואָלעכל אין ניו־יאָרק

(שורות וועגן אליעזר גרינבערג)

משה נאַדיר — דער גענאַלער יידיש־מייסטער — האָט אַ מאָל אין אַ נאָסטאַלגישער שעה געשריבן: „אַז זיין גאַליציש שטעטעלע נאַראַיעוו, איז אים נאָכגעלאָפן, ווי אַ קליין הינטל, אַזש ביז קיין ניו־יאָרק".

אליעזר גרינבערג — דער לעצטער בעסאַראַבער יידישער פּאָעט אין קאָלומבוסעס מדינה — האָט אויך אין די צוואַנציקער יאָרן, ווי גייסטיקע צידה לדרך, מיטגענומען אין זיין ווייטן וואָגלוועג, איבער ימען און לענדער, זיין מאַמעס עלעגישע טרער און דעם טאַטנס וואָלעכיש־יידישן ניגון, דאָס שטילע, טרילעדיקע געזאַנג און דעם אידיאָמאַטישן ליריש־באַזוימטן שׂיחת־חולין פון דורות ליפּקאַנער פּראָסטע יידן, יגיע־כּפּימניקעס.

מיט אַ באַטריבט געמיט, אַ צעגלוטיקטער פון היימווייי, איז ער, דער ליפּקאַנער פאַרחלומטער בחור, מיט דעם בעסאַראַבער גאָט אין די אויגן, און נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, געשטאַנען אין דעם הוהאַדיקן כּרך ניו־יאָרק ווו:

„שטייגען הויך מויערן פון ציגל און שטיינער,
פאַררייסן ווי פעלדזן צום הימל דעם קאָפּ.
גלייך ווי זיי וואָלטן די זון וועלן גרייכן,
קוקן אויף דר'ערד זיי מיט חוצפה אַראָפּ.
...איילן זיך מענטשן שנעל מחנותווייז, מחנות,
באַגינען פון פראַצע, פאַרהאַוועט, פאַרטראַכט.
שלינגען זיי מויערן איין הויכע ווי תּפיסות,
און שפּייען צוריק זיי אויס שפּעט ערשט פאַרנאַכט".

איז יאָ, אין אָט דעם בראַזגישן האַרמידער, האָט מיט אַ מאָל זיך צע־טרייליערט אַ פּאַסטוכיש טרויעריק פלויערל. דאָס האָט אליעזר גרינבערג בלחש אויסגעתּפילהוועט זיין בענקשאַפטליד, „ליפּקאַן מיין היים".

„באַשערט געווען אין יוגנט זיך אָפּזאָגן
פון היים, פון פריינד, פון טרוימען זעכצניעריקע,
זיך אָפּגעבן דעם וואַנדער — זאָל ער טראָגן.
האָט פאַרטראָגן מיך אַהער קיין אַמעריקע.
פאַרגיב, היים, וואָס כ'האָב דיך נישט באַזוכגען,
דו, אָרט ווו ס'איז מיין וויגל ווען געשטאַנען;
דיין ערד האָט שוין מיין טאַטן פאַרשלונגען,
און האַלטסט ביי זיך אַלס משכּון נאָך מיין מאַמען.
...אָפּט גייט אויף אין מיר אַ בענקשאַפט מיט ווונדן
ווי נאָך אַ ליב פאַרלוירענער באַקאַנטשאַפט.
צעשיידטע אָבער וועלן מיר שוין בלייבן —
נישט איך וויל און נישט איך קען מיין גורל מיידן
און ווען איך וועל דאָס לעצטע ליד אָנשרייבן,
אָ קום, האַרבסט, מיין קאָפּ איז גרייט פאַר שניידן"...

זאָל עס פאַרשריבן ווערן אין פּנקס פון אונדזער געשיכטלעכן זיכּרון: אליעזר גרינבערג האָט פאַרלאָזט נישט אַ גלאָט אַזויזיכדיק בעסאַראַבער שטעטל ליפּקאַן, ווו אַפילו די ציגן מעקען אויף די שטרויענע דעכער אין יידיש און די טייבעלעך וואָרקען אונטער די סטריכעס — מודה אני.

ניין! ליפּקאַן איז שוין דעמאָלט געווען דער גאָטס גענאָדיקער נס אין אונדזער צוויי שפּראַכיקער ליטעראַטור.

עס האָט שוין יוסטעדיק געשפּאַנט מיט ווייט־וועגיקע, ברייט־וועגיקע און טיף־וועגיקע טריט אין דער העברעישער ליטעראַטור דער דערציילער, בחסד עליון — יהודה שטיינבאַרג. אין צייט ווען זיין שוועסטערקינד, דער חכם עתּיק אליעזר שטיינבאַרג, האָט שוין בנסתּרים אויסגעמייסטרעוועט זיינע וווּנדערלעכע משלים וועלכע האָבן אים גאָר גיך אַוועקגעזעצט אין סאַמע מזרח פון אונדזערע ראשונים.

דער טיף־אינספּירירטער דיכטער יעקב שטערנבערג האָט מיט זיין וויזיאָנערישער פּאָעמע „חצות" געעפנט אַ ניי בלעטל אין דער יִדישער פּאָעזיע. משה אַלטמאַן, דער עפּיקער, האָט מיט זיינע ליריש־אימפּרעסיאָניסטישע נאָוועלן, אָנגעזאָגט אַ בראשיתדיקן אייגנאַרטיקן דערציילער. שלום־עליכמס קינפּטיקער איידעם, מיכאל קויפּמאַן, האָט באַצויבערט די חובבי־שירה מיט זיינע פּאָעטישע אימפּראָוויזאַציעס. און איבער ליפּקאַנער גאַסן און געסלעך, האָט זיך צעניגונט דער שטייגערישער סאָלאָוויי, דער שפּעטער־דיקער באַרימטער יִדישער זינגער און חזן — משה אוישער.

עס איז שוין געווען דאָס אידילישע שטעטל ביים פּרוט, אויף וועלכן דער מלאך פון פּיוט און שירה האָט אויסגעשפּרייט זיינע גענאָדיקע הענט, און וועלכער אַפילו אַזאַ נישט שבחים־שאָסטער ווי ח. נ. ביאַליק, האָט מיט באַוווּנדערונג געקריינדלט — דער ליפּקאַנער אָלימפּ.

און דעריבער שפּעטער, אין טיפן אָסיען פון זיין לעבן, אין זיין לעצט חשבון־הנפשדיק בוך „געדענקשאַפט" — ווער אליעזר גרינבערג אַזוי הויכ־באַרגיק באַזינגען יעקב שטערנבערגס פּאָעטישן אַרויספּאַר — זיין דביוט — אין אַברהם רייזענס זשורנאַל „דאָס נייע לאַנד":

„ווי אַן אַלטן, ליבן ניגון וואָס מ'פאַרגעסט אויף אַ צייט
נאָר קומט אַלע מאָל צוריק — פריש, באַנייט,
ווי ער וואָלט קיין מאָל פאַרגעסן געוואָרן,
אַזוי פאַרפאָלגט מיך דער ניגון פון אַ ליד
וואָס כ'האָב געלייענט אין מיינע קינדער־יאָרן
און גייט מיר נישט אַרויס פון זיכּרון.
און יעדער וואָרט האָט ווי אַ מופת
מיר אָנפאַרטרויט אַ פקדון,
מיך פאַרבלענדט באַפליגלט
און צעוויכערט מיין יונג און פייערלעך געמיט;
אין יענער רגע איז אויף אייביק געוואָרן פאַרזיגלט
מיין אייגענער גורל מיטן יִדישן ליד".

אין זיין טיף עמאָציאָנעל ליד „דער טאָג פון מיין אַוועקפאָרן", אַ ליד, אַ לאַשטשענדיקס ווי אויסגעטרערט אויף פּאַפּיר, יאָמערט דער דיכטער:

„מיט אַ דיקער פּאָן פון רויך פּאָרויס
און מיט צוויי פייערדיקע אויגן
איז אָנגעפלויגן ווי אַ שד אַ לאָקאָמאָטיוו
און אויף אַ ווייל געבליבן שטיין,
נאָך היינט געדענק איך די
פאַרשטייפטע פּנימער, די טרערנפולע אויגן
מיין מאַמעס פאַרקייכן זיך, און ווי
מיין טאַטע מאַטערט זיך דערשטיקן זיין געוויין.
...נאָר תּמיד שטייען מיר מיין טאַטע־מאַמע פאַר די אויגן
ווי פאַרן געזעגענען זיך אויף אייביק מיט זיי ביידע,
און תּמיד טראַכט איך: אַזוי האָבן
מסתּם אברהם און שׂרה אויסגעזען
דעם טאָג ווען זיי האָבן יצחקן געפירט צו דער עקידה".

אָבער אויף דער שאַפּ און פעדלער עקידה פון אַמעריקע, האָט אונדזער מיט לייב און לעבן געבונדענער דיכטער, מיטגעבראַכט נישט נאָר דעם טאַטנס „כּרחם אָב על בנים" קרעכץ, און דער מאַמעס תּחינהדיקן כליפּ, נאָר אויך דעם פּראָסטאַצקע הילוך פון די בעסאַראַבער ייִדן, ייִשובניקעס וואָס האָרעווען מיט שוויס און פּליס, פון די זאָרעס, ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט, און מען בענטשט פרום דעם פּת מאַמעליגע מיט ברינדזע...

איז בעסאַראַבער פּאָרכטיקער גאַנג אין פּאָסטעלעס, מיט אַ צוגאָב פון הייליקן ציטער צו די טרויעריקע ייִדישע אותיות, געפּפלט אויף דורותדיקער ערדיש־פּראָסטער חכמה און פּיעטעטפולע אחריות פאַרן נעכטן, ליבע צום ויהי ערב, ויהי בוקר וווּנדער, און ביטחון אויפן מאָרגן — אָט די אַלע שיינע מידות וועלכע האָבן באַצירט דאָס לעבן פון דעם אַזוי טראַגיש אָפּגע־קאָסעטן בעסאַראַבער ייִדישן שבט — האָט אליעזר גרינבערג מיטגעבראַכט אין זיין נייער און לעצטער הײם — אַמעריקע.

ביז שאַפּ לשאַפּ, ווען הונגעריק, ווען שלעפעריק, האָט גרינבערג —

דאָס געראָטענע מיזיניקל פונעם ליפּקאַנער אָלימפּ — אָנגעקעלטערט אין זיינע גייסטיקע שייערן, גאַנצע זיבן ביכער געזאַנגען און לידער, דריי בענדער עסייען, — און ווי אַ געשמאַקע ראָזשינקע — אַ פּרעכטיקע אַנטאָלאָגיע פון יידישן שאַפן, אָפּגעקליבן און איבערזעצט אויף ענגליש.

גרינבערגס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, דערמאָנט טאָקע, אויף אַן אמתן, אין אַ פּאַסטוכיש וואָלעכל, וואָס ווערט אַזוי לאַשטשענ־דיק־ווייך, אויסגעשפּילט ערגעץ אויף אַ גרינער טאָלעקע, צופּיסנס אַ קוואַל — צווישן טאָג און נאַכט.

יאָ, אַ מערקווירדיקע זאַך: בשעת אַזוי פיל און אַזוי פיל גרעסערע און קלענערע פון אים שרייבער יידישע פון יענער זייט ים, האָבן געדינט די אַלע פאַרשיידענע פּאָליטישע עבודה־זרות (בתוכם אויך דעם פאַרשאָלטענעם קאָמוניזם), מיטגעמאַכט די אַלע ליטעראַטיקע געפעכטן, צווישן די „אַלטע" און די „יינגע", צווישן די „פּראָלעטפּעניקעס" און „אינזיכיסטן", איז זיך אליעזר גרינבערג, טאָקע עפּעס נאָר ווי אַ דאָרפישער ייד פון אַ הינטער־אויוונדיקן יישוב, געגאַנגען פרום אויף זיין שטילער בייוועגיקער סטעזשקע, וועלכע האָט אים סוף כל סוף דערפירט צום דרך המלך פון דער יידישער פּאָעזיע.

ער, דער „פּאָטאָמסטווענער פּראָלעטאַריער", האָט נישט געוווּטעט האָכ־סאָציאַליסטיש און נישט געשטורעמט דעם קאַפּיטאַליסטישן מולך, מיט רעשיק־פּאַטעטישע פּאָעטישע פּראָקלאַמאַציעס, נאָר אַ מידער, אין שעהן פון זעלישער ליקוי חמה — עלעהיי זיין מאַמע, פאַר די פרייטיקדיקע בענטש־ליכט, זיך גוט אויסגעוויינט, פאַר זיין מישטיינס געזאָגט, איינציק האָב און גוטס, פאַר זיין יידישער שרייב־מאַשין:

„אָ, שרייב־מאַשין, דו יידישע, דו איינציקער גר אַרומגערינגלט
מיט אַזוי פיל שוועסטער, אויף אַ ווייט און פרעמד דיר לשון,
מיר זיינען ביידע עלנט דאָ און איבעריק־זאַנגען
אויף אַ האַרבסטיק פעלד, שוין לאַנג צעהאָגלט און צעדראָשן.
...גוט איז אונדז פאַרנאַכט בלויז אין די אומעטיקע שעהען,
ווען סע פאַלט דער אָוונט צו די שויבן צו אַ מידער.
ווען אין איינגעוויגטער שטילקייט זוכן מיר אַ טרייסט

פאַר די פאַרשעמטע אותיות איינגעפּאַסט
אין דיינע בויגעוודיקע גלידער״.

די סאָציאַלע שטורעמס, וועלכע האָבן צעוויכערט אַמעריקע, זענען נישט געווען ביכולת צו צערודערן דעם שלווהדיקן ליפּקאַנער זינגער, נאָר ווען ביידע מחבלים היטלער און סטאַלין האָבן פאַרשניטן זיין אורוווּקסיקן און אורשטאַמיקן יידישן שבט צווישן פּרוט און דניעסטער, איז גרינבערג, דער דממה־דקהדיקער געדאַנקלעכער דיכטער, דער איידעלער ריטער פון דער פּאָעטישער מוזע, געוואָרן אַ מקונן, אַ יעמערליכער, אַ קלאָגעוודיקער:

„וואָס איז פון דיר פאַרבליבן,
ליפּקאַן מיינע, מיין היים?
דיין חורבן דאָרט פאַרשריבן —
איז אין קופּעס ליים.
קיין פלאַטער פון קיין פליגל,
קיין שאָרך פון מענטשנס טראָט,
בלויז שטויב און בראָך און ציגל —
און פוסטעניש פון שטאָט,
אַן איכהדיקער כליפּע
פון האַרבסט־ווינט אין דעליר.
אַ זשאַווערדיקער סקריפּע —
פון אַ האַלב־פאַרברענטער טיר.
בלויז ווו ניט ווו אַ קוימען,
און קברים אָן אַ צאָל.
און ס׳קוקן טויבע רוימען —
אַראָפּ אויף יאָמער־טאָל.

„געדענקשאַפט״, אַזוי הייסט דאָס לעצטע בוך, וואָס אליעזר גרינבערג, האָט אין דער אַלרייטניקישער אַמעריקע, אין 74סטן יאָר, געמוזט אַרויסגעבן אויף די אייגענע קאָסטן, אין דעם טרויעריקן פאַרלאַג „לבדי״, וואָס באַטייט אויף מאַמע־לשון — „אַליינעניר״.
„געדענקשאַפט״, דאָס איז אונדזער ליפּקאַנער אַלימפּיאַנערס ליריש־

פילאָסאָפישער סך־הכּל. דער לעצטער גערעטענער שניט פון זיין פּאָעטיש האָב און גוטס. איך מייד אויס בכיוון דאָס וואָרט ווידוי, ווייל עס גראַמט זיך נישט מיט זיין בעסאַראַבער צעקנאָספּעט געמיט.

און כאָטש אין דעם דאָזיקן בוך זענען, פאַרשטייט זיך, פאַראַנען אויך קוהלת טענער (ווי קען עס דען אַנדערש זיין, ווען דער דיכטער ראַנגלט זיך נישט נאָר מיט זיינע פיזישע ווייטיקן, נאָר אויך מיט פורכטלעכן געדאַנק, אַז ער איז אויך איינער פון די לעצטע ייִדיש־זינגער), נאָר אַז איר טראַכט זיך אַריין אין דעם איבערגעלייענטן און באַזונדערס ווען איר גענענט צו דעם בליציק־אַפּאַריסטישן ציקל „פּירפּיסיקע לידער״, פילט איר באַשיימפּערלעך, אַז גרינבערג באַזינגט דעם הבל־הבלים, אַזוי ווי עס האָבן אים אויסגע־טייטשט זיינע בעסאַראַבער אור־זיידעס.

נעמלעך: זיין הבל־הבלים איז נישט קיין פאַרניינונג פון לעבן, נאָר ס׳איז דער באַדאַכטער טרויער, פון אַ בעסאַראַבער פויער, ווען נאָך אַ זעטיקער, שפּעדיקער גערעטעניש, באַטראַכט ער זיינע אָסיענדיקע אָפּגע־טשימכעטע פעלדער, ווי ערשט האָבן געבליט אַזעלכע שטאָלצע, מיט ברכה פון דער ערד אָנגעקוואָלענע זאַנגען. דערביי קרעכצט ער אונטער: וואָס נאָך אַזאַ געשמאַק, קלוג לעבן, קומט אַזאַ נאַרישער טויט.

און דעריבער, אין שפּעטן פאַר נאַכט פון זיין לעבן, שפּאַנט ער מיט מידע טריט, און מיט אַ פרום געמיט, אויף די נאַקעטע לאַנקעס פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, און פּליסטערט נאָך אַלץ דאָס ליפּקאַנער וואָלעכל, מיט וועלכן עס האָט אים פאַרוויגט זיין מאַמע און וואָס וועט אים באַגלייטן אַפּנים אויך אין זיין לעצטן וועג:

„איך נאַר זיך ניט. איך ווייס אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַנען\
שיינע טייכן און שיינע סעדער. נאָר אין מיין בלוט\
פולסירט נאָך אַלץ די שיינקייט פון דעם פרוט אין פליסן,\
און איך געדענק נאָך קלאָר ווי היינט דעם ריח פון די רויזן\
וואָס איך האָב אַ מאָל אין מיינע קינדער־יאָרן\
אין אַ שכנס גאָרטן אָפּגעריסן.\
דער פלוס פון פרוט און דער אַראָמאַט פון יענע רויזן\
לעבט עד היום נאָך פריש אין מיין זכּרון !...

די פּירזאָגערין פון שידורי ישׂראל

...און אַזוי איז זי אויף אַלע תּמידן פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש: אַ ספּריטנע ייִדענע, ווינטער אַ פאַרשלייערטע אין אַ צעטרעפּקעטן שאַל, זומער אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט טיכל. שטעטלדיקע קאַטאָוועס־טרייבער, פלעגן איבער איר טרייבן ליצנות; אונדזער שייוועלע האָנדלט מיט אינדיק־זאָמען און מיט צרות קנײדלעך.

אַט אַזאַ איז געווען איר סומנע אויסזעעניש און אויסקומעניש אין די וואָכעדיקע טעג.

קודם כּל איז אויגנבליקלעך פאַרשוווּנדן דער פּיסנע נאָמען אירער — שייוועלע די צרות קנײדלעך ייִדענע און ס׳איז אַרויס אויף גאָטס וועלט אַ ייִחוסדיקער נאָמען און ביי־נאָמען — שבעלע חיים שלומס — די פּיר־זאָגערין.

ווייל יאָ, פון די אַלע אַרומיקע דערפער, פלעגן קומען דאָרפישע אָנגעקוואָלענע ייִדענעס זען און הערן ווי שבעלע די פּירזאָגערין טייטשט עס אויס און זינגט עס אויס די אַלע געהויבענע תּפילות אין מאַמע לשון.

באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט איר ונתנה תּוקף. צו ערשט מיט אַ בייטעניש און פעסטעניש פאַר דעם וואָס לעבט אייביק: — נעם טאַטע פאָטער אַזאַ פּיצל שטעטעלע ווי אונדזערס, האָט עס שוין איבערגעלעבט צוויי פּאָגראָמען און אַ מילחמה. כ׳לעבן, האַר פון אַלע וועלטן, אפשר וואָלט שוין געווען גענוג?!

און דערנאָך, דערנאָך האָבן קליין און גרויס געגאָפּט און געשטויגט:

— הער נאָר הער, אַזאַ דריוונע ייִדענע, אַ ייִדענע גאָלע טיכל, אַזש מ׳זעט שוין באַלד קיין פּנים נישט אַרויס און לייגט עס אַוועק, פאַר אים אַליין, פאַרן אויבערשטן, אַזאַ זאָגעניש און וויינעניש.

— כ׳לעבן, נישט נאָר ער, דער אל רחום וחנון, נאָר ווען עס זיצט דאָרט

אויבן, להבדיל, אַן אכזר, וואָלט אים שבעלעס תּחינה אויך צעבראָכן און ער וואָלט אויסגעחתמעט אַ כּתיבה וחתימה טובה פאַר אונדז און פאַר כּל ישׂראל.

עס איז עפּעס טאָקע נאָר ווי אויסגעקומען: כּאָטש נעם און זיי מטריח שבעלען אויפן מענערישן באַלעמער, דאָס זי זאָל מיט איר ייִדיש־טייטשמע־רישער דאַוונעניש אויספּועלן ביי דעם האַרטנעקיגן גאָט ברוך הוא אַ גוט יאָר.

און אפשר טאָקע אין זכות פון אירע ימים־נוראימדיקע תּפילות האָט אונדזער שבעלע שׂימחת־תּורה זוכה געווען צו אַזאַ הקפה וואָס קיינער פון דער ווייבערישער אומה, פון מיין בעסאַראַבער קאַנט, האָט זי אַפילו אין חלום נישט געזען.

...איך זע נאָך איצטער דאָס קליינע ספר תּורהלע, אין סאַמעטן פּרוכתל מיט די זילבערנע גלעקעלעך, מיט וועלכן זי טאַנצט אַרום אין שיל, און אַלט און יונג זינגען און פּליעסקען איר צו.

און דער ניגון אירער איז אַ געווירציקער ווי דער ריח פון די מאָלדאַ־ווישע קאָדרעס און אוראַלטע וועלדער. און דער טאַנץ אירער איז אַ האָפּ־קענדיקער, אַ פאַרשייטער, עלעהיי אַ וואָלעכטע וואָלט עס פאַרבלאָנדזשעט אין מקום־קדוש אונדזערן.

און אַז עפּעס אַ ייִדענע, אַ פרומאַטשקע האָט תּרעומות אויף איר, פאַר וואָס זי פאַרגוייִשט עס דעם ייִדישן יום־טוב? קומט זי אָפּ, שבעלע, מיט אַ לאַכנדיק זאָגעלע:

— פאַרגעסט, אַפּנים, אַז דעם ריבונו של עולם, איז אויך סמוטנע פון אונדזער לעכצן און קרעכצן. איז לאָמיר כאָטש איין מאָל אין יאָר אים אַ טשוטשעלע פריילעך מאַכן.

*

אָט די ליבע דערמאָנעניש איז מיר געקומען אויפן זינען, ווען אַנומעלטן האָט אַ נייער עולה פון מיין אַלטער היים, וועלכע זאָגט זיך מיר אָן אַ קרובה, בעניבײַ מיך אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר אַ בעיטעכניו, ווו איז אַהין געקומען שבעלע די פּירזאָגערין פונעם ישׂראלדיקן ראַדיאָ?

???

— כ׳מיין די בעלאַ מיעדאָוויק.

און מיט אַ מאָל האָט מיר פון דער שטייגערישער פּראַגע, פאַרשמעקט מיטן ריח פון יענעם פאַרגעדענקלעכן פאַרנאַכט פון קריק מיט צוואַנציק יאָר.

איך האָב מיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דער סטאַלינישער קאַטאָרגע, און מיין באַשערטע האָט לכבוד דעם גאַסט פון יענער וועלט פאַרפּוצט די אָרעמקייט אירע מיט אַ ראַדיאָ אַפּאַראַט אַ „וועף־אַקאָרד" — אַזוי האָט ער געהייסן — אַ חרופתל פון וועלכן מ׳קען הערן אויך יענעם ליבן דאָרטן...

און דער ווייטער דאָרטן ציט, מאַניעט, לאָקט... נאָר, למאַי שפּילן דעם העלד — דעם העלד — כ׳האָב בפירוש מורא פאַר אים. אַלץ אין נוסח פון דעם באַקאַנטן ווערטל: אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם טאָר מען קיין שטריק נישט ווייזן.

און מיט אַ מאָל גיט מיך אַ ברי אין די פינגער און... איך „פאָר אַריין" קיין ארץ־ישׂראל און ווער דערציטערט — מיין שטוב, מיין אויסגעצערטע היים ווערט פול מיט שבע חיים־שלומס יום־כּיפּורדיקן געיאָמער.

בעלאַ מיעדאָווניק נעמט אונטערפירעכץ ביי שלום אַש ז״ל — און איר צו לענגערע יאָר — ביי דער אַרטיסטין שיינע מרים.

עס זיינען פּופצן מינוט געהייליקטע; משה בראָדערזאָן, זיכרונו לברכה.

בעלאַ לייענט נישט — זי דאַוונט, תּחינהוועט. צו מאָל איז איר וואָרט אַ דמהה־דקהדיקס, אַ סאַמעטן־ווייכס. און צו מאָל צאָרנט זי און קלאַפּט אין די קופּערנע הימלען מיט איר צער און צאָרן שטים. אין אָט די פאַרכטיקע מינוטן האָט זי נישט נאָר באַקלאָגט משה בראָדערזאָן, נאָר זי איז געווען דער שליח־ציבור פון די אַלע פאַרטיליקטע יידישע שרייבער פון דעם גהינום־לאַנד.

עס זיינען הרת־עולמדיקע מינוטן. און שפּעטער, ווען איך שפּאַן אַ פאַרשלומערטער איבער מיין גאַס, אויף אַזוי פיל, דאָס איך פיל אַפילו נישט ווי עס קומט מיר אונטער און לייגט מיר זיין האַנט אויף דער פּלייצע אַ שכן מיינער, אויך אַ „געזעסענער" — אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם. — וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אונדזער בעלאַן, האַ, נו אַ קול ביי איר! — זיי האָבן זיך דאָרטן געשטעלט שוין איין מאָל אַ דאַוונערין פאַרן עמוד — זי טרעפט אין סאַמע פּינטל אַריין.

דערוויל, באַנוצן זיך אחינו בני ישׂראל מיט מישטיינס געזאָגטע „קאָנ־ספּיראַטיוווע" באַצייכענונגען „זיי" און „דאָרטן", ווייל אין די בלינדע סטאַלין

נעכט, האָט זיך די שרעק ממש איינגעגעסן אין די ביינער און דאָס וואָרט ישׂראל קען „אָפּבריִען" די צונג און חלילה פאַרשׂרפענען דאָס רעשטל קוים אַרויסגעראַטעוועטע יאָרן.

אָבער דערנאָך וועט שוין גיין אַ גאַנג. מ'וועט זיך שוין פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויסטשוכען פון די מאָוימדיקע קאַשמאַרן און די מדינת ישׂראל און בעלאַ מיעדאָווניק וועלן ווערן אַ זיווג.

זי וועט אפשר נישט גלויבן, די מאַמעדיקע ראַדיאָ ספּיקערין, מיט וויפל צערטלענדיקע און לאַשטשענדיקע נעמען, מ'האָט זי דעמאָלט געקריינט, יִידן און יִידענעס פון דעם גרויסן און פּחדימדיקן סאָוועטן־לאַנד, באמונה שלי, אום אויסצולייגן דאָ דעם גאַנצן רייסטער עפּיטעטן, וואָלט איך געדאַרפט נישט קיין פּאַפּיר, נאָר אַ פּאַרמעט.

עס געדענקט זיך; דער לעצטער טאָג פון דער זעקסטאָגיקער מילחמה האָט מיך פאַרכאַפּט אונטערוועגנס, אין אַ בעסאַראַבער שטעטל, אַ מאָל, אַ מאָל, האָבן דאָ אַפילו די ציגן אויף די שטרויענע דעכער געמעקעט אויף יִידיש. אָבער דעמאָלט, אין יענעם פּאָר נאַכט האָב איך אַ געשוואָלענע שעה געבלאָנקעט איבער די פאַרגויִשטע געסלעך ביזקל איך האָב אָנגעטראָפן אין אַ יִידישער שטוב.

איך געדענק אַפילו די קבלת פּנים „ברכה" וואָס אַ יִידענע — אַ טיפע זקנה — האָט אַריינגעשריִען צו איר טאָכטער אין שכנותדיקן חדרל, ווען כ'האָב געעפנט די טיר — לייקעלע, פאַרמאַך דאָס קעסטל, זאָלסט זען, פּונקט אין מיטן דרינען האָט עס אָנגעטראָגן דעם עשׂיו... דאָס בין איך געווען, עס האָט מיר פאַרראַטן מיין סלאַווישער אויסזען.

אָבער אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער עשׂיו איז גאָר אַ יעקב און דערצו נאָך אַ יִידישער שרייבער, נו־נו, האָט מען געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַן אַכפּערדיקער מינע, מ'האָט עס אויפגעעפנט דעם „אָרון קודש", געמיינט דעם ראַדיאָ... כדי דער גאַסט זאָל אויך הערן ווי די „בעלאַ פון ירושלים" זאָגט עס אַוועק איר תּפילה און איר געבעט.

דאָס האָט זי מיט איר פולברוסטיקער שטימע, מיט אַן אַ שיעור טענער און בייטענער אויסגעכליפּעט דעם צער איבער אונדזערע געפאַלענע זין און די פרייד פון אונדזער נצחון.

מענער, ווייבער און קינדער זענען געזעסן אַרום אַ טיש, אַ פאַרשפּרייטן

מיט אַ געקווייטלטן טישטעך און זיך אונטערגעלייגט די הערצער נישט אַזוי מיט געשמאַקע מאכלים, ווי מיט די נשמה־יתירהדיקע רייד.

און מיר איז געווען זייער ליב צו הערן, ווי מיינע טייערע בעסאַראַבער ייִדן און ייִדענעס, ברעכן זיך די קעפּ: פון וואַנען, אַ שטייגער, שטאַמט זי עס אַט די פרומע „קול צאן לגולה", גוטע בשורות אָנזאָגערין בעלאַ מיע־דאָוניק.

*

שוין אַ לענגערע צייט ווי בעלאַ מיעדאָוניק איז אַוועק אויף איר פאַרדינטער פענסיע־רו. איז כדאי צו וויסן, אַז צווישן די פירזאָגערינס פון אַלע צייטן ביי ייִדן, זיצט זי ביי אונדז אין סאַמע מיזרח.

אַ בריוו פון בלה מיודובניק

טייערע פריינד יעקב און מאַניע יאַקיר!

מיין טאַטע ז"ל פלעגט זיך חתמענען אונטער זיינע ליטעראַרישע שריפטן, צי אין פּראָזע צי אין ליד, „טוביה הקטן". דעמאָלט איז מיר געווען שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס „הקטן", און אַלס קינד האָט עס מיר צו מאָל גע־שטערט, ווייל אַ טאַטע איז מטבעו קיין מאָל נישט „הקטן". אַ טאַטע איז גרויס, אַ טאַטע איז שטאַרק, און וואָס איז נישט אַ טאַטע?

לייענענדיק, לייענענדיק? וויינענדיק אייער האַרציקן בריוו, און דער־נאָך אייער מאמר, האָב איך טיפער ווי אַלע יאָרן פאַרשטאַנען מיין טאַטנס „טוביה הקטן", ווייל כ'האָב מיך דערפילט אַזוי קליין אַנטקעגן דער גע־שטאַלט פון אייער בעלאַ מיודובניק, קטנתי קטנתי אַנטקעגן דעם זכות וואָס איז מיר בייגעשטאַנען איבערצוגעבן דורכן עטער דאָס וואָס איך האָב געפילט ביים רעדן צו ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך ווייס אויך, אַז אויב מיינע צוהערער, די טייערע ייִדן און ייִדענעס וואָס איר באַשרייבט, האָבן דערפילט דעם ציטער, מיט וועלכן איך בין געווען דורכגענומען ביים לייענען צו זיי, איז עס ניט נאָר אין מיין זכות, נאָר אין זכות פון מיינע דורות, פון מיין שטאַם, ווייל אידבינזנאָר אַ רינגעלע אין זייער קייט, און זיי האָבן דורך מיין מויל אַריינגעאָטעמט אין מיין לייענען דעם אייביק ייִדישן „לא אָמות, כּי אֶחיה".

אייער אַזוי וואַרעמער, ייִדיש האַרציקער בריוו, האָט מיך אַזוי „צענומען" אַז עס ברענגט מיך צו דערציילן וועגן אַן איבערלעבונג, אין וועלכער איך וואָלט אפשר קיין מאָל זיך נישט מודה געווען, נאָר איר האָט דערמאָנט דאָס וואָרט, דאַוונען.

דאָס איז אין שייכות מיטן לייענען אייער אומפאַרגעסלעכער טאָכטערס „די ווייסע ציג מיט די זילבערנע גלעקעלעך". עס איז מיר שווער איבער־

צוגעבן מיט וואָס פֿאַר אַ דחילו ורחימו איך בין צוגעגאַנגען דאָס מאָל צום לייענען. ווייל דאָס מאָל זיינען מיינע צוהערער געווען די טאַטע־מאַמע, און נאָר פֿאַר זיי האָב איך געלייענט.

אין יענעם טאָג, ווען מיין מאַן האָט מיך געפֿרעגט פֿאַר וואָס איך בין גאָרנישט טועם און פֿאַר וואָס איך בין אַריינגעטאָן אין אַזאַ שווייגעניש, האָב איך זיך פֿאַר אים מתוודה געווען, אַז איך פֿיל ווי יענער פֿרומער סופֿר, וואָס טוט זיך אויס פֿון יעדער גשמיות, איידער ער טרעט צו צו שרייבן אַן אות אין דער ספֿר־תּורה.

און אָט די דערהויבענע איבערלעבונג, וואָס איך האָב געהאַט ביים לייענען דעמאָלט, היט איך מיר ווי אַ טייערן אוצר, וואָס וואַרעמט מיך אין מיין טאָג־טעגלעכקייט וואָס איז, ווי דער שטייגער, ניט אַלע מאָל בלוי...

דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט אייך זאָגן, פֿאַר אייער אַזוי שרייבן וועגן מיר, פֿאַר אייער פֿאַרגלייכן מיך מיט דער וווּנדערבאַר זעלטענער אַזוי פּאָעטיש באַשריבענער שיוועלע די פּירזאָגערין, אייער געדענקען מיר דעם חסד־נעורים, דאָס בין איך נישט אומשטאַנד אויסצודריקן אין ווערטער, איז דערלויבט מיר, דאָס אַלץ וואָס איך פֿיל, אַריינגעבן אין מיין טיפֿסטן דאַנק, אין מיין בעטן אייך ביידע: זייט געזונט, זייט געשטאַרקט!

18.2.77

אייער בלה מיודובניק

שלום ראָזנפעלדס שמייכל
(אָרום זיין בוך „אצלנו״)

טראַכט איך וועגן שלום ראָזענפעלדס בוך „אצלנו״, וועגן זיין שלאָג־פּאַרטיקן, אַפאָריסטישן נוסח, קומט מיר אויפן זינען די שיינע לעגענדע, וועגן יענעם מושלמדיקן סופר, דעם מייסטער, וואָס האָט אויף אַ קערנדל ווייץ אָנגעשריבן אַ גאַנץ קאַפּיטל תהילים.

קורץ און שפּילעוודיק, קליפּ און קלאָר, ליכטיק און געוויכטיק, באַשמייכלט ער מענטש, הימל און וועלט.

ערגעצווו זענען די עכטע הומאָריסטן און אַפאָריסטיקער נביאים, ווייל אַן אמתער נביא איז נישט דער וואָס רק ער שטראָפט און צאָרנט, ליאַרעמט און ווטעט, קלאַפּט זיך על חטא מיט אַ קרעפּקער האַנט אין אַ פרעמד, שלאַבעריק האַרץ, נאָר דער וואָס פאַרמאָגט אַ האַרץ פול מיט גענאָד, רחמים, חכמה און ליבע צו דער וועלט.

פאַר די צוואַנציק יאָר וואָס ראָזענפעלד טוט מיט לוסט און דביקות זיין זשורנאַליסטישע עבודה, ווייסט ער שוין זייער גוט, אַז די אייביקע אַלטע פאַר־וואָס־און־פאַרוועניקע קשיה, וועלכע מיר פרעגן גאָט און די וועלט, וועט קיין מאָל, קיין מאָל נישט פעאַרענטווערט ווערן. אַלץ איינס, דריי די וועלט אַהערצוצו, אַהינצוצו, אַרויפצוצו, אַראָפּצוצו, איז די אונטערשטע שורה — פע! פאַרפאַלן. דער כּביכול האָט זיין וועלטל און דעם מענטש — זיין געטלעך אָפּבילד — באַשאַפן בחיפּזון, און דערפאַר טויגן מיר אַלע אויף טיסיאַטשי נײנציק כּפרות.

טראַכט מען זיך אַ ווײלינקע אַריין אין דעם וועלט־סדר און אין אירע קאַפּויערדיקע מנהגים, איז דאָ ווי אָנגעמאָסטן דעם רבינו תמ׳ס טרויעריקער זאָג: — לייען דאָס וואָרט מינהג פאַרקערט האָסטו — גיהנום.

קומט ער, הייסט עס, שלום ראָזענפעלד וואָך ביי וואָך, מיט זיין מזרח־

ווינקל אין „מעריב״ — „אצלנו״ — נישט אויסבעסערן און, פאַרשטייט זיך, נישט חס־וחלילה אויסמעסערן די וועלט, נייערט — זי באַשמייכלען.

איז לייען איך זיינע דערקוויקנדיקע שורות, און עס פינקלט מיר אַרויס פון צווישן זיי ווען אַ נחתדיקע, ווען אַן עלעגישע טרער, וועלכע איז, דוכט מיר, אויסן לאמור, אַזוי צו זאָגן: — לאַך פונעם גאַנצן האַרצן און דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס ס׳איז נאָך דערווייל דאָ פון וואָס צו לאַכן און פון וועמען צו לאַכן.

אָבער עס לאַכט זיך און שמייכלט זיך שווער אין אונדזער יאַרהונדערט. טרויעריק, ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז נאָך היטלערן און סטאַלינען בושעוועט בכלל אין דער וועלט אַ הומאָריסטישע ...פּסעכע. פאַרשטאָפּט געוואָרן אַלע לאַך־ און געלעכטער־שפּונטן. און אַז מען פּרוווט שוין יאָ, מישטיינס געזאָגט, הומאָריסטעווען, איז אָדער מען זאָגט קלוגע... נאַרישקייטן, אָדער מען קוויקט זיך מיט נאַרישע... חכמות.

ווייסט ער זייער גוט ראָזענפעלד, אַז זאָגן אין אונדזער ניכטערער אי־בערסברותדיקער צייט אַ גלייכוווערטל, איז גאָר אַ קליינע חכמה. נאָר אַז דאָס ווערטל זאָל טאָקע זיין גלייך און תמציתדיק און נחתדיק און טרייסטפול, זעט איר, דאָס איז שוין טאָקע יאָ אַ גרויסע חכמה. ווער ווייסט, אפשר טאָקע די חכמה פון די חכמות.

סטראַיעט ער דעריבער אויף. וואָך ביי וואָך, מיט אַ געשיקטער קלוגער פען, הומאָריסטישע בריקלעך איבער אָט דעם תהומיקן, הוהאַדיקן טאָג־טעגלעכן ווירוואַר, זיינע אַרכימעדישע אָנשפּאַר־פּינטעלעך. און דער לייענער שפּאַנט אויף זיי און ס׳איז אים גוט, ווייל ער האָט דאָס געפיל, אַז דעם חכם בן־סוראָס אַן אייניקל שמועסט זיך דורך מיט אים, קורץ, שאַרף און... מאַמע־דיק. יאָ, טאָקע מאַמעדיק, ווייל כאָטש ראָזענפעלד ווייסט אַז די דאָזיקע וועלט קאָן מען נישט גלאָט אַזוי־זיכדיק אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, נאָר מען דאַרף צו איר אַ גאָר פייערדיקן בעזים, איז מיט דעם אַלעמען שמייכלט ער גוט־מוטיק, ווי איינער זאָגט: נו, יאָ, די צייט מאַכט טאָקע גרוי די פּיאה און בייט די דעה, נאָר מיר פאָרן מיט אייך ווייטער און אפשר וועלן מיר פאָרט ערגעץ־ווו דערפאָרן.

...און מיר, דעם פאַרשפּעטיקטן גאַסט פון דעם טרויעריקסטן לאַנד אין דער וועלט, זענען באַזונדערס ליב זיינע שפּילעוודיקע, ריטמישע אַפאָריזמען,

אויסגעבריטע אונטער דער גלוטיקער זון פון זיין גרויסער זעלבסטפאַר־צערנדיקער ליבע צו ישׂראל.

איר ווערט ממש פאַרכלינעט פון דעם הומאָריסטישן נחת זיינעם, וואָס מיר האָבן זוכה געווען, געשיכטלעך צו זיין מיט לייטן... גלייך און אפשר — אויב נישט נאָך העכער.

אַ נבזהדיק מויל האָט נישט לאַנג אַ בליוכע געטאָן, אַז פון ציוניזם ביז ציניזם איז איין טראָט. איז גוט מיר גראָד, וואָס דער וואָלינער חכם עתיק טראָגט אונדז אונטער וואָך ביי וואָך, אין אַ גילדערנעם בעכער, דעם אַלטן דורותדיקן ווײַן פון ליבע צום פאָלק ישׂראל און מדינת ישׂראל, אָט אַזוי וואָך ביי וואָך, ווען אין צייטונג און ווען אין ראַדיאָ, דערקוויקט ער אונדז שלום ראָזענפעלד, עלעהיי ער וואָלט זאָגן משה נאַדירדיק:

היינט איז נעכטן, מאָרגן איז אויס, נאָט אייך אַ שמייכל און וואָרפט מיך אַרויס!...

✶

טייערער יקירי!

ערשט אַז איר זענט אַוועקגעגאַנגען, און בעת כ׳האָב אָפּגעשלאָסן די טיר, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט „רחבותדיק״ דורכלייענען אייער רעצענזיע, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן?
— קטונתי.

אַז דער גאַנצער בוך „אצלנו״ וואָלט בלויז אָנגעשריבן געוואָרן, כדי זוכה צו זיין צו אַזאַ „מי שברך״ — און דערצו פון דער פען פון אַזאַ שרייבער ווי איר, האָט זיך עס געלוינט.

טאַ, אַ האַרציקן דאַנק און אַ יישר־כוח.

16.9.74

אייער שלום רוזנפלד

יצחק קאָרן

(פונעם ציקל „בעסאַרבער ייִדן")

איך וועל אָנהייבן פונעם עפּילאָג.

איז ווייל איך האָלט נישט פון די „אחרי מות קדושים" שבחים, און ווייל דער כּביכול האָט מיר ניט צוגעזאָגט קיין אריכות ימים, כּל זמן איך בין נאָך אַ „היגער" אייל איך מיך צו זאָגן דאָס סאַמע ממעמקים־וואָרט, וועגן די מיר ליבע שרייבער און אנשי־ציבור פון מיין דור — ביים לעבן.

ווייל יענער... דער „טויזנאויגיקער", ווי עס כליפּעט עלעגיש מאַנגער, קען זייער שנעל מאַכן „אַוונט אין דער פרי".

איז אין בעסאַראַבישן עפּישן נוסח:

עפּעס אין אַן אַסיעדיקן פרימאָרגן, האָט אין יאָר 1924, אויף די מיר־מעלנע טרעפּ פון דער סאַמע פירנעמסטער גימנאַזיע אין קעשענעוו דער שטאָט, נעמלעך, „אַליעקסאַנדרו דאָניטש", אַרויגעשטיגן אַ בעסאַראַבער רענדאַרסקע פערצניעריק בחורל.

דאָס בחורל איז געווען פאַרפּוצט אין „האָניק און אין עסיק", דהיינו אויפן קאָפּ אַ טשעבאַנישע[1] קוטשמע, אַ גלינצערדיק רעקל פון אַן „אוריאַד־דיק" און סקריפּענדיקע הויזן מיט ליאַמפּאַסן. אויף די פיס אַ פּאָר שטיוול אָנגעשמירטע מיט דאָהאָט (אַ מין געדיכטע פעכקע שמירעכץ).

און עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ „וועריך" אויף דער מכּה, אונטערן אָרעם, אַ ספק טאַש — ספק טראַיסטע[2] מיט לערנביכער און „סאַמאַדיעלנע" העפטן.

אַזאַ „בייז וווּנדער" האָט נאָך אָפּנים די פריצישע רומענישע גימנאַזיע ביז דעמאָלט ניט געזען.

---

1 טשעבאַנישע — מאָלדאַוואַניזם — פּאַסטוכישע.

2 טראַיסטע — מאָלדאַוואַניזם — אַ פויערישע טאָרבע.

מחמת אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מיך — דאָס בחורל בין איך „זעלבסט" געווען — אַרומגעסטאָמפּעוועט אַ גאַנצע כאַפּטע זונדלעך פון מיניסטאָרן, פון דעפּוטאַטן און גוטבאַזיצער. מיט איינעם וואָרט, די וואַלעכיש־רוסישע סמעטענע פון יענער בעסאַראַביע. אַפילו דער לערער פון גימנאַס־טיק, געווריליצע, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און ביטער אַ קרעכץ געטאָן:

„סעראַקו אַ נאַשטרי מאָלדאָוואַני, דאַ זשידאַני"?

אויף מאַמע לשון האָט עס געהייסן אַזוי: נעבעך, אונדזערע אָרעמע מאָלדאַוואַנעס... אָבער די זשידאַנעס — זיי לעבן און לאַכן.

אָבער נאָך אַ פּאָר פרעגעכצער איז דער נאַציאָנאַלער אמת אַרויס ווי בוימל אויף וואַסער און די „שיינע" קאָמפּאַניע האָט מיך גענומען געדיכט בויקערן, פאַר וואָס איך דער „זשידאָן" שפּיל דעם מאָלדאָוואַן און פאַרשעם מיט מיין הילוך... אַזאַ „מקום קדוש".

און דאָ איז געשען מיט אַ מאָל אַ נס: עפּעס ממש ווי אַ וויכער האָט זיך אַריינגעריסן איינער אַ היציקער צווישן דער רוצחישער כנופיה, אַ יינגל — בלוט און מילך, און גענומען דערלאַנגען די עשׂוס פּעטש ווי האָלץ.

אונדזער אַ פּראָסטאַק וואָלט זאָגן: ער האָט זיי אַריינגעוואָרפן אַ שיינעם באַגראַב.

שפּעטער צו, ווען ער האָט גענומען ביי מיר אונטערפירעכץ אין קלאַס, האָט ער מיך געמוסרט:

— אַ פּנים האָסטו ווי אַ גבר, און שטייען שטייסטו ווי אַ לעמעשקע און לאָזט דיך שלאָגן. שעמסט דיך נישט? אַלע דיינע פּערליצער זיינען אַזוי לויז פאַרקנעטן ווי דו?...

און אַזוי אַרום איז געקומען צו שטאַנד מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט יצחק קאָרן.

איך דערמאָן מיך, ווי מ'זאָגט, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך, אַז איך בין געווען זער איבערראַשט פון קאָרנס געשמאַקן יידיש, ווייל לויט מיין דאָר־פישן באַנעם איז אויסגעקומען אַז יידיש דברן נאָר די פּראָסטע פון די דערפער און קליינע שטעטלעך. אין קעשענעוו — רעדט מען נאָר רישעש,[3] רומעניש און... פראַנציוויייניש.

3 רישעש — לאָקאַליזם — רוסיש.

ווי נאָר יצחק האָט דערשמעקט אַז אין מיין מאַמעליגישן קאָפּ, דרייט זיך, פון דעסטוועגן, אַ „קולטורעליש" רעדעלע, און צו דערצו קען איך נאָך אַ ביסל לשון־קודש, האָט ער תּיכּף גוזר געווען:

— מירן אַרויסגעבן אין לשון־קודש אַ וואָכנבלאַט!

ער — קאַרן — פּובליציסטיק. איך — פּראָזע. בענציניק — כראָניק, און אַזוי ווי קיין פּאָעט איז נישט געווען, האָט ער צוגעצויגן פּאַר אַ מיט־אַרבעטער... ביאַליקן, געמלעך זיין „אל הציפור".

דעם זשורנאַל האָט ער אַליין פאַרשפּרייט מחוץ דער „אַלעקסאַנדרו דאָניטש", און אין גימנאַזיע פלעגט ער אַגיטירן די ייִדישע מיטשילער מיט מוח און כּוח:

מוח — ווען עמעצער האָט כאַטש פּאַר אַ גאָווינע אים אַ בלעטער געטאָן. און כּוח — ווען די ייִדישע מה־יפית מיטשילער האָבן זיך פון אים אָפּגע־טרייסלט, פלעגט ער זיי צו ערשט גוט אָניאָדען:

„פּאַסקודניאַקעס וואָס איר זענט, איר שעמט זיך מיט אייער פאָלק"? און צו מאָל באַקרעפטיקן די פּראָפּאַגאַנדע זיינע מיט אַ פיינעם פּאָרפּאָר אין דער פּטיליצע...

ב

ניט אַזוי טוט זיך עס, ווי עס שרייבט זיך.

מיט די יאָרן איז דער קעשענעווער יונגער יוריסט יצחק קאַרן געוואָרן אַ ציוניסטישער טוער, און אין דעם שרייבער פון די שורות, איז רחמנא ליצלן אַריין דער לינקער... ייִדישיסט־קאָמוניסטישער דיבוק.

קאַרענען פלעג איך זעלטן זען, אָבער אַז מיר פלעגן זיך באַגעגענען, האָט געהערשט צווישן אונדז אַ מין אידעישער „בורג־פרידן". ניט מער ער פלעגט זיך קאַטאָוועסדיק אַ וויצל טאָן:

— נו, ווען מאַכסטו שוין די רעוואָלוציע ביי אונדז אויך? דו שמיר אָן באַצייטנס די רעדער אירע מיט דאַהאָטי, וועט זי גיכער אָנצ׳יען.

און מיך געלאָזט מיט אַ שאַטנדל פון פאַרהוכקעטן טרויער און באַדויער וויטער „לינק" לויפן...

ג

אין דעמאָלטדיקן קעשענעוו זיינען ביינאַנד מיט די עלטערע ציוניסטישע לייבן (וועגן זיי וועלן מיר באַזונדער שרייבן) אויפגעקומען דריי יונגע אָד־לערלעך: דער „קראַסאַוויץ״ מעכל קאַטליאַר, דער קוועקזילבערדיקער מאַר־קולעשטער מאירל קאַטיק און יצחק קאָרן.

טרעפט אַז איך פאַל אַריין אויף איינעם אַ סימפּאָזיום: „ארץ ישראל און דער גלות״. אין זאַל קאָפּ אויף קאָפּ, און אויף דער טריבונע טאַקע נאָר ווי ביים נביא אין דער וויזיע — דערנעבן די ציוניסטישע „לייבן״, טיגערס און אָדלערס, די לינקאַטשישע „פרומע שעפעלעך״: קאָוואַרסקי, וויסמאַן און אוירעג.

און פון די אַלע בליאַסקענדיקע דרשות, מיט וועלכע איך האָב מיך אָנגעהערט אין יענעם אָוונט, איז מיר פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש, אויף אַלע תמיד, אָט דער רעגנבויגנדיקער רעטאָרישער געפּעכט צווישן אַ „לינקן״ און אַ „רעכטן״. דער גייסטרייכער ליטוואַק שמואל קאָוואַרסקי, דער גע־קריינדלטער פירער פונעם „בונד״:

— „פּאַלעסטינע איז דאָך גרויס ווי אַ גענייץ. קען דען אַ גענייץ לייזן די יידישע פראַגע!?״

דער עולם אַפּלאָדירט, קייכט פון געלעכטער פון דעם שאַרפשפּיציקן זאָג. „אָך, האָט ער זיי אַריינגעזאָגט, דער קאָוואַרסקי, די ציוניסטן, ביזן ביין אַריין״. און דאָ שפּרינגט אויף מיט אַ מאָל קאָרן, און עפּעס טאַקע נאָך מיטן שווונג פון אַן אָדלערל גוט ער זיך אַ צעפּאָכע אויף דער טריבונע און צע־שמייכלט זיך:

— „חבר קאָוואַרסקי, גאָט זאָל העלפן אַז דער קלוגיטשקער זאָג אייערער זאָל אייך געשיכטלעך נישט אויספאַלן באָקאָם״. און „נאָך אַ זאַך, זייט פאַר־זיכטיק מיט גענעצן, ווייל עס טרעפט, אַז מ׳גיט אַ מאָל, חס וחלילה אַזאַ מין גענעץ, אַז מ׳קען שוין דערנאָך ניט פאַרמאַכן דאָס... מויל״.

אָפּגעזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט קאַלטבלוטיק אויפן לעצטן פרעזידיום בענקל און שוין מער ניט געשמייכלט. די צוהערער האָבן שוין געלאַכט פאַר אים. קאָוואַרסקי איז געבליבן זיצן עפּעס זייער פאַרדעגנט. אפשר האָט אין אים אַ גלימער געטאָן די טונקעלע אָנונג פון קאָרנס טרויעריקער נבואה, וועלכע איז לײדער גאָר, גאָר גיך מקוים געוואָרן...

ד

ווען איך ביזן לעצטן אָטעם פֿאַרגעדענקען דעם ערשטן אָונט פֿון די שרייבער, נייע עולים „פֿון דאָרטן", אין נאָוועמבער פֿונעם 1972סטן יאָר אין „בית יהודי בסרביה". אַלע מיר, די ערשט געקומענע, די מיט די סיווע קעפּ, וואָס האָבן נאָך נישט אָפּגעפּראַשעט דעם סאָוועטישן פֿאַרעך פֿון זייערע מידע פּיס, האָבן געלייענט שיין, גערעדט שיין, און איך שוין אַפֿילו אַ ביסל צו... שיין. נאָר יצחק קאָרן האָט נישט געוואָלט „ריידן שיין". ער האָט זיך היימישלעך אַ ווענד געטאָן צום טויזנטקעפּיקן עולם וועלכער האָט געהאָוועט און געטומלט, ווי אַ מאָל אין יענע ווייטע יאָרן...

און בכלל האָט ער אין יענעם אויפֿדערנאַכט אויסגעזען שוין גאָרנישט ווי אַן „אָפּיציעלער פֿאָרזיצער", נאָר ווי אַ האַרציקער טאַטע וואָס קלייבט אָן אַ שיעור נחת, הן פֿון זיינע צעפֿריילעכטע לאַנדסלייט, הן פֿון די שרייבער־עולים, סיי די און סיי יענע זיינען זיינע אויסגעבענקטע קינדער. און ער דאַנקט עס אַזוי בעל־שמסקע פֿרום דער געטלעכער השגחה וואָס ער האָט זוכה געווען זיי צו זען אַלע אונטער דער סטריכע פֿון דער וואַרעמער נעסט, וואָס טראָגט דעם נאָמען — בית יהודי בסרביה.

עס איז געווען אַ נחת צו קוקן ווי ער טייעט עס אַזוי אָן, וואָס דער רוח הקודש פֿון בעסאַראַביע של מעלה פֿלאַטערט אַזוי פּאַרכטיק.

ה

איך וויל ניט באַלעסטיקן יצחק קאָרן מיט קיין סך לויבווערטער, ווייל ערגעץ־ווו האָט ער זיי נישט האָלט. אים איז ליבערשט ווען מען קידער ווידערט זיך מיט אים, איז ווייל ער האָט ניט ליב קיין צירלעך־מאַנירלעכע רייד, וועל איך זאָגן:

שטענדיק ווען בין טעלעפאָן לטעלעפאָן, בין געסט פֿון אַמעריקע און אורחים פֿון אַרגענטינע און אַנדערע צענדליקער געזעלשאַפֿטלעכע טוונגען — כאַפּ איך מיך אַריין אויף איין פּוס, אין קאָרנס שטאַב־קוואַרטיר אויף מענדעלע 9, איז האָב איך דאָס געפֿיל אַז איך זע מיין מאַמע די קדושה, אים יצחקן צו לענגערע יאָר, דאָס ראַמט זי אַזוי אַרויס דעם וואָכעדיקן חמץ און גרייט זיך מקבל פּנים זיין דעם שיינעם הייליקן יום־טוב פּסח.

ער טוט עס, קאָרן, אַזוי אָן האַרמידער, עס איז דער פּונק דער געירשנ־

טער פון דורות בעסאַראַבער ייִדן, וואָס טליִעט שטענדיק אין זיין געמיט.

ה. לייוויק — דער שׂר פון דער ייִדישער שירה — האָט הייליק און בענקשאַפטלעך אַ זאָג געטאָן: „וואָרט, נס פון וואָרט"! ביי יצחק, דעם דעם קרעפטיקן פובליציסט, דער מחבר פון וואָגיקע ספרים, און אחרון, אחרון חביב — דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור, איז עס אויך די בענקשאַפט נאָך טאַט, נאָך מעשׂים גרויסע, דערהויבענע, מיט איין וואָרט — טוונג! נס פון טאַט!

אָט דעריבער פרעג איך אים קיין מאָל ניט וויפל יאָרן ער איז אַלט? ווייל כאָטש דער קאָפּ איז אַ ווייסער, איז דאָס האַרץ יונג און בליִענדיק.

בריוו פון יאַנקל יאַקיר

אויסצוגן פון בריוו צום זון*

15.7.73

שלום, מיינע ליבע קינדער!

און אַזוי, מיין טייערער זון, שטעל דיר פאָר אַז ווען כ׳האָב אַרויסגעטרעטן אין תל־אביב, איז אין סאַמע ברען פון מיין אָראַטאָרישער אינספּיראַציע, האָב איך מיט אַ מאָל, צווישן אַלע אַלטע לייט, דיך דערזען, דעם איינציקן יונגן צוהערער מיינעם.

מ׳קען וועגן דעם אָנשרייבן אַ גאַנצן ראָמאַן, ווי אַלץ וואָס איז יונג און גרין — פאַרקערעוועט פון דער פאַרוויינטער מאַמע — ייִדיש...

✶

19.11.73

מיין טייערער זון!

פּרייטיק, האָב איך אין איינעם מיט נאָך צוויי חשובע מענטשן געמאַכט אַ בליץ־וויזיט איבערן לאַנד; צוויי הונדערט קילאָמעטער. איך בין געווען אַ שעה אין חיפה, ביי די פאַרוווּנדעטע אין סאַנאַטאָריע. געכאַפּט אַ שמועס מיט זיי דערנאָך ביים ערשטן קאָמוניסט, ישו הנוצרי, דערנאָך — ביי די דרוזן, ביי די וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע זין אין דער מלחמה. אַ גוואַלדיקער איינדרוק. וועגן דעם אַלעמען דאַרף מען שרייבן. איך האָב געזען וווּנדערלעכע ערטער. גאָט מיינער, ווי ליב איך האָב דאָס לאַנד — די לעצטע סטאַנציע מיינע!

...וואָס מערער די טעג גייען אַוועק, אַלץ גרעסער די בענקעניש נאָך בלימעלען,[1] און אויב זי ליגט אין דער ערד, איז אַ גאַזלעוויסטווע אָפּצומערקן

* די בריוו זיינען איבערזעצט פון רוסיש, דורך זיין פרוי מאַניע, געשריבן פון נתניה קיין חיפה.

1 בלימעלע — די טאָכטער פון יאַנקל יאַקיר. אַ שרייבערין. געשטאָרבן אין עלטער פון 35 יאָר, פון אַ שווערער קראַנקייט.

די „גרויסע געדולה" וואָס איך בין געקומען אויף דער וועלט. דערפֿאַר: קיין שום פֿייערונג צו מיין געבוירנטאָג!

ווען שׂרהלע וועט קומען צו אונדז, לאָז זי מיטנעמען מיט זיך אירע מכשירים צו די אויגן: די מאַמען און מיר טוען וויי די אויגן. ווייזט אויס, ווייל יעדער איינער ווינט פֿאַר זיך באַזונדער... ווי איך, צום ביישפּיל, איצט. ס'טוט שטאַרק, שטאַרק ווי דאָס האַרץ נאָך בלימעלען...

איך קוש דיך — דיין טאַטע

*

28.11.73

מיין טייערער זון!

איך וועל אָנהויבן פֿון דעם סוף. איך בין צופֿרידן, ערטערווייז אַפֿילו זייער צופֿרידן. איך שטרייך דאָס אונטער, פֿון אייער אַרבעט.[2] די צווייטע טייל איז באַזונדערס געלונגען, ערטערווייז אַפֿילו צו פֿיל געלונגען. אַקעגן דעם: ווען מאַרשאַק האָט איבערזעצט בערנסן, האָט טוואַרדאָווסקי אָנגעשריבן אַ לויב־געזאַנג, נאָר צוגעגעבן: „סטרוגאַל, לטרוגאַל, דאָ פּערעסטרוגאַל". אויף ייִדיש וועט דאָס קלינגען בערך אַזוי: געשליפֿן, געשליפֿן, ביז פֿאַרלוירן דעם וויפּל?" הייסט עס אַז אַפֿילו דער אַלטער סאַמואיל יאַקאָוולעוויטש האָט ערגעץ־ווו איבערגעזאָלצן, איז דיר צו לענגערע יאָר, מעג שלום יאַקאָוולעוויטש „פֿאַרבעסערן".

צום ענין: אַז ס'גייט די רייד וועגן דער תּפֿילה ביים דאַווענען יום כּיפּור, דאָרטן אין סיביר, ווען איך האָב שוין געטראַכט, ווי אַלע איבעריקע, אַז מיר דאַווענען דאָס לעצטע מאָל, איז שרייב איך: „און יעדער איינער האָט זיך אויף זיין אופֿן אויסגעוויינט פֿאַרן ייִדישן כּביכול, כאָטש קיין סך כּוחות צו וויינען און דאַווענען האָבן מיר נישט געהאַט". איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז מ'האָט נישט געטאָרט דורכלאָזן אַזעלכע שורות וואָס זיינען איבער־געפּולט מיט אַזוי פֿיל ייִדישן צער אין משך פֿון יאָרהונדערטער. דאָס איז דאָך מערער ווו די העלדן פֿון קראָנשטאַט, איז ווי אַזוי־זשע האָסטו זיי איבערגעהיפּערט.[3]

---

2 ס'רעדט זיך דאָ וועגן דער איבערזעצונג פֿון יאַנקל יאַקירס דערציילונג „אַ שליטן מיט ישובניקעס". פֿון ייִדיש און רוסיש — געמאַכט פֿון דעם זון מיט דער שניר.

3 דאָ גייט אַ וכוח וועגן די שורות וואָס דער זון האָט דורכגעלאָזט, רעכענענדיק זיי פֿאַר צו סענטימענטאַלע.

שיקט זיך אַז ס׳דערגייט נישט צו איך אַז דאָס איז אַ תּפילה, אַ געבעט אויף דער גרענעץ פון אומקום? אַז איך האָב נישט געדאַוונט און געבעטן פאַר סטאַלינס געזונט, וואָס־זשע איז דאָ דערביי? כאָטש מיר זיינען, שלום, אייגענע, זיינען מיר פאַרשידענע. מיינע וואָרצלען זיינען פונעם 19טן יאָר־הונדערט, קוים מיטן קלענסטן פינגערל זיך צוגערירט צו דעם פאַרשאָל־טענעם 20סטן יאָרהונדערט. און דו ביסט אַ זון פון זיין יאָרהונדערט. דו ווייסט שוין ווי איין און ווי אויס. ערגעץ־ווו האָט איר זיך שוין אַפילו צוגערירט צום איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פון דאַנען קומט דער אונטערשייד פונעם קוק אויף זאַכן און פונעם געשמאַק. איך געב דיר דאָ נישט קיין מוסר, חס וחלילה. איך בין נישט קיין מלאך און דו ביסט נישט קיין גאָלעך. איך בין פשוט אַ טורגעניעווסקי, און איר — נאַבאָקאָווסקי.

איך וועה איך זיין זער דאַנקבאַר אויב (ס׳וועט דאָך קומען אַזאַ טאָג) איר וועט אָפּהיטן מיין קליינע ליטעראַרישע ירושה, ווייל אין אַמעריקע איז שוין דאָ אַזעלכע זין און אייניקלעך פון די אומגליקלעכע יידישע שרייבער, וואָס וואַרפן אַרויס די ירושה פון די טאַטעס און זיידעס אויפן מיסט. איך וויל גלויבן אַז ביי מיר איז דאָ אַ יורש.

✶

5.12.73

מיינע טייערע קינדער!

היינט האָט פּלוצעם אַ פליי גענומען אויף מיר אַ שטראָם פון בענקעניש. איך האָב אַ מאָל געשריבן — אַ שוידערלעכע בענקעניש — אונדזער בלימעלע האָט געלייענט, האָט אַ שמייכל געטאָן מיט איר קלוגן שמייכל, דער אייג־ציקער אין דער וועלט, — „צי סענטימענטאַל״ — האָט זי זיך אַ לאַשטשע געטאָן צו מיר. איצט שמייכלט שוין קיינער נישט און איך בין געבליבן דער לעצטער סענטימענטאַלער מאָהיקאַנער. פאַריתומט געוואָרן סיי מיין וואָרט, סיי מיין סענטימענטאַלקייט. די בענקעניש איז אָבער אַ בענקעניש. איז וועמען־זשע שרייבן, אַז נישט איך?

ס׳האָט געלעבט אַזאַ שרייבער, אַ פראַנצויז, זשול ראָמען. ער האָט אָנגעשריבן אַן אויסערגעוויינלעכע פּיעסע — „טרואַדעק״ וועלכע האָט גע־טריבן פון דער וועלט מאַירהאָלדן. איז אָט דער מידער סקעפּטיקער האָט געזאָגט: „ווען אַלע שרייען: מיין לאַנד איז אין געפאַר, ווייס איך אַז איך

האָב קיין היים נישט. און ווען אַלע שרייען: די קינדער פון אונדזער לאַנד, הייסט דאָס, קיין קינדער זיינען אויך נישטאָ״. און ביי מיר אין בין השמשות פון מיין לעבן, איז אַלץ פאַרקערט: דאָס לאַנד איז פון דעסטוועגן, מיין היים. און די קינדער פונעם לאַנד האָב איך ליב, נישט וויניקער ווי אייך.

היינט האָב איך געהערט פון איינער אַ וָתיטשקע, אַ שוידערלעכן זאַג: „מ׳דאַרף זיך צו ביסלעך צוגעוווינען צום געדאַנק אַז אונדזערע זין זיינען געגעבן געוואָרן פאַר אונדז, נאָר ביז צוואַנציק יאָר״...

איוב אַליין וואָלט אַזוי נישט געזאָגט... אין דער פרי בין איך געגאַנגען אין באַנק. דער פאַרוואַלטער האָט אויף מיין וויץ נישט רעאַגירט; ס׳איז אומגעקומען זיין שוואָגער. דערנאָך בין איך געגאַנגען אין ביטוח לאומי, דאָרט האָט זיך אַ סאָלדאַט דורכגעוועראַלט, צוליב סאָציאַלע הילף פאַר זיין שוועגערין, דער ברודער איז אומגעקומען. און דערנאָך, שוין לעבן אונדזער שטוב, באַגעגנט אונדזער יונג אַלמנה׳כל מיט צוויי פיצלעך קינדער.

און זאָגט אַז „דאָס גרויסע רוסישע פאָלק״ העלפט אונדז נישט לעבן?

און חלומות האָב איך — פאַרשיווע. די פאַריקע נאַכט בין איך געווען ביי די קעטייצעס אין פלען, נאָך דאָס האָט מיר געפעלט! איך באַמי זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ פריילעכן שטראָם און גיס אין זיך אָפּטימיזם ווי אין אַ לעבערדיקן פאַס. ס׳העלפט נישט. עד! גוט איז די גלייכגילטיקע און די סנאָבן; זיי ליגן זיך אַלץ אונטער אַ ווייך פלאַץ... און איך, גאָט מיינער! ס׳טרעט צו און ס׳טרעט אָפּ.

היינט אין אָוונט, אויף דער באַגעגעניש, האָב איך אַוועקגעשטעלט אַלע ריידעס אין אַ זייט און געלייענט שלום־עליכמען. געלייענט גוט און אַלע האָבן מיר געלאַכט, ווי אין לידל; היינט איז נעכטן / מאָרגן איז אויס / נאָט אייך אַ שמייכל / און וואַרפט מיך אַרויס.

איך קוש אייך — אייער טאַטע

*

23.12.73

מיינע טייערע!

אויב שוין ריידן מיט אייך וועגן פּאָליטיק, איז ווייסט איר דאָך אַז יעדע פּאַרטיי קומט און גייט אַוועק, און דער פאַסטן קען פליען אין איינעם מיט דער אַוועקגייענדיקער פּאַרטיי. דערפאַר דאַרף מען זיצן אין דער היים, לאַשטשען

דאָס ווייבל, קוקן טעלעוויזיע, העלפן אין דערווירטשאַפט און זיך נישט רעשן אויפן פּאָליטישן יאַריד. דאָ, איז די פּאַרטיי אייפערזיכטיקער און גרויזאַמער פון אַ פרוי.

דערפאַר — היט אייך!

✶

24.1.74

שלום, מיינע ליבע קינדער!

...וועגן סאַמע וויכטיקסטן און הייליקסטן: ס׳געדענקט זיך מיר אין די יונגע יאָרן, בערך פון אַ יאָר זעכצן, האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג אַזאַ מין זאָג פון דעם אויסערן־מיניסטער פריק, ער איז געווען אַ ביטערער און בייסיקער פאַשיסט. ס׳האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אויף אַ גאַנץ לעבן: „אַז מיר, פאַשיסטן, וועלן קומען צו דער מאַכט, וועלן זיך וואַלגערן אין זאַמד ידישע און קאָמוניסטישע קעפּ״. אַ שוידערלעכער פּחד איז געפאַלן אויף מיר און כ׳האָב געפרעגט דיין זיידן, יאָסל יאַקיר: שיקט זיך אַז ס׳קען אַזוינס געמאָלט זיין? און יאָסל יאַקיר איז געווען אַ קליינשטעטלדיקער ייִד, ווי אַלע אַנדערע, האָט ער געחלומט וועגן גליק פאַר זיינע קינדער און איי־ניקלעך. אין זיין קליינשטעטלדיקער קאַטעגאָריע, האָבן די אַלע שוידערלעכע דראָונגען אים נישט איבערגעראַשט. נאָר ער איינער האָט אַזוי געטראַכט? היטלער האָט אַ גאַנצע וועלט אומגעבראַכט. וואָס פלוצעם האָב איך זיך אין דעם דערמאָנט? ווייל ס׳רוקט זיך אָן אויף דער וועלט אַ נייע שוידער־לעכע כמאַרע און מ׳דאַרף זיין גרייט.

אָן אונדז, זאָגסטו שלומל, וואָלט דיין לעבן קיין לעבן נישט געווען. איך גלייב דיר. ס׳וועט דיר נישט זיין „פריילעך״ אָן אונדז... נו, און איך, אָן דיין מאַמען, שטעל מיר אויך נישט פאַר קיין לעבן. און מיט אַלע כּוחות, באַמי איך זיך איר צו געבן כאָטש אַ היימיש ווינקל אין דער אומהיימלעכער וועלט.

...וועגן דיינע טרעפלעכע באַמערקונגען פאַר מיין הומאָר. מיך, וועט שוין דער רוח אַליין נישט פאַרריכטן. אין מיינע יאָרן, אָדער מ׳ווערט אַ גאון, אָדער מ׳פּגרט אַ טיפּש. ווייזט אויס אַז ס׳זעט זיך פאַר דאָס צווייטע.

מיר ווערן נאַרישער פון טאָג צו טאָג.

✶

19.4.74

לשלום יאַקיר, שלום רב![4]

איז אַט די בריוו געווען פאַרטראַכט צו שרייבן אין שלום־עליכמס נוסח. יוי שטענדיק — איז שוין ביי מיר געווען דאָס קעפּל: „איין טאָג פון דעם לעבן פון יעקב יאָסיפּאָוויטשן". נאָר, אַזוי בין איך שוין — אַ שטימונג מענטש! ס'טרעט צו און ס'טרעט אָפּ. בלימעלע פלעגט שטענדיק לאַכן ווען איך האָב איבערגעחזרט די ווערטער: „דו קאַפּסט איבער אַ ביסל, פּאַפּע"!

ס'טראַכט זיך מיר איצט אַז אין די הייליקע ביכער זאָגט מען אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זיין אייגענעם געשטאַלט. גאָט אַליין איז אויך נישט זער קיין געלונגענער.

און אַט מיר, איך מיט דיין מאַמען, האָבן געשאַפן אַ זעלטן האַרמאָניש געשטאַלט; זי איז געווען ווי אַ רעגן־בויגן, אַלע פאַרבן אין דער וועלט האָבן אין איר געשפּילט. מיר זיינען פאַראַרעמט געוואָרן אָן איר... ווייזט אויס אַז אַזעלכע קינדער ווערן געבוירן פון גרויסער ליבע. זי איז געווען „איין מאָל בלימעלע". נישט אומזיסט, נאָך איר אַוועקגיין, בין איך אַזוי איינגע־בראָכן געוואָרן. קאָלימאַ[5] האָט מיך נישט איינגעבראָכן, זי — יאָ. ווי שווער איז מיר צו לעבן אָן איר, און ווי אַזוי איז איר דאָרט אָן אונדז?...

ערשט־אַ האָט געפּייפט די סירענע. צוויי מינוט טרויער. מיר לעבן פון איין אומגליק צום צווייטן. אומגליקן זיינען געוואָרן אונדזער באַרוף... די גויים „פילן" אונדז מיט, ס'ווערט נישט גוט ביים האַרצן. נישט אומזיסט האָבן די סאַברעס אַזוי שרעקלעך דאָס אָנגערופן — חָדְוַת השואה. מ'דאַרף מיט דעם ענדיקן איין מאָל פאַר אַלע מאָל. דיין דור וועט דאָס שוין טאָן. געלויבט זאָלן זיי זיין וואָס גויים האָבן שוין מורא פאַר אונדז. זיי האָבן אונדז באַפרייט פון פחד. מיר זיינען שוין נישט דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. אויס־דערווילט צום קוילען און פּאָגראָמען.

ס'ווינט אין קיִעוו דער אַלטער שרייבער איציק קיפּניס. ער איז זייער אַ טאַלנאַטפולער. אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק וועט ער בלייבן אַ דאַנק איין פּראָזע. אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט האָט ער

4 דער בריוו איז געשריבן צום זון אין דער אַרמיי.

5 קאָלימאַ — דאָס פּלאַץ ווו יאַנקל יאַקיר איז אָפּגעזעסן זעקס יאָר מיט אַ חודש — פון דעם 49סטן יאָר ביז דעם 55סטן.

אָנגעשריבן נאָך די פּאָגראָמען פון פּעטליורען, אַ בוך: „חדשים און טעג״. איז אָט — טעלעגראַפיש! נאָך איינער אַזאַ מין שחיטה, גייט אַן אַלטער ייִד אין שטעטל שטאַרק פאַרטראַכט. פרעגט מען אים — וואָס זענט איר אַזוי טיף פאַרטראַכט, ר׳ חיים? ענטפערט ער: — איך טראַכט „ווען וועלן מיר שוין הרגענען שיקסעס״? שוין! אַלע יאָרן האָט מען געשלאָגן קיפּניסן פאַר דער פּראָזע. אָבער זי איז געבליבן. און גוט וואָס זי איז דאָ. לאָמיר אַריין אין דער געשיכטע, צום פאַרגיין פון דעם ווילדן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי העלדן, און נישט ווי „די חכמים״. גענוג שוין חכמה. אַגב, מיר ייִדן זיינען שוין גאָר נישט אַזעלכע חכמים...

איך האָב אָנגעשריבן אַן עסיי וועגן דרוקערן.[6] בלימעלען וואָלט געפעלן. זי האָט געהאַט אַ חוש־הריח פאַר ייִדיש און אַ געזונטן און אָרגאַניזירטן שׂכל. אַ טיפּיש בעסאַראַבער. דאָס איז נישט קיין פּראָזע. זי איז געגאַנגען פון אונדזערע דאָרפישע וואָרצלען און איז געווען דאָס אייניקל פון דער באָבע איטען; זי איז געפאָרן לאַנגזאַם אויף דעם פערד, אָבער פעסט אָנגעזאָטלט. זי איז געבוירן געוואָרן אַ זאַפּטיקע, אַ חכמה.

...זיי מוחל, שלומל, מיינע גראַמאַטישע פעלערן און ענטפער אַזוי:

„איך קוש דיך — טאַטע — אַפילו דיינע אָרטאָגראַפישע גרייזן״.

דערווייל זיי געזונט! איך נעם דיך אַרום און קוש דיך.

דיין טאַטע

*

22.7.74

מיינע טייערע קינדער!

אַ גוט מאָרגן אייך! די זגוריצער ווערא זאַסוליטש[7] האָט מיך אויפגעוועקט פאַר טאָג, ווי שטענדיק. זי קאַשעוואַרעט דאָרט אין קיך און טראַכט אַפילו נישט קיין איין מינוט צו מאַקאַריוסן[8] און איך שרייב אייך איצט און טראַכט: ווי אַזוי גייט זי נישט אָן דער גורל פון דער וועלט?

---

6 ירמיהו דרוקער — אַ ייִדישער שרייבער, לעבט אין אָדעס.

7 די זגוריצער ווערא זאַסוליטש — אַזוי האָט יאַנקל יאַקיר גערופן זיין פרוי, זעט אויס צוליב איר ענערגישער, שטאַרקער נאַטור.

8 מאַקאַריוס — פּרעזידענט פון קאַפּריסין, דאָרט זיינען אין יאָר 1974 פאָרגעקומען בלוטיקע געשעענישן.

דאָס איז נישט קיין מאַניע. דאָס איז אַן אוטיאָס! אַ פּעלדז!

איצט וועגן איבערזעצונגען; וועגן איבערזעצונגען האָב איך שוין געלייענט אַ וועלט מיט ווונדערלעכע און קלוגע סטאַטיאָס און אָפּהאַנדלונגען. אָט צום ביישפּיל, איינער פון די קלוגסטע פּאָעטן, אַן אמתער חכם — ח. נ. ביאַליק, האָט געזאָגט: „די סאַמע בעסטע איבערזעצונג איז אַקוראַט ווי מ׳זאָל זיך קושן דורך אַ טיכל״. און ער אַליין, דער אַדעסער חכם, איז געווען אַן איבערזעצער לעֵילא ולעילא. ער האָט יאָ געקענט, ווי מ׳זאָגט, פון „איך בעט איבער אייער כבוד״ פלעכטן אַ קוילעטש.

און די אוראייניקלעך פון צעזאַרן — די איטאַליענער? יענע האָבן געזאָגט: „טראַדוטאָרע — טראַדיטאָרע״ דאָס הייסט אַן איבערזעצער איז געגליכן צו אַ פאַררעטער. און אַזוי אַרום, שלומל, אין אַ גוטער שעה, ביסטו געוואָרן... אַ פאַררעטער.

*

6.6.75

מיינע טייערע שלומל און שׂרהלע![9]

דאָס איז שוין דער צווייטער בריוו וואָס איך שרייב איך פון יאָהאַנעסבורג, און אַזוי ווי איך וועל זיין ביז דעם דריטן יולי, בעט איך — מיר ענטפערן. אויפן צווייטן טאָג פון מיין קומען אַהער, האָט זיך אַריינגעשטעלט צו מיר אין האָטעל איינער, אַן עלטערער ייִד, אַ שרייבער — הערש שישלער. איך זאָגט דער נאָמען גאָרנישט, אָבער פאַר מיר איז ער — פּרעהיסטאָריע. אין יענע יאָרן ווען אייער טאַטע איז נאָך יונג געווען, פלעגן מיר זיך באַגעגענען מיט אים אין אַלע ייִדישע צייטונגען און זשורנאַלן פון רומעניע. אַ ווילער ייִד און זייער אַן אַפּאַראַטיווער. פּלוצעם האָט ער מיר אונטערגעטראָגן פיר צייטונגען „טשערנאָוויצער בלעטער״ פון יאָר 1937. ווידער אַ מאָל פאַר אייך, מיינע קינדער, איז עס אַ נאָמען פון אַ צייטונג. אָט אין דער צייטונג, האָט אייער פאָטער דעביוטירט צוריק מיט 45 יאָר. בלעטער איך די פאַרעלטערטע צייטונגען און גיי דאָ צווישן אַלייען פון אַ בית־עולם. דעם רעדאַקטער, שמואל־אַבאַ סופר, האָט מען דערהרגעט. געווען אַזאַ טייערער ייִד. די אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער זענען שוין אויך נישטאָ, קברים...

---

9 די איינציקע בריוו, געשריבן אין ייִדיש, צו די קינדער.

קברים... נאָר איינער עפּעס אַ יאַקיר, רעשט זיך דאָרטן מיט קולטור פּראָ־בלעמען, מיט אַ בריוו צום פאָלק. אַ באַקענטער נאָמען. האַ? ער פלעגט שטענדיק „קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט".

און מיט אַ מאָל דערזע איך: חיים ראַבינזאָן — בוקאַרעשט, וויגליד — „בלימאַלע יאַקיר אַ מתנה", און בלימעלע, אונדזער בלימעלע, איז דעמאָלט צוויי יאָר אַלט געווען. אַט איז דאָס ליד:

די נאַכט איז אַ קלאָרע, די נאַכט איז אַ ווייסע,
ביים שיין פון די שטערן וואָס פינקלען אין הימל
וועל איך דיר איצטער דערציילן אַ מעשׂה
קינדאַלע דרימל!

...געווען איז אַ פויגל מיט זיסע געזאַנגען
מיט פעדערלעך ווייסע
און קלאָר ווי דער הימל
האָט מען אים איין מאָל געכאַפּט און געפאַנגען
קינדאַלע דרימל.

שלאָפן די פעדערלעך איצטער אין קישן
און די געזאַנגען,
זיי דרימלען דערצווישן
ליגן זייביידע אין וויגל אַצינד
דרימל־זשע קינד!

די נאַכט איז אַ קלאָרע, די נאַכט איז אַ ווייסע,
ביים שיין פון די שטערן
וואָס פינקלען אין הימל,
נאָך אַ מאָל זאָל איך דערציילן די מעשׂה?...
קינדאַלע, דרימל!

בוקאַרעשט – 1938 – חיים ראַבינזאָן

שלומל, אַז מ׳ווינט זיך אויס, ווערט גרינגער. איז ווײַן דיך אויס ווי דײַן טאַטע אַצינד און פֿאַרשרײַב דאָס ליד אין דער כראָניקע פֿון דער די־נאַסטיע יאַקיר.

פּ.ס. אַלץ איז בסדר גמור... פֿאַרטראַגן, אינטערוויוען, ראַדיאָ. דאָס אין גאַנצן איז אויפֿן בוידעם אָ יאָריד און איך בין אין דער מיט...

איך קוש אײַך אַלע — אײַער טאַטע

✶

23.7.75

מײַן טײַערער זון!

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אונדזער מאַמען, שלומל, און געטראַכט: אָט דו, טײַערער יונגערמאַן — יאַנקל יאַקיר — קענסט שרײַבן, פֿאַרלייענען, דערציילן און טראַכטן שיין (ווי זאָגן די רוסישע: ברעשען שיין און ריטמיש) און זי, אונדזער מאַמע אויף וויפֿל איך קען זי, קען מיט אַזוי פֿיל געפֿיל און האַרץ אַלץ טאָן און מאַכט עס אַזוי שיין.

אָט נעכטן, אויף דער חתונה, איז זי געווען אַזוי גראַסאַרטיק אין איר װוּנדערבאַר קלייד. ווײַזט אויס אַז צו איר האָט געטראַכט אַלעקסאַנדער בלאָק ווען ער האָט געשריבן זײַן פּאָעמע „דאַמאַ וו קראַסנאָם״.[10]

וויפֿל שוידערלעכע ווינטן און בערעס האָבן זי געבויגן און געטריבן און זי האָט פֿון דעסטוועגן אויסגעזען אַזוי מאַיעסטעטיש. קוקסט אויף איר און גלויבסט נישט, אַז אַזאַ שלימזל ווי איך האָב געפֿונען אַזאַ אוצר.

זי איז געווען אַזאַ יום־טובדיקע, מיט איר איז שטענדיק יום־טובדיק.

✶

10.12.75

שלומל! איך שיק אײַך די מאַמען, אונדזער קלוגע ווערע זאַסוליטש. היט זי אָפּ און פֿריידט זיך מיט איר.

זי איז אַ זעלטענער מענטש!

---

10 „דאַמאַ וו קראַסנאָם״ (רוסיש) „די דאַמע אין רויטן״.

דער אַפּטייקער פֿון כאַנקי
(אַ בריוו פֿון דער מאַמען)

12.8.75

מײַן טײַערער זון!

שוין לאַנג האָב איך דיר נישט געשריבן. דו קענסט נאָך, חלילה, פֿאַרגעסן דאָס ייִדישע וואָס דו האָסט געלערנט פֿון מײַנע בריוו. אמת? דאָס זײַנען דײַנע ווערטער.

ס׳איז איצט פֿינף אַזייגער פֿאַר טאָג, איז וואָס־זשע האָט מיך אַזוי פֿרי אויפֿגעטראָגן? ווי זאָגט דײַן טאַטע: — „אַ דיבוק ליגט אין דיר״. אפֿשר איז ער גערעכט.

איך האָב זיך הײַנט דערמאָנט אין בלימעלעס אַ זאָג, אין איינע פֿון אירע דערציילונגען, אַז הונגערן און זײַן שטענדיק הונגעריק, זײַנען צוויי פֿאַר־שידענע זאַכן. מיר, צום בײַשפּיל, אין די מלחמה יאָרן, אין דער עוואַקואַציע, זײַנען געווען שטענדיק הונגעריק.

אָט דאָס איז דער „דיבוק״ וואָס האָט מיך הײַנט 5 אַזייגער פֿאַרטאָג אַראָפּגעטראָגן פֿון געלעגער און זיך גלײַך געזעצט דיר אָנשרײַבן אַ קליינעם עפּיזאָד פֿון דײַן טאַטן, אין צײַט פֿון דער מלחמה.

✶

געווען איז דאָס אין אוזבעקיסטאַן, אין אַ קליין שטעטעלע — כאַנקי. דײַן טאַטע, שלומל, האָט געאַרבעט אין דרײַ שולן; אין איינער — געווען דירעקטאָר, און אין צוויי — איבערגעגעבן דײַטש. פֿון וואַנען קומט צו אים דײַטש? ער האָט זיך געקויפֿט „אַ גרויסן ווערטער־בוך״ ווי יעקב שטערנ־בערג ז״ל האָט אים געעצהט אין טאַשקענט „און דאָס איבעריקע, יאַקיר, וועט גיין אין ייִדיש; פֿון אַלע קָמצן וועט איר מאַכן פַּתחן״.

און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג ביז ענדע 43סטן יאָר, ווען מ׳האָט מיט אַ מאָל

אויפגעהערט געבן ברויט אויף די קאַרטן, און דאָס באַוווּסטע קעסטל, וואָס מיר פלעגן עס רופן „קערניצע" האָט אָנגעהויבן פוסטעווען; מ'האָט שוין געגעבן רייז, נאָר פאַר קינדער.

פלוצעם, אין אַ שיינעם טאָג, קומט דיין טאַטע אַהיים מיט אַ גרויסער גדולה: ער האָט געפונען אַ פּאָרל וואָקזיכרטע פון חוטין, דאָס איז אויך בעסאַראַביע, גיט ער מיר אַריין אין יחוס, און הייבט אָן שיטן אין אייך אָטעם, ווי זיין טבע איז — שטאַרק ווילע מענטשן. ער איז אַן אַפּטייקער, האָבן זיי געבעטן מיר זאָלן אַריינקומען צו זיי, און איך האָב זיי בפירוש צוגעזאָגט. קום, לאָמיר גיין, טאַקע היינט אויף דער נאַכט, וואָס דאַרפן מיר אָפּלייגן?...

אויף דער נאַכט זיינען מיר שוין געזעסן אין אַ שיינעם „סאַלאָן". אין פאַרגלייך מיט אונדז, האָבן זיי זיך באַוווּנט גרייפיש; אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ טעלער מיט ביסקוויטלעך (פון די וואָס אונדזער בלימעלע דער־מאָנט אין איר דערציילונג, „רייקע — אַ גרויז הינטל"), די זעלבע קיילעכדיקע און האַלב לבנהדיקע. צו דער טיי, די באַוווּסטע מלחמה צוקערלעך „פּאַדו־שעטשקעס".*

דיין טאַטע זיצט און שיינט און שיט מיט תּורה... ס'פליען שרייבער און פּאָליטיקער ווי די אָלעשקעס און מיר זאָגן זיך, בפירוש, נישט אָפּ פון דער צווייטער גלאָז טיי, און מיין יונגערמאַן נעמט זייער איידל, מיט צוויי פינגער, יעדעס מאָל אַ ביסקוויטעלע און כאַפּט, בשעת־מעשׂה, אַ קוק צו מיר — איינער רעדט: וואָס זאָגסטו, מ'דאַרף זיך שוין אפשר אָפּשטעלן?...

אַהיים גייען מיר געאַרעמט און שטאַרק צופרידן. — טאַקע באמת ווילע מענטשן, און מיר וועלן האָבן אַ גוטע שטוב אַריינצוקומען, האַ? פרעגט ער ביי מיר. אין דרויסן איז פינצטער־חושך, נאָר איך פיל ווי ער שיינט פון גליק.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש: ער האָט געוואָלט דעם צווייטן פרייטיק זאָלן מיר ווידער גיין. איך האָב געטענהט — ס'איז נישט שיין, זאָלן מיינען טאַקע אין אַן אמתן... כ'ווייס נישט וואָס...

קוים זיך דערוואָרט צו די צוויי וואָכן. „אויסגעפּוצט" זיך און מ'גייט.

---

* „פּאַדושעטשקעס" — אין יידיש — קישעלעך.

דאָס מאָל איז דער טויער פאַרמאַכט, מ׳דאַרף קלונגען — נישט קיין גוטער סימן... אַ קלונג געטאָן, מ׳עפנט, מ׳דערפרייט זיך ווידער. דוכט זיך אַלץ ווי דאָס ערשטע מאָל. דיין טאַטע זיצט אויף „זיין" בענקל, איך — אויף מיינעם. ס׳גייט אַוועק אַ שמועס וועגן די לעצטע נייעסן אויף די פראָנטן. אויפן טיש איז נאָך דערוויל גאָר נישטאָ. אָפּגעזעסן אַ שעה און צוויי. קורץ — אויפן טיש האָט זיך טאַקע גאָרנישט באַוויזן.

נו, ס׳איז שוין שפּעט, האָב איך זיך אויפגעהויבן. זיך זייער פיין געזעגנט. ער, דער אַפּטייקער, האָט געלויבט דיין טאַטן, שלומל, ביז דעם זיבעטן הימל. אים באַשיט מיט שבחים — ער וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם אויפדערנאַכט, און ווידער אונדז איינגעלאַדן.

אַרויסגעקומען פון יענער זייט טויער — ווידער פינצטער־חושך. מיר גייען — יעדערער באַזונדער. איך בין בייז, פאַר וואָס האָבן מיר געדאַרפט ווידער גיין ?... דיין טאַטע איז בייז, ווייל ער איז געווען שטאַרק .. הונגעריק.

— „אַזאַ קאַרגוטש ! איך האָב אָבער תּיכּף געזען אַז ער איז פּשוט אַ גרויסער אויסשטעלער", מאַכט ער צו מיר און נעמט מיך, פון דעסטוועגן, אָן געאַרעמט...

— איי, האָב אים אויף אַ גוט אָרט. אומזיסט געווען היינט מיין גאַנץ ריידן. איך האָב אים געפירט, דעם גראָבן־יונג, פון איין שרייבער צום צווייטן. מטריח געווען אַלע גאונים פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער וועלט און פון יענער וועלט און ער, מ׳זאָל עס זאָגן — אַ פלעצאַלע... אַ אַ קאַרגוטש !

ס׳האָט מיר שטאַרק געריסן דאָס האַרץ אויף דיין טאַטן, שלומל !

אויסגעגאַן איז דאָס צו דעם קעסטל וואָס איז געווען ווי אַ קערניצע טיף און האָט שוין פאַרמאַגט אַ קליין ביסל רייז — קוים פאַרדעקט דעם דנאָ. איך האָב דאָס געהאַלטן נאָר פאַר די קינדער און זיך שוין גוט געדאַרפט אָנבויגן כדי אָנצושעפּן דאָס קליינע קוואַרטעלע און געשטעלט קאָכן.

און גוט איז אונדז געוואָרן, אוי גוט ! באַזונדערס אַז דיין טאַטע האָט זיך גאָר דערוווסט אַז „רייז האָבן ליב אַז מ׳לאָזט זיי לאַנג קאָכן". וואָס לענגער זיי קאָכן — אַלץ מערער ווערט...

ער איז אַלע מאָל צו געקומען, אַלע מאָל אַריינגעקוקט אין טעפּל און דערזען דעם גרעסטן וווּנדער פון דעם 20סטן יאָרהונדערט.

— אייל זיך נישט, לאָז נאָך קאָכן, איך קען וואַרטן וויפל מ׳דאַרף!...
מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן מיט צוויי פולע בייכער מיט רייז.
זייט געזונט אַלע, איך נעם דיך אַרום

דיין מאַמע

✶

פינף יאָר זענען פאַריבער נאָך דעם בריוו פונעם 12.8.75.
יאַנקל יאַקיר ז״ל איז שוין נישטאָ.

ווי האָט געזאָגט יאָסל לערנער, צו די שלושים, אַזוי טרעפלעך און אמתדיק: „יאָ, זעט אויס אַז יאַנקל יאַקיר האָט זיינע בעסאַראַבער עמך־יידן זער ליב געהאַט און דעריבער רײדן זײ ביי אים אַלע און שטענדיק מיט זיין שפּראַך, מיט זיינע קלוגע רייד, די אָנגעזאַפּטע מיט גלייכווערטלעך און אַפאָריזמען״.

איצט, ווען ס׳זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם בוך זיינעם, אַזוי פיל בעסאַראַבער, וואָס ער האָט זיי געפונען אין אַלע עקן וועלט, אַפילו אין יאָהאַנעסבורג איינעם אַ ליפּקאַנער — „לייזערל פּופּליק פון דעם ציגיינערישן געסל״ („אַ בעסאַראַבער אויף אַ... רפואה״) און ווו נישט? האָב איך, דעריבער, אויך מטריח געווען דעם „אַפּטייקער פון כאָנקי״. ער שטאַמט פון כאָטין, און כאָטין האָט מען מיר אַ מאָל אַריינגעגעבן אין יחוס, איז אויך... בעסאַ־ראַביע.

יאַנקל יאַקיר מיט זיין פרוי — 1934

26 — ער און 20 — זי.



מיט חברים אין בוקאַרעשט — 1937

פון רעכטס אויף לינקס, זיצן: שלמה ביקל, יעקב שטערנבערג

שטייען: הערץ ריווקין, יאַנקל יאַקיר, מאָטל סאַקציער.



יאַנקל יאַקיר מיט זיין פרוי און קינדער
פון רעכטס אויף לינקס: דער זון, די טאָכטער בלימעלע מיט איר מאַן.

אַזוי האָט ער גערעדט !
צו די 100 יאָר פון שלום־עליכמס געבוירן־טאָג, קעשענעוו — 1959.



צום „חודש פון יידישן בוך", אין בוענאָס־איירעס — 1974.
יאַנקל יאַקיר — אין צענטער.

אין קייפּטאָון (דרום אַפריקע) — 1975
פון רעכטס אויף לינקס: לייבל מאַרקמאַן, יאַנקל יאַקיר, ישעיהו שוואַלב.



יאַנקל יאַקיר מיט זיין זון און שניר.

יאַנקל יאַקיר מיט קינדער פון שכנים — נתניה, 1975.

וועגן יאַנקל יאַקיר

ש. וואַרזאַגער / רמת־גן

אַ שליטן מיט ישובניקעס

דערציילונגען פון יאַנקל יאַקיר, אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל, פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, תשל״ד.

פון די ערשטע עטלעכע זייטלעך גיט תיכף אַ שלאָג מיטן אַראָמאַט און קלימאַט פון ז. שניאורס „שקלאָווער״: קערנדיקע, געזונטע, האַרעפּאַשנע יידישע שיינקייט. לייענט מען ווייטער — שטאַרקט זיך דער איינדרוק. עס ווייעט אויך מיט עפּעס וואָס דערמאָנט, אין מהות־ און צייטאָפּשניט, אין די „זעלמעניאַנער״ פון מ. קולבאַק, וואָס גיט אַ טיפן און ערנסטן אַריינבליק אין דער תקופה פון ערב און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אַ תקופה פול מיט צוזאָג, אומרו און שווידערלעכע אויפטרייסלונגען. אַ נייע רעאַליטעט וואָס האָלט ערשט אין ווערן; אַ פּראָבירשטיין פאַר נייע אידעען, פּראָבלעמען, לעבנס־פאָרמען אין אַן אויפלייזנדיקן, לויזן, באַוועגלעכן מצב. די פּראָבלע־מאַטישע טעמאַטיק שטערט ניט דעם דערציילער יאַנקל יאַקיר אַריינצוקוקן אין דער טיף פון די אימפּעטדיקע געשעענישן און אַרויסצוברענגען פון דאָרטן עכטע, אמתע איבערלעבונגען. און דאָס אַ דאַנק זיין קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע, דמיון און קאָלירפולן דיסציפּלינירטן וואָרט.

האָט טאַקע יאַקיר עפּעס סיי פון זלמן שניאור סיי פון משה קולבאַק. קומען מיר דאָ צום עיקר־העיקרים פון יאַנקל יאַקירס פּראָזע: זיין לשון — ניט נאָר ווי אַן אינסטרומענט, אַ שפּראַך־כּלי, נייערט ווי אַ שרייב־נוסח וואָס איז אויך תוכן.

ניט נאָר מאָלדאַווישער הומאָר און חריפותדיקער, פּעפּערדיקער זאָג. עס איז אַ וואָרט־אוצר, שעפּערישער מהות, אָריגינעל־קינסטלעריש פּנים.

„זיי טייען אַן די רענדאָרעס. די הרובע איז אַ פּריסיק הייסע. די באַפּור־טערטע און באַברינדזעטע מאַמעליגע און דער ווייַן צעגייען זיך ווי סאָלץ אין די ביינער. די בעל־הביתטע איז אַ קאָשיקע און אַ חנעוודיקע און פון יעדן קוק אירן ווערט ליכטיקער אויפן האַרצן... און דאָס רעכטע הייבט זיך ערשט אָן. והראיה... אָט כאַפּט טאַקע גיטל די שאַל אויף די פּלייצעס, גיט

יצר־הרעדיק אַ וויג די באַקעס און לויפט אַראָפּ אין קעלער און באַווייזט באַשיימפּערלעך וואָס זי איז אויסן מיט דעם גרויסן גאָט אירן, וואָס זי פּאַרמאָגט. זי ברענגט אַרויף פינף פלעשער אַלטן וויין, וואָס זי באַהאַלט נאָר אויף די געהויבענע ימים־טובים און אויף... מען זאָל נישט באַדאַרפן״. (אַ שליטן מיט ישובניקעס, זז׳ 13־14).

דאָס איז בלויז אַ קורצער ציטאַט פון אַ גרויספּאַרמאַטיקן בוך פון 234 זייטן. דאָך שפּירט מען גלייך די שרייבערישע גבורה, דעם כּוח־הדיבור, בעתן מאָלן מענטשן, סיטואַציעס, האַנדלונג. וואָס מיינט דען גוטע פּראָזע? גע־שטאַלטיקן טיפּן, ריכטיק באַניצן זיך מיט קינסטלערישע מיטלען; עסטעטישע יסודות און אָריגינעלער איינפאַל; אומגעריכטער ווענד אין באַשטימטע סיטואַציעס; פּלאַנטער פון האַנדלונג.

נעמט מען אין אַכט אַז אַ שליטן מיט ישובניקעס פירט אונדז צוריק צו יענעם לעבנס־שטייגער וואָס איז אַזוי טראַגיש צעשטערט געוואָרן און איבערגעלאָזט אַזוי ווייניק פון די שאַפערישע כּוחות וואָס וואָלטן כאָטש טיילווייז געבראַכט צום אויסדרוק יענע תּקופה — איז יאַקירס פּראָזע שוין גאָר אַ יקר־מציאות (אויסנוצנדיק דעם מחברס אַ גלייכוואָרטל).

די העלדן און אַנטיהעלדן אין יאַקירס פּראָזע זענען ניט באַשריבן, נאָר דערלאַנגט לעבעדיקערהייט. מען זעט ווי זיי באַוועגן זיך; מען הערט ווי זיי טראַכטן; מען אידענטיפיצירט זיך מיט זייער אופן פון רעאַגירן, מיט זייערע אימפּולסן, זייער אַפּאַטיע און טרויעריקער פרייליכקייט, מיט דעם טראַגיש־גראָטעסקן פון דער רעאַליטעט אין וועלכער זיי זענען על כּרחם אַריינגעשליידערט געוואָרן. מען שפּירט דעם ווייטיק און דעם צער, דעם בטחון און די האָפענונג פון דער שאַרית־האומה אויף די וויסטע וועגן פון נע־ונד און פאַרשיקונג.

מען קומט אָן אין אַן אוזבעקישן קאָלכאָז:

„פון דער קאַראַקומער מידבר בלאָזט אַ פריסיקער, שׂרפהדיקער ווינט. אין זיינע פעלדן טראָגט ער, דער ווינט דער משחית, פּעך און שוועבל. ס׳אַ ווינט אַ מלאך־המוות. ער כאַפּט ביי די העלדזער, ער קרעלט אונדז אָפּ די פּנימער. עס פאַרפלען זיך אין זאַמד עופות, סע רעווען אייזלען און עס קאַוועטשען אימהדיק די הינט״. (דאָרט, ז׳ 131).

אויך דאָ אין דער פּאַרוואָרפּנקייט איז וואָך דעם מחברס אויג, דער חוש פֿאַר פּייסאַזש. פּסיכיש־גייסטיקע און פיזישע לאַנדשאַפּט ווערט דאָ אַרויס־געבראַכט מיט אַ סך קאָלאָריט און מאָלערישקייט, מיט ראָמאַנטישן רעאַליזם און היסטאָרישער פּערספּעקטיוו; מיט געזונטן הומאָר, מוזיקאַלישקייט און אַ שפּע פֿאָלקסווערטלעך און גלייכווערטלעך.

דאַרף פֿון דעסטוועגן דאָ געזאָגט ווערן: הומאָר, לאָקאַליזמען; מאָלדאַ־וויש, רוסיש, אוזבעקיש אין יידישער טראַנסקריפּציע — אַפילו ווען ס׳איז געווירצט און געשמאַלצן מיט אידיאָמאַטיק פֿון וואָלעכישן קאַנט און „פֿאַר־דרעלעוועט״ מיט בעסאַראַבישן חן איז, לפּי עניות דעאַי, דער באַניץ מיט זיי צו אַ ברייטהאַרציקער. אַ צו געדיכטער אַנוואָרף פֿון פֿאַרבן, ניט תּמיד אין געהעריקער מאָס און פּראָפּאָרציע.

אָבער אַזאַ איז די אָריגינעלע פּראָזע פֿון יאַנקל יאָקיר. אַזוי זעט דער מחבר זאַכן, מענטשן, סיטואַציעס. דער אָבסערוואַטאָר־קינסטלער זעט די רעאַליטעט נאָך איידער ער קומט מיט איר אין ממשותדיקן באַריר. אַ דאַנק דעם אינעווייניקסטן, מאַגישן זע־כּוח, כאַפּט ער אויף דאָס דרויסנדיקע און גיט עס אַ סוביעקטיוון אויסדרוק, אַ קינסטלערישן תּיקון. דאָס איז דער אמת וואָס יעדער קינסטלער טראָגט אים מיט זיך פֿון געבוירנשאַפט. דאָס איז זיין „רעאַלע וועלט״, וואָס אידענטיפֿיצירט זיך מיט דער דרויסנדיקער „אָביעק־טיווער וועלט״.

יאַנקל יאָקיר געהער בלי־ספק צו די אָבסערווירער־פּראָזאַיקערס. ער האָט ניט נאָר אַן אינעווייניקסט אויג, נאָר אויך אַן אָפּן יידיש האַרץ.

נאָך די דערציילונגען קומען אין בוך עטלעכע עסייען וועגן שרייבערס וואָס האָבן געלעבט „אין דער געבענטשטער מדינה צווישן דניעסטער און דער טינע״ — וועגן זיי בעט זיך צו שרייבן באַזונדער.

יעקב פּאַלאַטיצקי

ביכער וועגן אַ פאַרשניטענער וועלט

„אַ שליטן מיט ישובניקעס" פון יאַנקל יאַקיר*

אין אונדזערע ווייטע דרום־אַמעריקאַנער קאַנטן איז שווער געווען נאָכ־צולויפן די פּאָעטן און דערציילערס צווישן ביידע וועלט־מלחמות, בפרט די יעניקע וואָס האָבן זייערע שריפטן פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַלן ובפרט אין לענדער פון הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג.

די עליה קיין ישׂראל פון אַ ריי סאָוועטיש־יידישע פּענמענטשן האָט ממש אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ שפּרודלדיקן שבט פון שרייבערס און פּאָעטן מיט ענטוזיאַזם און באַגאַבטקייט און צווישן זיי, יאַנקל יאַקיר. אונדזער באַקענען זיך מיט אים איז גאָר געקומען פון זיינע גערעטענע, באַטעמטע און ברייט־פאַרנעמיקע רעדעס און ערשט דערנאָך האָבן מיר גענומען לייענען דאָ און דאָרט זיינע געשמאַקע שילדערונגען פול זאַפטיקן הומאָר און איבערגעפּולט מיט טרערנדיקער נאַראַציע.

פון יעקב יאַקירס ביאָגראַפישע דאַטעס האָבן מיר געוווּסט, אַז ער האָט אין 1930 דעביוטירט אין די „טשערנאָוויצער בלעטער" מיט אַן עסיי וועגן באַרימטן רומענישן שרייבער פּאַנאַיִט איסטראַטי, אַז שפּעטער האָט ער געשריבן עסייען, בעיקר סאָוועטישע, אָבער אויך אין „ליטעראַרישע בלעטער" פון וואַרשע. נאָר וואָר האָט די צייטשריפטן דאָ געזען? איז טאַקע נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי באַקענען זיך מיט אַ שרייבער דורך זיין בוך. אין זיין דעדיקאַציע פאַר מיר שרייבט יאַקיר „מיין ערשטלינג אין מאַמע־לשון", מאַמע מיט אַ קמץ, מע זאָל אין זינען האָבן אַז ער איז אַ בעסאַראַבער, פּונקט ווי ס'איז בכלל נישט מעגלעך אים צו פאַרטוישן נאָך דעם ווי איר גיט נאָר אַ לייען וואָסער שטעל איר זאָלט נאָר נישט אַ נעם טון פון זיינע דער־ציילונגען.

„...ס'איז ווינטער אין דרויסן; אַ שווערער קרירהדיקער ווינט מיט

---

* ארויסגעגעבן פון „קאָמיטעט פאַר ייד. קולטור אין ישׂראל", י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, תשל"ד.

פרעסט, זאַווערוכעס און שנייען. פּאַרט אויפן לאַפּושנער טראַקט אַ שליטן מיט פאַרשוינען. רענדאַרעס זענען די פאַרשוינען. אַנגעטאָן איז מען אין קורצע שמויסענע פעלצלעך און אויף די קעפּ שפּיציקע קוטשמעס...״

אַזוי הייבט זיך אָן די ערשטע דערציילונג, וואָס גיט שוין דעם נאָמען פאַרן גאַנצן בוך: „אַ שליטן מיט ישובניקעס״. פונעם „ווינטער אין דרויסן״ ווערט אייך באַלד „ליטעראַריש״ וואַרעם און איר שלינגט אַ דערציילונג נאָך אַ דערציילונג, אַ שילדערונג נאָך אַ שילדערונג און איר קריכט אַריין אין דער בעסאַראַבער סביבה גאַר אָן קאַטאַוועס. ווי לעבעדיק שטייט פאַר אייך גיטל די אַלמנה, וואָס איר אַרט שוין נישט אַז דער „האַרבווינעשע־לוילעם וועט פאַראיבל האָבן אויף איר...״ לייענט איר ווייטער: „...עפּעס האָבן זיך די ערשטע צייט יאָ געשדכנט פאַרשידענע אַלמנס און פאַרזעסענע בחורים. האָט עפּעס געשמעקט פון זיי מיט איבערגעטערפּטשעטע פעלעכלעך און פאַרלעגענער ברינדזע. און אפשר האָט זיך עס איר אויסגעדאַכט, ווייל איר זעליק, עפּעס טאָקע נאָר, ווי פון דער סאַמע וויג וואָלט מען אים געוועזן געבאָדן אין מיאַטקע־בעדער. איצט האָט זי זיי אויסגעזעצט, די עלטערע און די ייִנגערע ישובניקעס ביי דער אַנגעגליטער הרובע... אויפן טיש געלט זיך אַ גרויסע הייסע מאַמעליגע, צעשניידט מען זי מיט אַ פאָדעם, און מע טונקט די בריִנדיקע רעפטלעך אין טעלערס מיט צעלאָזטער פוטער און געזאַלצענע ברינדזע...״ איר לייענט און דערזעט דאָס בילד, וואָס דער מאָלער וגם צייכענער האָט אַרויסגענאָסטאַלגעוועט מיטן כוח פונעם אַדעקוואַטן און עלאָקווענטן וואָקאַבולאַר וואָס צינדט אָן אַ לוסט אין אייך צו זיצן בחברותא מיט דער געשילדערטער חברה ישובניקעס.

יאַנקל יאַקיר האָט אַ שטאַרקן כוח הדיבור אין זיין שרייבן און אַ באַזונדערן כוח השילדערונג פון מענטשן, אימאַזשן, געשעענישן און נאַטור־בילדער. חוץ זיין קערנדיקן, שפּרודלדיקן, פרישן, נאַטירלעכן בעסאַראַבער ייִדישן לשון האָט ער, יאַקיר, זיך אויסגעאַרבעט אַ וווּנדערלעכן סינטעז פון אַ הומאָר וואָס איז קערנדיק און פריש ווי די פרימאָרגן־שטראַלן פון דער אויפקומענדיקער זון אויף די פעלדער פון בעסאַראַביע, געמישט מיט דער עלעגיע פון זונפאַרגאַנג אויפן וועג, וואָס „שווייגט ווי זיין מאַמע — די אַלטע קלוגע ערד. און אפשר שוויגט ער (דער וועג) פון גרויסן טרויער, מחמת די טריט, וואָס לאַשטשען אים, ווילן פאַרגיין און זיך אויסלעשן? נאָר ער,

דער פראָסטער, דאָרפישער וועג, מיט זיינע שיפּועים און היגלען, וועט אַלץ לעבן און איבערלעבן..."

אינעם בוך גייען אַריין ניין דערציילונגען. צווישן זיי שילדערונגען פון מחברס קינדהייט און זיינע איבערלעבענישן אין דער סאָוועטישער פאַר־שיקונג אין קאַלימאַ, אין וויטן אוזבעקיסטאַן.

יאַקיר איז אַ מאַדים צו שילדערן איין סצענע נאָך דער אַנדערער. פאַרבינדן זיי, אַלץ דורך דער שפע פון וואָרט־צייכענונג און אַלץ מיטן גע־בענטשטן סינטעז פון צוזאַמענגעפלאָכטענע ניואַנסן פון הומאָריסטישער גראַציע און טריבן אומעט. דער תּוכן, דער סיפּור־המעשׂה טויכט אויף פון צווישן די אימאַזשן און נאַראַציעס און ס'ווערט אייך באַנג פאַר דער בעסאַ־ראַבער יידישער וועלט וואָס איז פאַרגאַנגען, און איר וויטיקט מיט די ליידן און עלנט אויף פאַרשיקונג — די רעזולטאַטן פון דער נייער אויפקומענדיקער "ליכטיקער וועלט", וואָס האָט פאַרפינצטערט און גלאָבאַל דערשטיקט דאָס גייסטיקע יידישע לעבן.

עס קומט נאָך סוף בוך דערמאָנונגען וועגן יעקב פיכמאַן און דריי אַנדערע בעסאַראַבער יידישע שריפטשטעלערס: זלמן ראָזענטאַל, מרדכי גאָלדענבערג און ישׂראל ווינשטיין, אַלע דריי אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד.

ווי געזאָגט, איז דאָס דאָזיקע בוך פון יאַנקל יאַקיר, זיין „ערשטלינג אין מאַמע־לשון", ווייל אין מאָלדאַוויש האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי ביכער. מיר ווייסן, אַז ס'ליגן שוין אין דרוק נאָך צוויי ביכער, און צווישן זיי אַן איבערזעצונג פון אַ בוך דערציילונגען פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער טאָכ־טער, אַ באַגאַבטע שרייבערין אין רוסיש, בלימעלע יאַקיר ע"ה. הלוואי זאָלן זיינע וויטערדיקע ביכער אין „מאַמע־לשון" וואָס גיכער דערזען די ליכ־טיקע שיין.

יוסף האָרן / בוענאָס־איירעס

דער שרייבער יאַנקל יאַקיר

צום היי־יעריקן „חודש פון יידישן בוך" אין בוענאָס־איירעס, וואָס די קהילה פירט שוין דורך צום 27סטן מאָל — מיט פאַרנעם — איז פאַרבעטן געוואָרן דער יידישער שרייבער־עולה יאַנקל יאַקיר, וואָס איז מיט אַ צוואַנציק חדשים צוריק, צוזאַמען מיט זיין פרוי מאַניע און זון שלום, (אַן אינזשיניער) געקומען אין מדינת ישראל און זיך באַזעצט אין נתניה.

ווען די שורות ווערן געשריבן, גרייט זיך שוין באַלד יאַנקל יאַקיר צוריק צו פליען קיין ישראל, הגם ער וועט נאָך ביי אונדז ויילן קרוב צוויי וואָכן. און זיינע דריי וואָכן זיין אין בוענאָס־איירעס האָט ער מיט זיין גערעדט און געשריבן וואָרט ממש באַוויזן — אָן שום איבערטרייבונג — אַ ביסל אויפצוטרייסלען די יידישע באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס.

אמת, יידן אין בוענאָס־איירעס האָבן שוין געהערט די גרעסטע רעדנער, וואָרטזאָגער און פאָליטישע פערזענלעכקייטן: יאַנקל יאַקיר דער שרייבער, איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש. אַליין אַ בעל יסורים, וואָס איז געפּייניקט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, צוזאַמען מיט נאָך, געוועזן פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע, דערציילט ער אָבער אין זיינע רעפעראַטן און לעקציעס זאַכן וואָס רייסן מיט און דערצו איז דער אופן דערציילן אינטים־רירנדיק, הגם באַווירצט מיט פיינעם הומאָר.

לאָמיר כאָטש פאַרצייכענען, ווו ער איז אויפגעטרעטן מיט זיין וואָרט. קודם ביים דערעפענען דעם חודש פון יידישן בוך, ביים פייערן 40 יאָר שלום־עליכם שול, ביים קאָנגרעס פון וועד־הקהילות — צוויי לעקציעס (אין עבֿרית) פאַר תּלמידים פון מדרשה און געהאַט אַ צוזאַמענקום מיט יידישע שרייבער אין פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג".

מאָסן פאַרזאַמלונגען האָט יאַנקל יאַקיר געהאַלטן דעם 12־טן אויגוסט צום 22סטן יאָרצייט נאָך די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין סאָוועט רוסלאַנד, און דערציילט פון די יידישע שרייבער אויף קאַטאָרגע אין ראַטנפאַרבאַנד.

ביי דער שארית הפליטה האָט ער רעפערירט: „דאָס סאָוועטישע יידנ־

טום אין גערא̈נגל פא̈ר זיין קיום". אין גרויסן זא̈ל פון „מרכז החינוך" הא̈ט יא̈נקל יא̈קיר גערעדט א.ד.ט. „יידיש סא̈וועטישע שרייבער ווי עולים אין ישׂראל" און א̈ צווייט מא̈ל: „דער סא̈וועטישער נא̈ציא̈נא̈לער געזעץ — בירא̈־בידזשא̈ן", ביי פול געפא̈קטע זא̈לן מיט צוהערער.

אין „שמעון דובנא̈וו הויז" אין קולטור־קא̈נגרעס, הא̈ט יא̈קיר רעפע־רירט וועגן „איציק מא̈נגערס יחוס בריוו", און אויף צו מא̈רגנס אין „ווא̈" וועגן „בעסא̈רא̈ביע אין ליד און אין קינה", און אין צוויי טעג א̈רום הא̈לט יא̈נקל יא̈קיר נא̈ך א̈ רעפערא̈ט ביי דער אויסשטעלונג פון יידישן בוך. קהילות ווענדן זיך א̈ז זיי ווילן, דער שרייבער יא̈נקל יא̈קיר זא̈ל קומען, ער איז א̈בער פיזיש נישט בכוח א̈לע פא̈רבעטונגען נא̈כצוקומען. צווייטנס, איז צו פא̈רן לא̈נגע שטחים.

דער עיקר: מ'הא̈ט דערהערט ווא̈ס יא̈נקל יא̈קיר דערציילט, ווייל ער איז מוסיף, ברענגט א̈רויס עפעס א̈זוינס ווא̈ס איז נא̈ך לעת־עתה צו אונדז נישט דערגא̈נגען. ער הא̈ט אין זיך א̈ קווא̈ל פון פא̈קטן, אינטימיטעטן, ווא̈ס זענען זעלטן נא̈ך פא̈רצייכנט.

ביז איצט איז בלויז דערשינען איין בוך זיינס אין ישׂראל אין פא̈רלא̈ג י.ל. פרץ: „א̈ שליטן מיט ישובניקעס". אין גיכן וועט דערשיינען זיינער א̈ בוך אין עברית: „די לבנה קוקט דורך א̈ בריל", און א̈ דריט בוך אין יידיש: „ביי די טייכן פון קא̈לימא̈".

גרויסער עולם וויל הערן און קומט אין מא̈סן צו די רעפערא̈טן און לעקציעס פון יא̈נקל יא̈קיר, און שרייבער רינגלען אים א̈רום מיט א̈ סך פריינדשא̈פט. עס איז באמת א̈ פרייד זיין ווילן אין א̈רגענטינע.

די טעג וועט יא̈קיר מוזן זיין כא̈טש איין טא̈ג אין מא̈נטעווידעא̈ און געבן א̈ רעפערא̈ט.

יא̈, יא̈נקל יא̈קירס בא̈זוך אין א̈רגענטינע וועט לא̈נג, לא̈נג דערמא̈נט ווערן צום גוטן.

„אונדזער ווא̈רט", פא̈ריז, 16.10.74

טעט־אַ־טעט מיט יאַנקל יאַקיר

ער איז דער צווייטער סאָוועטיש־ייִדישער שרייבער, וואָס מיר איז אויסגעקומען מיט אים נעענטער זיך צו באַקענען. דער ערשטער איז געווען יוסף קערלער, דער פֿאַראַיאָריקער גאַסט אונדזערער. פֿון דעסטוועגן מוז איך דאָ, כּדי אָפּצוגעבן דעם גייטיקן כּבֿוד דעם אמת, פֿאַרצייכענען, אַז מיין באַגעגעניש מיטן זאַפּטיקן שרייבער, יעקבֿ יאַקיר, איז מיר פֿאַרגעקומען ווי אַ המשך פֿון אַ טרעפֿונג פֿון ווער ווייסט ווי לאַנג פֿריִער — אַ פֿריִער וואָס איז גאָר קיין מאָל נישט געווען.

מיר איז נישט שווער צו ווערן פֿאַן־בראַטיש און היימיש ווען דער צד שכּנגד איז פֿון זעלביקן ס׳גאַל. סיי דער ערשטער און סיי דער צווייטער בלאָזן נישט פֿון זיך. אָבער איך מוז זאָגן, אַז דאָס זיצן מיט יאַנקל יאַקיר, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ האַלבער שעה און עס האָט זיך פֿאַר־צויגן אויף גאַנצע דריי שעה, איז פֿאַר מיר געווען אַן איבערלעבעניש.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז יאַקיר איז געבוירן געוואָרן מיט אַריבער 60 יאָר צוריק אין אַ בעסאַראַבער שטעטל — פֿערליץ, ביי אַ טאַטן אַ מילנער. געלערנט אין דער העברעיִשער רעליגיעזער גימנאַזיע „מגן דוד״. צו 20 יאָר אָנגעהויבן שרייבן אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״ מיט אַן עסיי וועגן באַרימטן רומענישן שרייבער פּאַנאַיט איסטראַטי. אין אַ יאָר אַרום, צוזאַמען מיט די טראַגיש־אומגעקומענע שרייבערס הערש־לייב קאַזשבער און הערץ ריווקין, אַרויסגעגעבן אין קעשענעוו די צייטשריפֿט „אָנזאָג״, אין וועלכער עס האָבן דעביוטירט אַ סך בעסאַראַבער דערציילערס און דיכטערס. פֿון 1931 ביז 1940 האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער און שרייבערישער טעטיקייט. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט עסייען, דערציילונגען און לידער.

אין אָקטאָבער *1972*, אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך דעם טראַגישן פֿאַרלוסט פֿון זיין געראָטענער טאָכטער, די טאַלאַנטפֿולע שריפֿטשטעלערין, בלימעלע יאַקיר ע״ה, עולה געווען מיט זיין פֿרוי און זון קיין ישׂראל.

מיט די ביאָגראַפֿישע דאַטעס האָב איך זיך באַקענט, כּדי בעסער צו קענען געניסן פֿון דער פֿריי צעזונגענער און כּל עצמותי תּאמרנהדיקער

נאַראַציע פון יאַקירס שרייבערישן סטיל, וואָס לויפט אַט ווי אַ שטילער וואַסער־שטראָם און אַט ווי אַ וואַסערפאַל, אָבער אַלץ איז געאָרדנט און געסדרט ווי אַ פול־אינסטרומענטירטע סימפאָניע מיט אַ מחיהדיקן לייט־מאָטיווישן הומאָריסטישן ניואַנס, וואָס ווינטלט קיל־גלעטנדיק די הייסע און טיפע ווונדן און באַוואָרעמט די שניידיק־פראַסטיקע אינטימע יסורים.

אַזוי שרייבט ער און אַזוי האַלט ער זיינע רעפעראַטן. אַנדערטהאַלבן שעה אַ רעפעראַט וועגן סאָוועטישן גרויל, און מען איז גרייט צו הערן און צו הערן. אַ סך וווּנדערן זיך: ווי קען ער אַזוי הומאָרפול ריידן וועגן אַזעלכע טראַגישע פּאַסירונגען מיט אים אַליין, מיט די אַחים לצרה? גיי דערצייל זיי, אַז אין יאַנקל יאַקירס שרייבן און אויך רעטאָריק (בעסער, דערציילע רישקייט) ווערט פּראָדוצירט הומאָר ווי האָניק ביי בינען.

איך זיץ און הער, און ס׳גלוסט זיך מיר נישט איבערצורייסן. איטלעכער עפּיזאָד איז דער קערן פאַר אַ יאַקיר־דערציילונג; איטלעכע טרעפעניש איז די עסענץ פאַר אַ פאַרוויקלטן נאַראַטיוון סיפור אָדער עסיי. מיינע קשיות ווערן בטל־בשישים און ספּריטנע און חכמהדיקע ענטפערס, וואָס זיינען מילגרוימדיק אָנגעפּיקעוועט מיט פאַקטן, מיט אויסטייטשן און מיט חריפה־דיקן באַנעם פון דער האַרטער שוין וואַכעדיקערווירקלעכקייט פון דעם וואָס הייסט סאָוועטיש־יידישע שרייבערס אין ישראל.

צו פיל פאַר אַן אינטערוויו. האָב איך טאַקע באַלד באַשלאָסן: צו וואָס פראַגעס? אויף זיי דאַרף מען ענטפערן און ענטפערס דאַרף מען שרייבן. האָב איך די טרעפונג בעסער פאַרוואַנדלט אין אַ סתם באַגעגעניש פאַר מיינע פערזענלעכע איינדרוקן. איך בין פול מיט זיי, אָבער דאָס פּלאַץ לאָזט נישט אַלץ איבערגעבן.

עס בלייבט נישט קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צו לייענען זיינע ביכער. הלוואַי זאָל ער זיי אַרויסגעבן וואָס מער.

„דאָס נייע וואָרט״, נומער 43(783), 25סטן אויגוסט־74

ישׂראל עמיאָט

אַן אויסגעצייכנט בוך!

(אויסצוגן פון אַ רעצענזיע — „אַ שליטן מיט ישובניקעס")

כ'האָב שוין לאַנג נישט געלייענט אַ בוך, ווו איך זאָל גאָרניט דאַרפן אָפּדינגען פון וואָרט „אויסגעצייכנט" ווי בעתן לייענען יאַנקל יאַקירס פּרעכטיק בוך דערציילונגען „אַ שליטן מיט ישובניקעס".

קודם האָב איך, איידער וואָס און ווען, שורה ביי שורה הנאה געהאַט פון דער פּעטער־זאַפּטיקער יידישער שפּראַך זיינער, וואָס אַ גוטע פּאָר הונדערט ווערטער, לאָקאַליזמען פון בעסאַראַבער ישובניקעס פּאַרטראַכט דער מחבר אַליין, און ערשט די גרויסאַרטיקע נאַראַציע מעג טייל מאָל די פּאַבולע זיין אַ קליינקייט, אָבער ווי אַן אמתער קינסטלער, שאַפט יאַקיר אַ וועלט מיט אַטמאָספער. פּונקט אַזוי ווי אין דער סאַמע ערשטער דערציי־לונג „אַ שליטן מיט ישובניקעס", וואָס פּאַרפּאַרט אין דער קרעטשמע צו גיטל דער אַלמנה, טייל ישובניקעס גלוסטן צו איר און זיי דריקן זיך אויס מגושמדיק ווי זיי זיינען. אָבער גיטל האָט אין זינען איר פּאַרשטאָרבענעם מאַן.

„עפּעס האָבן זיך די ערשטע צייט דווקא יאָ געשדכנט פּאַרשידענע אַלמנס און פּאַרזעסענע בחורים, האָט אָבער געשמעקט פון זיי מיט איבער־געטריפּעטשיטע פּעלעכלעך און פּאַרלעגערטער ברינדזע. און אפשר האָט זיך עס איר אויסגעדאַכט, ווייל איר זעליג, עפּעס טאַקע נאָר ווי פון דער סאַמע וויג וואָלט מען אים געבאָדן אין מיאַטקע בעדער".

די יידן וואָס זיינען געפאָרן אויף אַ ברית, האָבן מיטגענומען אַ בחור מיט זיך און גיטל וואָלט זייער געוואָלט האָבן דעם בחור פּאַר אַ חתן פּאַר איר איטעלען. די פּאַבולע איז דאָ אַ קליינע, אָבער וויפל שטייגער איז פּאַראַן אין אָט דער קליינער דערציילונג, וויפל חן!

יאַנקל יאַקיר דאַרף בכלל ניט האָבן קיין גרויסע אויפטרייסלונג אויף צו שאַפן זיין וווּנדער; קען זיין אַ קליינער עפּיזאָד, ווי אַ צירק אין שטעטל, אין דער דערציילונג „די לבנה קוקט דורך אַ בריל" (אַן אמת פּאַעטישער נאָמען!), אָבער וואָס פּאַראַ מייסטערשטיק איז פון דעם אַרויסגעקומען!

אַ „בשׂורה טובֿה״ איז אַ מעשׂה ווי אַזוי די דאָרפֿס ייִדן האָבן אויפֿגענומען די רעוואָלוציע פֿון 1917. ביי אַן אַנדערן וואָלט דאָ אַרויסגעקומען די ווייסע שטעך פֿון אַגיטקע, ביי יאַנקל יאַקיר איז דאָ אַ שלום-עליכם הומאָר מיט אַן אייגענעם אָריגינעלן דיאַלאָג.

און אַזוי הויך קינסטלעריש און אָריגינעל זיינען זיינע זכרונות וועגן זיין זיידן יאַנטשע, און אַפֿילו די אומעטיקע רעמיניסצענצן פֿון קאָנצענטראַציע לאַגער אין קאָלימאַ (אַ סאָוועטישער לאַגער פֿון שווערן רעזשים).

זיינע עסייען וועגן שרייבער ביים סוף פֿון בוך, ווייזן די גרויסע קולטור פֿונעם שרייבער און זיין באַהאַוונטקייט אין ליטעראַטור.

ס'איז אַ בוך, וואָס אָט מיר געוויזן יאַקירן, וועמען איך האָב נאָר געקענט, פֿאַר דער מלחמה, פֿון זיין פּאָעזיע אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, ווי איינעם פֿון אונדזערע בעסטע פּראָזע-שרייבער. נאָך אַ מאָל: האַלט ניט וואָרט. לייענט דאָס בוך!

„פֿאָרווערטס״ — 8.12.74

דאָס פּלעמל וואָס לײַכט אַרויס פון אַש

(יאַנקל יאַקיר: „אַ שליטן מיט ישובניקעס״ און אַנדערע דערציילונגען; אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל, פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, 1974, 234 ז״ז).

נאָכן איבערלייענען דאָס דאָזיקע בוך, האָב איך, דער וואָס האָט אָפּגע־לעבט זיינע ערשטע פינף און צוואַנציק יאָר אין בעסאַראַביע, דערפילט מיט ווייטיק דאָס וואָס איך האָב געוווּסט: אַז אַלץ וואָס איך האָב געקענט און איבערגעלאָזט איז היינט ניט מער ווי נעכטיקע טעג און נעכט און מע דאַרף זיין צופרידן אויב פון דעם אַלעמען וואָס איז געוואָרן אַש, לײַכט כאָטש אַרויס אַ פּלעמל. און דאָס טוט יאַנקל יאַקיר אין זיין זייער קאָנדענסירטן בוך — ער „צינדט אָן זיין ליכט״, ווי עס זאָגט ערגעץ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין אירס אַ ליד; ער צינדט אָן זיין ליכט נאָך דעם בעסאַראַביע פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

דערפון קאָן מען מיינען, אַז עס איז נאָך אַ בוך וואָס איז צוגעקומען צו צענדליקער ביכער וועגן אומגעקומענע ייִדישע ישובים. „אַ שליטן מיט ישובניקעס״ איז אָבער אין גאַנצן אַנדערש און קאָן בשום אופן ניט צוגע־רעכנט ווערן צו דער „חורבן־ליטעראַטור״, ווייל דער חורבן וואָס איז דאָ יאָ אָפּגעשפּיגלט איז ניט פון חומר, נייערט פון רוח. עס ווערט דאָ ניט איבער־געגעבן וועגן דעם חרוב־ווערן פון ישובים, נייערט וועגן חורבן פון גייסט, וואָס האָט געשוועבט און גערוּט איבער דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן ייִדישן לעבן פון דריי הונדערט טויזנט ייִדן אין בעסאַראַביע, וואָס זיי האָבן געמעגט לעבן אין קעשענעוו צי אין בעלץ און שפּעטער אַפילו אין תל־אביב אָדער אין ניו־יאָרק, זענען זיי אויף שטענדיק געבליבן ישובניקעס, „רענדאַרעס״, דאָרפס־ייִדן; בקיצור — אַ גאַנץ אַנדער מין שבט, וואָס זיין לעבן איז אויס־געלאָשן געוואָרן פונקט דאַן, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערגרייכן די העכסטע הייכן פון אייגענעם רוחניותדיקן אויסדרוק.

דאָס גאַנצע בוך לייענט זיך שפּאַנענדיק, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק און עס איז אַ געמיש פון עלעגיע און הומאָר, פון איובדיקער מעדיטאַציע און פויע־רישן קליגערן זיך. דאָס קומט אַזוי אַרויס דערפאַר, ווייל דער מחבר וויל איבערגעבן דעם מהות פון זיינע העלדן, וואָס זענען געווען פול מיט קוואַליקן לעבנס־זאַפט, אָבער אין אים ווײנט דאָס האַרץ אויפן גרויסן חורבן. דאָס טראַגישסטע קאַפּיטל אין בוך, דאָס לעצטע, האָט ווי אַ מאָטאָ די שורה פון אַן אַלט פאָלקסליד: „מיר, די בעסאַראַבער, די קאַטאָוועס־טרייבער". אָבער ווען דו לייענסט איבער דאָס דאָזיקע קאַפּיטל (און פאַר מיר איז דאָס בוך ניט קיין בוך „דערציילונגען", ווי עס זאָגט זיך אויפן שער־בלאַט, נייערט קאַפּיטלעך פון אַ ברייט־קאַנוועדיקער פערזענלעכער און שבט־ביאָגראַפיע), זעסטו ווי ווייט עס איז דאָ אַלץ פון קאַטאָוועס, און ווי טויט־ערנסט עס זענען געווען די נסיונות, וואָס מענטשן האָבן געמוזט אויסשטיין, כּדי אַ ביסעלע שפּעטער צוצוקומען צום אומפאַרמיידלעכן אויס.

דער דור יידישע פּען־מענטשן, צו וועלכע עס געהער יאַנקל יאַקיר, האָט אייגנטלעך ביז היינט נאָך ניט באַוויזן צו „קומען צום וואָרט" אויף אַ פרייען אופן. ער האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן אין דעם קעניגרייכישן רומעניע פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און, פאַרשטייט זיך, אַז אויך ניט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אַלס בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו דער פּוסק אחרון אויף יידישער ליטעראַטור איז דער קאַזיאָנער רעדאַקטאָר פון איינציקן זשורנאַל אויף יידיש. פּונקט ווי עליע שעכטמאַן האָט געקאָנט פאַרענדיקן זיין ראָמאַן „ערב" ערשט אין מדינת ישׂראל, אַזוי קאָנען אויך בעסאַראַבער יידישע שרייבערס און פּאָעטן זיך „אַראָפּשרייבן פון האַרצן" ערשט איצט אין ירושלים, תל־אביב אָדער נתניה.

געבענטשט זאָלן זיין די טעג, ווען עס זענען פון ראַטנפאַרבאַנד אַרויס־געפאָרן די שרייבערס און פּאָעטן, וואָס געפינען זיך היינט אין מדינת ישׂראל און קענען שרייבן און אַרויסגעבן זייערע ווערק. און פון יאַנקל יאַקירן איז נאָך דאָ אַ סך צו דערוואַרטן. דאָס איז זיין „ערשטלינג" אין בוכפאָרעם. זיינע לייענערס ווינטשן אים, און, ווי עגאָיסטן — זיך אַליין, אַז די יאָרן פאַר־שטומטקייט זאָלן איצט קאָמפּענסירט ווערן מיט אויסדרוק, אַזוי ווי ער פילט און מאַכט פילן, מיט זיינע דברים היוצאים מן הלב.

איציק קאַפּיטאַנוב

אויסצוג פון אַ בריוו

טייערער יאַנקל!

באַקומען דיין בוך און עס איינגעשלונגען אין איין אָטעם. און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — גאָלד מיט זילבער! אַ לשון! אַ סטיל! און אייגנאַרטיק ביז גאָר.

איך ווייס נישט מיט וועמען איך וואָלט דיך געקענט פאַרגלייכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, סיידן מיט איציק קיפּניסן, דיר צו לענגערע יאָר. אָ, די געזונטע, קאָרנדיקע בעסאַראַבער שפּראַך; דער פּראָסטאַצקער, צע־כראַסטעטער וואָלעכישער ייִדיש מיט דער געשמאַקער, שאַרפער רררייש, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים און שמעקט מיט אַלע ריחות פון די בעסאַ־ראַבער פאַרנאָכטן פרילינגס־צייט, ווען נאָך אַ לאַנגן הייסן טאָג, שוויצן זיי — דיינע רענדאַרעס — אויף די גאַניקעס, ביי די בייכיקע סאַמאָוואַרן...

וואָס פאַר אַ בענקשאַפט כאַפּט אַרום, לייענענדיק דיין בוך, נאָך יענע שטעטלעך, נאָך יענע ייִדן און נאָך יענע צייטן וואָס וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן... געבליבן איז נאָר דיין וווּנדערלעכע שפּראַך ווי אַ דענקמאָל נאָך יענע יאָרן וואָס זענען בלוט־אייגן און נאָענט.

לאַנג לעבן זאָלסטו פאַר דעם אויסערגעוויינלעכן נחת־רוח וואָס דיין בוך האָט מיר פאַרשאַפט.

תל־אביב, 20.2.1977

צו די שלושים נאָך יאַנקל יאַקיר ז״ל

אין טאָג פון די שלושים פון דעם שרייבער יאַנקל יאַקיר, דעם 27סטן פעברואַר 1980, זענען זיך צוזאַמענגעקומען די שרייבער און פריינד פונעם נפטר, ביים פרישן קבר אויפן בית־עלמין אין נתניה, כדי זיך מתיחד זיין מיט זיין אָנדענק.

אין אָוונט איז אין זאַל „אוהל שם״ אין נתניה, פאַרגעקומען אַ טרויער־פאַרזאַמלונג געווידמעט זיין אָנדענק, אויף וועלכער ס׳האָבן גערעדט: **אברהם יהל, ר. קליגלער** (ראש העיר), די שרייבער **מאָטל סאַקציער, יאָסל לערנער, מאיר חרץ,** דער זון פונעם נפטר **שלום יאַקיר** און **יצחק קאָרן,** וועלכער האָט געשלאָסן די טרויער־פאַרזאַמלונג.

*

מאָטל סאַקציער

אויף די שפּאַלטן פון די ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טריבונעס פון רומעניע האָט דער נאָמען פון יאַנקל יאַקיר זיך באַוויזן אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. ער האָט דעביוטירט מיט פּובליציסטישע און ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט רעאַגירט מיט אַ פּאָלעמיש־פאַר־שפּיצטער פּעדער אויף די פאַרשיידענע סאָציאַלע און קולטור־דערשיינונגען. ס׳איז אין זיינע אַרטיקלען געווען יוגנטלעכע האַפערדיקייט און אויך תּמי־מותדיקער גלויבן, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַן אמת, וועלכן די אָקטאָ־בער־ווינטן האָבן אַריבערגעווייעט איבערן דניעסטער און ער האָט פאַר־טשאַדעט די מוחות פון אַ סך יונגע מענטשן. יאַקיר איז געוואָרן דעמאָלט דער וואָרטזאָגער און מליץ פון דער שרייבנדיקער אָנהייבער־גרופּע.

קען זיין אַז דאָס האָט באַשטימט זיין אַמפּלואַ אויך אויף שפּעטער, אויף לאַנג, ווען מיר האָבן געמיינט אַז עס וועט זיך טאַקע אויסצייטיקן אַ ליטע־ראַטור־קריטיקער. אָבער שוין דעמאָלט האָט מען געפילט אַז אים איז שווער

צו פאַרבלייבן אין די ראַמען פון דעם זשאַנער. אין יעדער שורה זיינער האָט מען אָנגעטאַפּט דעם בעלעטריסטישן אָדער, די תּאווה פונעם דערציילער; אַפילו אין זיין מינדסטער נאָטיץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זיין נטיה צו שיינשרייבעריי, האָט זיך געהערט זיין בלשנות.

ער האָט ליב געהאַט דערציילן מעשׂיות, אויסקלעפּן שפּילעוודיק גע־שטאַלטן, סקיצירן פּאָרטרעטן פון באַקאַנטע, אויפּסיליען עפּיזאָדן פון זיין אייגענער ביאָגראַפיע, פון דער אַלטער היים, פון טאַטן דעם ספּלאָוועס־טרייבער אויפן פּרוט, פון דער מאַמען דער שמ״ר־לייענערין. מעשׂיות וועגן שכנים וואָס האָבן אָפּט מאָל געקלונגען גוזמאדיק און אַפילו אַנעקדאָטיש, נאָר זיי זענען אין תּוך געווען אמתדיק. אין יענער צייט האָב איך תּמיד חושד געווען אַז די אימפּראָוויזירטע, מינדלעכע מעשׂיות זיינען אַן איבונג, אַ „טשערנאָוויק״, אַן אָנוואָרף, הייסט עס, וואָס וועט שפּעטער קריגן אַ ליי־טעראַרישן תּיקון. איך האָב אויך געוווּסט אַז אין זיי איז פאַראַן אַ היפּשע דאָזע המצאות, עלעמענטן פון פאַנטאַזיע. כאָטש די סוזשעטן און קאַליזיעס זענען רעאַלע.

יאַקיר האָט ליב געהאַט דאָס גוזמאדיקע, דאָס איבערגעטריבענע, אויס־געטראַכטע און מיט הומאָר באַהויכטע. ער האָט ליב געהאַט צוצופּוצן די ווירקלעכקייט, אָנלייגן שמינק אויף אירע באַקן, צושרייבן מעלות זיינע פּערסאָנאַזשן. פאַרשעמערנדיק זיי. און דעם דאָזיקן „אוטרינע״־שטיק האָט מען דערקענט אויך אין זיינע עסייען, און אין פּאָרטרעטן פון שרייבערס, אין וועלכע ער האָט אויסגעמישט דאָס דאָקומענטאַר־אמתדיקע מיט אויס־געטראַכט־גוזמאדיקן.

אין בעסאַראַביע איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער צווישן זיינע חברים. נאָך איידער ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַ שרייבער, איז ער אויסגעפאָרן דעם קאַנט ווי אַ לעקטאָר, אַ פריוויליקער יידיש־שטאַפּעט, און פון שטעטל צו שטעטל געטראָגן דעם פאַקל פון דער יידיש־שאַפונג מיט יונגער פאַר־ליבטקייט און ענטוזיאַזם. אומעטום זיך באַגעגנט מיט פאָלקסמענטשן און פיקסירט אין זכּרון זייער שטייגער, זייערע פאַסטעמקעס, זייער אופן הדיבור. און מערקווערדיק: כאָטש ער האָט ווי קיינער פון זיינע חברים געקענט די פּראָבלעמען פון דער שארית הפּליטה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט י. יאַקיר געשריבן נישט וועגן דעם היינטצייטיקייט, נאָר דערציילונגען

וואָס זענען רעטראָספּעקציע, אַפילו גאָר ווייטע, געזעענע דורך די אויגן פון די עלטערן, איבערגעבראָכענע דורך דער פּריזמע פון זכּרון. אפשר האָט ער מורא געהאַט געשטרויכלט צו ווערן, ווען ער וועט זיך צורירן צו דער היינטצייטיקייט. אין דער אַמאָליקער סביבה האָט ער זיך געפילט בעסער, הימלעכער. ער האָט ליב געהאַט זיינע פּראָסטאַצקע פאַרשווינען, די האָרע־פאַשנע, אָפּטימיסטישע, לעבנסווילִיקע און ער האָט געסמאַקעוועט זייער מענה־לשון. איז דאָך זיין סטיל אָנגעפּיקעוועט מיט עלעמענטן און אינטאָ־נאַציעס פונעם פאָלקס־דיבור, אָנגעזאַפּט מיט לאָקאַליזמען און אַרכאַיזמען, וואָס, אויסגענוצטע מיט קענטעניש, מיט טאַקט און מאָס, מאַכן זיי אימפּע־טיקער ריזלען דאָס וואַרעמע בלוט פון דער פאָלקסשפּראַך.

אין דער צייט פונעם יחיד־קולט האָט ער נישט אויסגעמיטן דעם וועג פון יסורים אויף דעם „אַרכיפּעלאַג־גולאַג״. פאַר אַלע סאָוועטישע יאָרן נישט זוכה געווען צו זען זיינע מעשׂיות צונויפגענומען צווישן טאָוולען, ווי דאָס האָבן נישט זוכה געווען אַ סך אַנדערע ייִדישע שרייבערס, צוליב דער ספּעציפישקייט פון זייער טעמאַטיק און דער אויסדריקלעכער ייִדישער גייסטיקייט פון זייערע שאַפונגען. ערשט דאָ אין ישׂראל איז דערשינען (אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור) זיין בוך „אַ שליטן מיט ישובניקעס״, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פון די לייענערס און פון די ליטעראַטור־מומחים, אַ דאַנק די דערציילערישע און סטיליסטישע מעלות פון זיין שרייבן. דערפאַר איז אים אויך צוגעטיילט געוואָרן די בכבור־דיקע פּרעמיע אויפן נאָמען פון יעקב פיכמאַן.

פאַר די עטלעכע יאָר, זינט ער איז עולה געווען, האָט ער געדרוקט עסייען, דערציילונגען אין אַלע צייטשריפטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, געהאַלטן פאַרטראַגן. מיט דער זעלבער אומדערמידלעכקייט פון אַמאָל און דאָס איז דאָס ווערטיקע מיט וואָס ער האָט פאַרצייכנט זיין וועג. און דערפאַר איז זיין פּריצייטיק אַוועקגיין פון דער וועלט פאַר זיינע חברים שרייבערס אַ שווערע אבידה.

יאָסל לערנער

יאַנקל יאַקיר האָט דעביוטירט אין 1930 אין די „טשערנאָוויצער בלעטער" מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען און גאָר שנעל האָט זיין נאָמען זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין פאַרשיידענע ייִדישע רומענישע צייטשריפטן אין לאַנד און אויך אין אויסלאַנד.

פּיקאַנט און סימפּטאָמאַטיש איז געווען דאָס זשורנאַלעכל „אָנזאָג", וואָס ער האָט מיט נאָך צוויי גימנאַזיסטן, הערץ ריווקין, וועלכער איז אומגעקומען אין 1951 אין קאַזאַכישן לאַגער עקיבאַסטוס, און הערש לייב קאַזשבער — (געשטאָרבן פון הונגער אין 1941 אין סאַמאַרקאַנד), אַרויסגעגעבן אין — 1931 אין קעשענעוו. דאָס איז טאַקע געווען אַ פרישער אָנזאָג פון אַ יונגער שרייבער־גרופּע אין רומעניע. אַרום דעם זשורנאַלעכל האָבן זיך פאַרזאַמלט אַן אַנדערהאַלבן צענדליק אָנפאַנגער, פון וועלכע אַ קלײנער טייל האָט איבערגעלעבט די מלחמה, די סאָוועטישע לאַגערן, און האָבן די פעדער ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט.

יאַנקל יאַקיר, וואָס האָט אין דער שרייבער־גרופּע פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט, איז געווען דער אַקטיוויסטער, און געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דער גרופּע און זייער פּראָפּאַגאַנדיסט. ער האָט געשריבן קריטישע אַרטיקלען, עסייען וועגן ליטעראַטור, האָט שוין אין זיין פריִען עלטער זיך אָנגענומען מיט ערנסטן, ליטעראַרישן וויסן, און אַ סך געשריבן אויף קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעמעס. ער האָט פאַרמאָגט אַ פלינקע פעדער, הומאָר, אַ פיינע פאָלקסטימלעכע שפּראַך, און האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט סיי מיט זיין שרייבערישן אופן סיי מיט זיין קעמפערישן טעמפּעראַמענט.

אין זיין בוך „רומעניע" שרייבט שלמה ביקל וועגן יאַקירן אַזוי ווי ער האָט אים געקענט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה:

„ער האָט נאָך קיין בוך ניט פאַרמאָגט, אָבער ער האָט זיך אין די לעצטע עטלעכע יאָר ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה עטאַבלירט אין די ייִדישרומענישע צייטשריפטן ווי דער קריטישער אונטערפירער פון „יונג־רומעניע". געבוירן אין 1909 אין דעם בעסאַראַבער שטעטל פעראליץ און אויסגעזען האָט ער מיט זיין בלאָנדער טשופּרע און מיט זיין שלאַנקער געשטאַלט ווי אַ רוס. נישט געווען אין זיין פּנים עפּעס וואָס זאָל „פאַראַטן" זיין ייִדיש־

קיט. אָבער תּנועות און העוויות האָט יאַקיר געהאַט ביים רעדן, ביים גיין פון אַ ישיבה־בחור״.

אין 1941, באַלד נאָך דער „באַפּרייונג״ פון בּעסאַראַביע, איז יאַקיר, ווי אַלע בעסאַראַבער־געבוירענע שרייבער געקומען אַהיים, זיך באַזעצט אין קעשענעוו, געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווער „אייניקייט״. ער האָט נאָך דער מלחמה דורכגעקרענקט די בהדרגהדיקע ליקווידאַציע פון דער ייִדישער קולטור וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט דורכגעפירט מיט אַן אייזערנער האַנט, ביז דעם טראַגישן הויכפּונקט פון די אַרעסטן. אין 1949 ווערט ער צוזאַמען מיט זיינע חברים „פאַרשווערער״ קעגן דער ראַטנמאַכט, באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם און אַנדערע עבודה זרות, און ער קומט אָפּ גאַנצע זעקס יאָר אין די הרי חושך פון דער וויטער קאָלימאַ.

ווען דער „געניאַלער פאָטער פון די פעלקער״ האָט צוגעמאַכט די אויגן, קערט ער זיך אום אַ רעהאַביליטירער קיין קעשענעוו. אויסגעטשוכעט פון די קאָלימער וויסטע, טעג און נעכט, נעמט ער זיך ווידער מיט גרויסן פלייס צו דער פּעדער. ער אַרבעט מיט אין די מאָלדאַווישע פאָלקלאָריסטישע אויס־גאַבעס און שפּעטער, ווען סע הייבט אָן דערשיינען „סאָוועטיש היימלאַנד״, פאַרעפנטלעכט ער אין דעם איינציקן ייִדישן זשורנאַל אין סאָוועטנלאַנד, עסייען און דערציילונגען.

אין 1972 איז ער עולה קיין ישׂראל. דאָ טרעפן מיר יאַקירן אַ האָפער־דיקן ווידער און טעטיקן. זיינע אַרבעטן, דער עיקר עסייִסטישע, פאַרעפנט־לעכט ער אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלן. אין 1974 דערשיינט מיט דער הילף פון קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור זיין בוך דערציילונגען א. נ. „אַ שליטן מיט ישובניקעס״. ער זעצט איבער פון רוסיש און גיט אַרויס אַ בוך דערציילונגען פון זיין טאַלענטירטער, פּרי פון דער וועלט אַוועק־געגאַנגענער טאָכטער בלימעלע יאַקיר ע״ה, „די ווייסע ציג מיטן זיל־בערנעם גלעקעלע״. עס פאַרפאָלגט אים דער אַמאָל און די חרובע היים, און זיין בוך דערציילונגען איז טאַקע אַ דענקמאָל דער בעסאַראַבער היים מיט די האַרציקע, פּשוטע האָרעפּאַשנע ייִדן, מיט זייער חנוודיקן בעסאַראַבער טאַטע־מאַמע־לשון, מיט זייערע פאָלקסווערטלעך. אין די אַלע מעשׂיות ווערט וויניקער דערציילט און מער געשילדערט דער בעסאַראַבער שטייגער און פּייסאַזש מיט די ערלעכע און האַרציקע ייִדן — יענע מיט יצר־הרע

אָנגעפולטע חי וקימס, מיט זייער זאַפטיקן בעסאַראַבער לשון וואָס שפרודלט מיט חכמה.

אַ טייל פון די קריטיקערס און רעצענזענטן וואָס האָבן געשריבן וועגן יאַקירס בוך זייער פּאָזיטיוו, האָבן אים געקרוינט פאַר דעם באַזינגער און באַמאָלער פון דעם קאַנט, פון די אַלע טיפן און געשטאַלטן פון אַט דעם בעסאַראַבער שבט. זיי האָבן אָבער אין דער זעלבער צייט אָנגעוויזן אויף אויף די איבערגעטריבענע קלוגע רייד, חכמות און גלייכווערטלעך מיט וועלכע יאַקיר האָט באַשאָנקען זיינע רענדאַרעס.

צי האָבן זיי ווירקלעך טאַקע אַזוי געדענקט און גערעדט אָט די בעסאַראַבער פּראָסטאַקעס? זענען זיי אויף אַן אמתן טאַקע אַזוי געווען און אויסגעזען ווי יאַנקל יאַקיר האָט זיי באַשריבן און באַמאָלט מיט זיין געבענטשטער פעדער „אָט די בעלי־עגלות, רענדאַרעס און ברינזאַרעס״?

אין מאַקסים גאָרקיס „פאַרצייכענונגען״ וועגן לעוו טאָלסטאָי איז פאַראַן אַזאַ עפּיזאָד: — „איך האָב אים געלייענט די דערציילונג „דער אָקס״. ער האָט זייער געלאַכט און געלויבט דערפאַר וואָס איך קען די „פּאָקוסן פון שפּראַך״ — נאָר איר באַנוצט זיך מיט די ווערטער נישט געשיקט, — האָט טאָלסטאָי געזאָגט. אַלע פּויערים ריידן ביי אייך זייער קלוג. אין לעבן רעדן זיי נאַריש, אָן טעם. ——— ביי אייך איז אַלץ אַזוי געטאַקט. אין יעדער דערציילונג עפּעס אַ גאַנצע וועלט מיט חכמים און אַלע ריידן מיט אַפאָריזמען — — —

טאָלסטאָי האָט אַ שמייכל געטאָן און פאַרגעזעצט:

„נאָר זעט אויס איר האָט זיי אָט די פּויערים אייערע זייער ליב און דעריבער ריידן זיי אַלע שטענדיק מיט אייער שפּראַך״...

יאָ. זעט אויס אַז יאַנקל יאַקיר האָט זיינע בעסאַראַבער עמך־יידן זייער ליב געהאַט און דעריבער ריידן זיי ביי אים אַלע און שטענדיק מיט זיין שפּראַך, מיט זיינע קלוגע רייד, די אָנגעזאַפּטע מיט גלייכווערטלעך און אַפאָריזמען.

אָט דאָס איז געווען מיין באַגריסונג פאַר יאַנקל יאַקיר אין נאָמען פון יידישן שרייבער פאַראיין צו דער 15טער פאַרטיילונג פון יעקב פיכמאַן פּרעמיעס פאַרן יאָר תשל״ח אין בית יהודי בעסאַראַביע, און וועלכע איך חזר איבער מיט טרויער און באַדויער.

מאיר חרץ

באַקאַנט האָב איך זיך מיט יאַנקל יאַקירן אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ווען ער איז געקומען צו אונדז קיין מאַרקולעשט מיט אַ ליטעראַרישער לעקציע, זיך אַרומגערינגלט מיט דער יוגנט פון שטעטל, וועלכע האָט אַרויפּ־געקוקט צום שרייבער און מיטרעדאַקטאָר פון קעשענעווער „אָנזאָג" נומער איינס, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די ברייטע מאַסן ייִדיש לייענער אין דעמאָלטיקן רומעניע, באַזונדערס אין בעסאַראַביע. קיין נומער צוויי איז נישט אַרויס. שפּעטער איז דער יונגער יאַקיר אַרויס אין די „טשערנאָוויצער בלעטער" מיטן מאַניפעסט „מיר יונגע", מיטן מאַניפעסט פון דער גרופּע יונגע ייִדישע שרייבער „יונג־רומעניע".

איך ווייס נישט גענוי, ווען יאַקירס פּען האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט אויף פּאַפּיר, איך ווייס אָבער, אַז אַלע יאָרן, וואָס איך האָב אים געקענט, האָט ער „געליטן" פון אַ מין שרייבערישער אָנצינדונג, אַ מין דלקת כּתיבה, אויב מע קען אַזוי זיך אויסדריקן, וועלכע האָט נישט אויפ־געהערט אין אים צו טליען. מיט ליטעראַטור האָט ער געאָטעמט ביי טאָג. ליטעראַטור האָט ער געחלומט אין שלאָף ביי נאַכט. די ליבע צו זיין פרוי — ליטעראַטור. די ליבשאַפט צו די קינדער — ליטעראַטור. זיין שׂיחת חולין — ליטעראַטור. אין מיינע שמועסן מיט אים בין איך קיין מאָל צום וואָרט נישט געקומען און איך האָב אים געלאָזט רעדן און זיך אויסרעדן, דערציילן און זיך אויסדערציילן. לייענען פלעגט ער אַלץ, וואָס איז אים צו די הענט געקומען און וואָס ס'איז אים צו די הענט נישט געקומען, איז ער געווען דער גרעסטער מומחה עס צו קריגן פאַר יעדער פּרייז, ווי די נאַרקאָטיקער ביים קריגן סם. ער איז געווען פון די וויניקע אויך צווישן שרייבער, וועלכע האָבן אַזוי פיל אַריינגעלייענט און אַריינגעזאַפּט אין זיך. אין די יאָרן, ווען ער איז אָפּגעקומען אַ שטראָף אין אַ סאָוועטישן לאַגער און, נישט האָבנדיק קיין ייִדישע ביכער צום לייענען, האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט ביז דעמאָלט געלייענט, נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט... לויטן זיכּרון.

אין לעבן האָבן אַלע מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, געהאַט ביי אים נעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור — דער איז אַ באַנציע שוויג און יענער איז אַ מנחם־מענדל. דער איז אַ סטעמפּעניו צי אַ יאָסעלע סאָלאָוויי

און די און די איז בערגעלסאָנס מירעלע. דער איז אַ מין טביה דער מילכיקער און די איז אַ גאָלדע־סערדצע, אַ שׂרה בת טובים א.אַ.וו.

מיר זענען אַ מאָל געשטאַנען אין קעשענעוו אויף אַ זייטיק געסל, איז אונדז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּויעריש פאָר פאַלק. דער פּויער, אַ ביסל אויס־געטרונקען — האָט געדראָט מיטן פויסט דעם ווייב זיינעם, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ פון אַ שולדיקער. וואָרט, האָט ער געזאָגט, וועסט שוין ביי מיר כאַפּן אין דער היים. יאַקיר האָט אַ שמייכל געטאָן און מיר איינגערוימט: זי וועט שוין כאַפּן פּעטש מיט אַ נאַציאָנאַלן קאָלאָריט.

ייִדיש־לשון האָט ער ליב געהאַט מיט אַן איבערגעטריבענער ליבשאַפט, באַזונדערס זיין בעסאַראַבער דיאַלעקט, וואָס ער, פון זיין זייט, האָט צוגע־ווירצט און צוגעפעפערט, זיך קיין מאָל נישט געהיט מיט אַן איבעריק וואָרט. ווי קאָנען ווערטער זיין איבעריק בפרט בעסאַראַבער ייִדישע ווערטער? צי האָט איר שוין געזען אַ קרוין מיט איבעריקע דימענטן און בריליאַנטן? אַזעלכע זענען פאַר אים געווען אַלע ייִדישע ווערטער. דער אינהאַלט, דער סיפּור המעשׂה, איז ביי אים געשטאַנען אויפן צווייטן אָרט. ער האָט ניט מקפּיד געווען אויף דער וואָרהאַפטיקייט פון דערציילטן. נישט איין מאָל פלעגט ער צוקלעפּן אַ חן־פּינטעלע גראָד דעם, וואָס האָט עס נישט פאַרדינט, און די כוונה איז געווען נישט אַזוי יענעם צו באַשיינען ווי דאָס פּינטעלע צו ראַטעווען, סע זאָל זיך, חלילה, נישט אַרומוואַלגערן אַ ייִדיש חן־פּינטעלע.

איך ווייס נישט וויפל גוטע טעג ער האָט געהאַט פאַר זיינע 71 יאָר לעבן... איך ווייס נישט אויף וועלכן אָרט, אין וועלכער ריי מע וועט אַוועק־שטעלן זיין שטול אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער איך ווייס אויף געוויס, אַז אַ שטול האָט ער און אַז די שטול איז איצט געבליבן ליידיק און אַז ער וועט פעלן סיי די, וועלכע זענען געווען מיט אים פון דער ווייטנס און אַוודאי די, וועלכע זענען געווען מיט אים נאָענט. שטאַרק־שטאַרק פעלן.

...ס'איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש: אַט דער אידעיש איבערגע־געבענער יאַנקל יאַקיר איז אין 49טן יאָר פאַרכאַפּט געוואָרן פון די קאָמו־ניסטן און פאַרשיקט אויף צען יאָר. אויפן 7טן יאָר, אַז ער איז צוריקגעקומען קיין קעשענעוו, האָט מיר געקלונגען יעקב פיכמאַן: — יצחק, ס'איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון יאַנקל יאַקיר — אַ נס מן השמים, ער איז ביי מיר שוין געווען פאַרשריבן צווישן די פאַרפאַלענע.

איך קום אַריין, אַנהויב דיזנגוף האָט ער געוווינט, ס'האָט נאָך געלעבט בת־שבע, זיין פרוי, אַרויסגענומען אַ פּאָסט קאַרטל, אויף איין זייט דער אַדרעס: פּיסאַטעליו יעקבו פיכמאַנו, אָבער דער בריוו איז געווענדט צו מיר, געשריבן מיט אַזעלכע דריוונע אותיאַלעך, און שרייבט נישט מער און נישט ווייניקער: „מיסטאַמע דערמאָנסטו זיך ווען מיר זיינען צוזאַמען געווען. דו ווייסט, איך בענק שטאַרק נאָך דער מומע קרן קימת, ס'איז מיר שווער די לופט, מ'דאַרף בייטן די לופט". און אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע באַשרייבונג, נאָר מיט זיין הומאָר און אויסדרוק האָט געקענט קומען אַזאַ זאַך. איך קאַרטל, ס'צווייטע קאַרטל. פיכמאַן איז געווען באַצויבערט און זאָגט צו מיר: „שמע יצחק, יש בו סימנים של בעל תשובה".

אין יאָרן אַרום, 30 יאָר נאָך די קאַרטלעך, האָב איך אים, אויף דער טריבונע, שטילערהייט געזאָגט: דו ווייסט, יאַנקל, אַז דיין שרייבן צו יעקב פיכמאַן אין זיינער צייט, האָט באַרעכטיקט דיין באַקומען היינט דעם פּרס.

איך מיין אַז מ'האָט נאָך נישט געשריבן וועגן דעם פּלאַץ וואָס יאַנקל יאַקיר פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור. ער איז אַן אינטערעסאַנטע פּערזענ־לעכקייט, ער האָט עפּעס צוגעגעבן דער משפּחה פון די יידישע שרייבער.

ווען יאַנקל יאַקיר האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך „אַ שליטן מיט ישוב־ניקעס" האָבן ווייט, ווייט נישט קיין בעסאַראַבער, קאַריפייען פון די שרייבער און דיכטער, צווישן זיי סוצקעווער, געזאָגט — יצחק האָסט געטאָן אַ געוואַל־דיקן ביישטייער פאַר דער ליטעראַטור מיט זיינע אויסגעצייכנטע, אייגנ־האַרטיקע, עכט־בעסאַראַבער דערציילונגען. דאָס איז די געוואַלדיקסטע אויטענטישסטע מצבה דעם בעסאַראַבער יידנטום.

ווייניק זענען פאַראַן בענדער ווי ס'זאָל זיך אַזוי מאַניפעסטירן פאָלקס־

טימלעך אַט דער אייגנאַרטיקער שבט. און דער „שליטן מיט ישובניקעס" וועט נאָך זיין אַ טעמע. בעסאַראַבער ייִדן, גלייך מיט אַנדערע שרייבער, וועלן אים נאָך כאַראַקטעריזירן און אָפּשעצן אין זיין אייגנאַרטיקייט אַלס שרייבער און מענטש.

איך וויל אויך זאָגן אויפריכטיק און אויך זיין פרוי און זיין זון: טראָץ דעם וואָס איך בין זייער אַ פּאַרנומענער, אָבער ער איז מיר געווען איינגעבאַקן, ער איז מיר געווען נאָענט. יאַנקל יאַקיר האָט געהאַט אַ גרויסע מעלה, ער האָט נישט געבלאָזן פון זיך, געווען זייער אַ פֿאָלקסטימלעכער. ער איז געווען דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער טיפּ וועלכן איך האָב באַ־געגנט פאַר די לעצטע יאָרן פון בעסאַראַבער פּראָזאַיִקער.

אָט דאָ אין דעם זאַל, זאָגט מען, אַז ביז דרייסיק טעג, גייען אַרויס די מתים פון קבר און קומען הערן וואָס מ׳זאָגט וועגן זיי. אַזוי זאָגט די לעגענדע.

אין איינעם פון די ווינקלען פון דעם זאַל „אהל־שם", שטייט מיסטאָמע יאַנקל יאַקיר, און שמייכלט צו קורנעץ. ער פלעגט שטענדיק פאַרמאָגן אַ גוטן הומאָר, און טראַכט זיך: איר מיינט אַז איך דאַרף האָבן אייערע קאָמפּלי־מענטן? איר מיינט אַז דאָס איז מיין הויפּט־פראַגע? פאַרשטייט מיך בעסער — איך בין נישט נאָר געווען אַ וויצלער אָדער אַ שרייבער, כ׳בין געווען אַ טרייער זון פון מיין פֿאָלק און האָב עס געוואָלט פאַראייביקן.

אָט מיט דעם געפיל, באַגלייט איך אים יעדעס מאָל ווען איך טראַכט וועגן יאַנקל יאַקיר, און איך וויל בייטראָגן אַז זיין נאָמען זאָל בלייבן אין אַזאַ געשטאַלט ווי ער אַליין איז געווען.

אָפּשייד

דער זון אונדזוערער האָט געעפנט דאָס בוך מיט זיין „קדיש", איך וועל דאָס פאַרמאַכן, מיט מיין סך־הכּל.

יאָ! מ'דערציילט אַז שלום אַש, ביי אַ פייערלעכן קבלת־פּנים וואָס מ'האָט אים אַ מאָל געמאַכט, האָט געזאָגט: אויב אַ ייִדישן שרייבער קומט איין באַנקעט, קומט זיין פרוי דריי באַנקעטן: ערשטנס, ווייל זי איז אַ פרוי פון אַ שרייבער, צווייטנס — ווייל זי איז אַ פרוי פון אַ ייִדישן שרייבער, און דריטנס — געדענק איך שוין נישט פאַר וואָס?

איז טראַכט איך, וואָס האָט שלום אַש פרוי איבערגעלעבט אין פאַר־גליך מיט אונדז, די פרויען פון די ייִדישע שרייבער פון סאָוועט־רוסלאַנד? זיי, די מענער, האָבן אַדורך געמאַכט דעם גהינום אין די לאַגערן. מיר, די פרויען — אין דער היים...

טראָץ דעם אַלעמען, האָב איך דאָס שוין אַ מאָל געזאָגט און חזר דאָס איצט איבער, אַז ווען איך וועל נאָך אַ מאָל געבוירן און דאַרף אָנהייבן פון דעם „אָנהויב", וואָלט איך, מיסתּמא, ווידער אויסגעקליבן אַ ייִדישן שרייבער און בפירוש געזוכט נאָר אים — יאַנקל יאַקיר!

זעקס און פערציק יאָר זענען מיר געגאַן „אין שפּאַן". מיר זיינען געווען ווען פאַרשידן און ווען — גליך אין מאַמע האָט אונדז געהאָט.

אַזוי פיל יאָרן האָב איך געערט דעם „געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט" אָנהייבנדיק מיט די אַלטמאָדישע, פריייטיקדיקע פלעצלעך, וואָס האָבן פאַר־שמעקט מיט דעם היימישן ריח פון אַמאָליקן שבת... ביז צו יעדן מאַנוסקריפּט זיינעם, וואָס איך פלעג שטענדיק איבערשרייבן און אים אונטערטראָגן פייערלעך כּדי זיך „אויסצושטעלן" ווי שיין און ריין ער איז, און טאַקע תּיכּף באַקומען דעם שׂכר — „געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט". איך פלעג מאַכן דעם טראַדיציאָנעלן רעווערענס און ער פלעגט שטענדיק ווינטשן — „נאָך אַ סך יאָרן, רבונו של עולם"...

שווער און פיסגע זעגען געוואָרן די טעג אָן דעם זאָג זיינעם!...

ווער איך איצט ענדיקן מיט זיינע ווערטער: געבענטשט זאָל זיין דער טאָג און דער גורל, וואָס האָט אונדז אַזוי גוט צונויפגעפּאָרט...

און דאָ מוז איך דערמאָנען דעם זאָג פון אונדזער טאָכטער — בלימאַלע יאַקיר — אין איינעם פון אירע לעצטע טעג, אין שפּיטאָל, ווען זי האָט געעפנט די אויגן און אונדז דערזעןביידע זיצן אַנטקעגן איר בעט: — „אוי, האָב איך מיר אויסגעקליבן אַ גוט פּאָרעלע"...

זאָל זיי גרינג זיין די ערד. דער טאָכטער דאָרט, אין קעשענעוו, און דעם טאַטן דאָ, אין נתניה.

זאָל דער נאָמען — בלימעלע יאַקיר ז"ל — דערמאָנט ווערן אין איר טאַטנס בוך, וואָס דערשיינט כמעט צו איר צענטן יאָרצייט.

מאַניע יאַקיר

פ נ
היקר
הסופר של בסרביה
יעקב (יאנקל)
יקיר
ת נ צ ב ה

אינהאַלט

שלום יאַקיר — אַ קדיש נאָך מיין טאַטן 7

געשיכטעס

דעם זיידנס ברונעם 15
די אוווערטורע 26
נחמקע 33
דאָס יתומהלע 39
אויף קבר־שטעטל 43
אַ בעסאַראַבער אויף אַ... רפואה 46
אַ פאַרצייטיקע געשיכטע 52
אַ פאָלקסליד — אַ מחיהדיקס 55
מרים בת צבי 59

דריי לידער

ס'איז אַ פראָסט, ס'איז אַ מחיה 64
אַ ווינט אַן איינזאַמער אין פעלד 65
און אַז איך וועל קומען אַהיים 66

פאָרטרעטן

דער לעצטער בעסאַראַבער גאון 71
אַ יאָרצייט־ליכטל פאַר סאָלאָמאָן שור 79
דער אַפּאָקאַליפּטישער שרייבער בנימין טוטשינסקי . . 85
ירמיהו דרוקער 92
הערץ ריווקין־הייסינער ז״ל 110

הערש־לייב קאַזשבער 119
דער מערווינער ניגון 123
זייליק באַרדיטשעווער 126
אַ וואַלעכל אין ניו־יאָרק 131
די פּירזאַגערין פון שידורי ישראל 138
אַ בריוו פון בלה מיודובניק 143
שלום ראָזנפעלדס שמייכל 145
יצחק קאָרן 148

בריוו פון יאַנקל יאַקיר

אויסצוגן פון בריוו צום זון 155
דער אַפּטייקער פון כאַנקי 165

וועגן יאַנקל יאַקיר

ש. וואַרזאַגער: אַ שליטן מיט ישובניקעס 175
יעקב פּאַלאַטיצקי: ביכער וועגן אַ פאַרשניטענער וועלט . 178
יוסף האָרן: דער שרייבער יאַנקל יאַקיר 181
„דאָס נייע וואָרט": טעט־אַ־טעט מיט יאַנקל יאַקיר . . 183
ישׂראל עמיאָט: אַן אויסגעצייכנט בוך! 185
י. וויינשענקער: דאָס פלעמל וואָס לייכט אַרויס פון אַש . . 187
איציק קאַפּיטאַנאָוו: אויסצוג פון אַ בריוו 189

צו די שלושים נאָך יאַנקל יאַקיר ז"ל

מאָטל סאַקציער 191
יאָסל לערנער 194
מאיר חרץ 197
יצחק קאָרן 199
מאַניע יאַקיר: אַפּשייד 201